STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06387

BILDER UN DERTSEYLUNGEN

S. Berlinski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. בערלינסקי

בילדער און דערציילונגען

ש. בערלינסקי

בילדער און דערציילונגען

פארלאג
י.ל. פרץ
ביבליאטעק
תל-אביב, ישראל

1958

ש. בערלינסקי / בילדער און דערציילונגען
פאַרלאַג פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב

Allenby 59 רח׳ אלנבי
" 31 „

SZ. BERLINSKI / BILDER UN DERCAJLUNGEN

נדפס בישראל
Printed in Israel, 1958

דרוקעריי „אורלי“, יסוד המעלה 27, תל־אביב

בילדער און דערציילונגען

דער ערשטער און צווייטער טייל — ווי אויך די דערציילונגען: „חודש ניסן", „אַ פּאַרטאָג" און „רעטעכלעך" פון דריטן טייל — זענען געשריבן אין די יאָרן 1948—1957 — אין ישראל.

★

דאָס פּאַפּיר איז פון די מתנות פון יידישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק.

כ נ ר ת

בלוילעך מילד איז ער געלעגן אין זיין בעקן, דער כנרת. אַ ליכט האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיין פאַרב, ווי פון איידלשטיינער. און דורכ־זיכטיק איז ער געווען, דער כנרת, אַז עס האָט אויסגעדאַכט, אַז מען קען אַריין אין תוך פון זיין פאַרב און עס וועט זיך אַנטפּלעקן דער מיסטער־יעזער שפּיל פון קאָלירן.

און דעמאָלט, דעמאָלט וועסטו קענען אַריין אין אַלע פאַרבאָרגענע קעמערלעך פון דער יצירה. דו וועסט דעם מענטש, דאָס באַשעפעניש, דאָס געוויקס דערקענען לויט דער פאַרב. די פאַרב וועט רעדן, די פאַרב וועט דערציילן, די פאַרב וועט עפענען אַלע פאַרבאָרגנקייטן.

רויק ליגט ער, דער כנרת. כוואַליעס וויגן זיך און ברומען־צו, וויגן זיך און ברומען־צו, ווי קלאָווישן וואָלטן זיך געהויבן אין אים, קלאָווישן אויף וועלכע עס ווערט אויסגעשפּילט אַזאַ נגון.

איך הער זיך איין און מיטאַמאָל ווער איך אַרומגענומען מיט אַ פריידּ: אָט־אָ דעם נגון, אָט־אָ דעם וואַסער־שעפּטש פון כנרת האָבן דאָך אויך געהערט דער רמב״ם, ר׳ מאיר בעל הנס מיט זיינע תלמידים, וואָס זייערע קברים ליגן ביי זיין ברעג. און ער וועט אייביק אַזוי שעפּטשען, דער כנרת, פאַר קינדער און קינדס קינדער.

ביי די ראַנדן עפנט ער כסדר אויף לעפצן, וואָס קומען צום ברעג און צעגייען זיך אין וואַסער. אַזוי אָן אויפהער.

אַרום ציען זיך ברוינע בערג. זיי שפּילן אין דער זון אַזוי זיידן, אַזוי ברוין־זיידן פאַרן אויג. אויף ערטער פאַלדן זיי זיך, די בערג, מיט אַזאַ חן, אַז עס דאַכט זיך, ווי אַ פרויען־האַנט וואָלט די פאַלדן פאַרצויגן. אויף אַנדערע ערטער זענען זיי ווילד, די צייכנס אין די בערג, ווי חיות וואָלטן מיט זייערע ציינער די בערג געביסן.

ש. בערלינסקי

פון ווייטנס העלט דער חרמון מיטן אייביק בלאַנקנדיקן שניי אויפן קאָפּ. דער שניי איז באַזונט, נאָר ער צעגייט נישט. ער טאָפּיעט ממש ווי צעלאָזן זילבער, און ער בלייבט — דער שניי־באַרג. עפּעס ווי יענץ לעגענדאַריש ליכט, וואָס ברענט אין אַ באַרג שניי. און דו זעסט דעם גרויסן וווּנדער: אַ בלאָער ים, אַ העל־צעזונגטער הימל און שניי אויף אַ באַרג. און אַלע לעבן זיי בשלום.

אין די בערג פון יהודה

שלענגלסט זיך אַזוי אויף די געדרייטע וועגן אויפן נאַקן פון די בערג, אין פּרוזדור פון ירושלים, און אויף יעדן טראַט זעסטו דעם קאַמף פון מענטש קעגן פעלז.

ווייסע נאַקעטע פעלזן שטארצן אַרויס פון די בערג זייערע מעכ־טיקע פּלייצעס, אַז דיר שפּרינגט אַרויס פאַרן דמיון אַ ריז, אַ פעלז — אַ ריז, וואָס ליגט מיטן פּנים איינגעגראָבן אין דער ערד.

אויף ערטער הענגען זיי אַראָפּ, די פעלזן, פון די בערג־שפּיצים, און ליגן אַזוי רויק אין זייער ווילדקייט ווי חיות בעת זיי דרימלען.

די בערג פון יהודה, וואָס בילדן גאַנצע גרופּן, קייטלען זיך אַזוי אויף קילאָמעטערס ווייט און הייבן זיך איינער קעגן אַנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך כּסדר געמאָסטן ווער העכער איז. זיי פירן דיך אַרויף און אַראָפּ, ווידער אַרויף און ווידער אַראָפּ. זיי צעמישן דעם וועג, ווילן דיך נישט אַרויסלאָזן פון זיך. בלאָנדזשען זאָלסטו אין זיי.

אומעטום, ווו דיין אויג וואַרפט אַ בליק, זעסטו איינגעקנעטן די פעלזן אין די בערג, ווי אַ האַנט פון בורא עולם וואָלט דאָס געטאָן.

אַ געפיל פון בראשית נעמט דיך אַרום ביי די ריזיקע שטיינ־געוויקסן.

אָט ביי דעם אוראַלטן אָרט קומט דאָס אויס צו פירן אַ קאַמף מיט די פעלזן.

וואָרום אויב אַ מענטש באַזעצט זיך אין די בערג, מוז ער דאָך זיין חיונה ציען פון דער ערד, מוז ער דאָך די פעלזן אַרויסרייסן און שאַפן באָדן. דערצו זענען פאַראַן אַ גאַנצע ריי פּירות, ווי וויינטרויבן און איילבירטן, וואָס געדייען אין קלימאַט פון די בערג. מוז ער דאָך פאַר דיביימער אויך שאַפן באָדן. און וועלדער ווערן דאָך פאַרפלאַנצט

אין די בערג. דיביימער שטייען אַזוי כוואַטסקע אויף די בערג־שפּועים, ווי זיי וואָלטן כסדר באַוויזן אַ חכמה, צו האַלטן זיך אויף אַזאַ קרומקייט.

ביים אויסשטיינען דעם באָדן, גייט־אָן אַ שלאַכט, אַן אמתע מלחמה. די מענטשן קומען באַלאָדן מיט דינאַמיט אַרויסצורייסן די פעלזן פון זייערע אוראַלטע געלעגערס. עס קראַכט און עס דונערט, אַ רויך זעצט און די פעלזן ברילן ווי די צערייצטע חיות — ווי מען וואָלט זיך צוגע־רירט צו די יסודות פון דער וועלט און זיי געוואָלט אויפרייסן.

נישט שטענדיק לאָזט זיך דער מענטש אין קאַמף מיט די פעלזן, ווו נאָר ס׳איז מעגלעך, שליסט ער שלום מיט זיי. דהיינו: ער פלאַנצט די ביימער אין שפּאַלטן צווישן איין שטיין און אַנדערן, אָדער אין ערטער, ווו די שטיינער געפינען זיך שיטערער. עס ווערט געשלאָסן אַ פריינדשאַפט־בונד, אי שטיינער אי ביימער — שלום. און אַמאָל, ווי אויף אַ פיינעם זשעסט, קענסטו גאָר זען אַ בלימל, און דווקא אַ רויטס, אַרויסגעוואַקסן פון אַ שטיין.

אַזוי בירגערט זיך דער מענטש איין אין די בערג.

חיפה ביינאכט

שטייסט אין אָוונט אויפן כרמל־באַרג און זעסט ווי די שטאָט אין דער נידער, וואָס ליגט אים צופוסנס, גיסט זיך צונויף מיטן ים און דער ים — מיטן הימל. עס ווערט איין געוועב.

די הייזער, די גאַסן פון שטאָט חיפה, טוען זיך אויס פון זייער ווירקלעכן אויסזען און גיסן זיך אַריין אין דעם גראָען געוועב. אַ טונקעלער פאַרהאַנג שפּרייט זיך אויס און פאַרדעקט אַלץ.

און אויף דעם טונקעלן פאָן פלאַקערט־אויף די שטאָט, די שטאָט חיפה צעברענט זיך. טויזנטער, צענער טויזנטער ליכטער צעצינדן זיך. דיין אויג ווערט שווער אַרומצוכאַפּן אַלע פייערן. ווו דו כאַפּסט אַ בליק מיניען און פלאַמען זיך ליכטער. זיי נעמען אָן אַלערליי פאָרמען: לאַנגע בייטשן, רונדע בראָשן און אַפילו פאָרמען פון מעדאַליאָנען. עפּעס ווי אַ מייסטער, אַ גאָלדשמידט, זאָל זיצן און פון גאָלד־פעדים אויסשמידן אַ שטיק צירונג פון דער שטאָט.

און פאַרשידן זענען די פייערן אין זייער קאָליר: העלע און גרינע און פאַמסענע. אַ יום־טוב! אַ שטאָט איז אַרויס מיט פלאַקערס. עס דאַכט זיך אין ערשטן מאָמענט, אַז דער פּרינץ פון ישראל איז אויפגעשטאַנען און מען מאכט לכבוד אים אילומינאַציעס.

דאָרט ווייט־ווייט, אויף אַ שפּיץ באַרג, ברענט אַ הייזל, אָן איינזאַם הייזל, וואָס פלייצט מיט ליכט.

איז דאָס דאָזיקע הייזל געוועזן אַ מאָל מיינס אַ חלום, אַ יוגנט־חלום. אַזוי האָב איך געחלומט צו זיצן הויך, הויך, אין אַ ליכטיקייט און שאַפן, שאַפן, פונקט ווי כביכול זיצט אין זיינע הימלען.

א חלום, א יוגנט־חלום.

צווישן דעם גאַנצן שלל ליכט שניידט זיך דורך דער וועג צום

כרמל. אים שיינען אַרויס בלאַלעכע ליכטער, וואָס הויבן זיך אַלץ העכער און העכער. ער זעט איצט אויס, דער וועג צום כרמל, ווי נישט פון דער וועלט, ווי ער זאָל פירן ערגעץ אויף מיסטישע וועגן.

און דיר איז גוט, דאָס ליכט האָט דיך אָנגעשטעקט מיט פייער־לעכקייט, מיט יום־טוב. דיר נעמט אויסדאַכטן, אַז אין די אלע ליכטיקע פונקטן זיצן איצט מענטשן נאָך זייער טאָג ארבעט און רוען, רוען אין פרידן.

אַרום האַלבער נאַכט לעשט זיך די שטאָט חיפה. גאַנצע שטרעקעס ליכט פאַלן אַריין אין דעם טונקעלן פעלד פון דער שטאָט. עס בלייבן נאָר איבער איינצלנע ליכטער, ווי שומרים צו היטן די שטאָט.

שטאָפּלען

אין זוניקע פֿרימאָרגנס צעהעלן זיך די ווייסע מאַרמאָרן פּונעם דיל איז מײַן צימער, פֿון באַלקאָן און צעלויפֿן זיך אין זייער בלענד, ווערן פֿיל גרעסער ווי זייער מאָס. פּונקט עפּעס ווי אַ זילבער־פּאַליע זאָל זיך האָבן צעגאָסן. און די וועלט ווערט דעמאָלט אַזוי צעשמייכלט ווי אַ לאַכנדיק מויל זאָל אַרויסקוועלן פֿון אַלעם, פֿון אַלעם וואָס לעבט און עקזיסטירט. און אַלץ אַרום ווערט באַהאַפֿטן מיט זיך, קניפּט זיך צונויף. דאָס ווינטל אַפֿילו, וואָס שוועבט פֿאַרביי, ווערט אויפֿגעכאַפּט פֿונעם העלן שפּיגל און דאָ פּאַליעט עס און שעמערירט, ווי אויף אַ צעבלאַנקטער וואַסער־פֿלאַך. די פּאַלמע פֿאַר מײַן פֿענצטער צעבליט זיך דאָ, און יעדעס בלאַט אירס ווערט דורכזיכטיקער ווי אויפֿן בוים, און די שטאַנגען פֿון באַלקאָן ליגן אין דער ליכטיקייט ווי סטרונעס פֿון אַ האַרף. און דו אַליין ווערסט באַגלייט ווי דורך טונקעלע דינער, וואָס לויפֿן דיר פֿאָרויס דעם וועג. און זעצטו זיך אַנידער, הויערן זיי בײַ דײַן צופֿיסנס, ווי געטרײַע קנעכט. אַ וועלט אַזאַ זוניק צעשפּילטע. נאָר דאָס שענסטע דערבײַ איז דאָס צונויפֿגיסן זיך פֿונעם מאַרמאָר מיטן הימל.

מײַן הויז איז דאָס ערשטע צום האָריזאָנט. און אַז די דילן צעגלימערן זיך און מישן זיך צונויף מיטן העל פֿאַרבלויטן הימל, ווערט ער דעמאָלט, דער הימל, ווי אַ צוגאָב צו מײַן וווינונג, ווי אַ חלק פֿון איר. די ווענט צעלויפֿן זיך דעמאָלט און איך הייב אָן וווינען ביז — דעם האָריזאָנט. מײַן צימער ווערט גרויס נישט צום אָפּמעסטן. און איך ווער דעמאָלט אויס אײַנוווינער פֿון אַ הויז, וואָס טראָגט דעם נומער 12 און האָט כּל־זוכּך מעטער אין דער לענג און ברייט און געפֿינט זיך אויפֿן דריטן שטאָק. איך ווער אַן אײַנוווינער פֿון מײַן לאַנד, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן מזרח. און דער הימל איז דאָרט

נישט בלאָ נאָר פאַרבלויט. און דאָס ווייסע אין אים, אין הימל, איז נישט ווייס נאָר — אַ העלער פלאָם. און די ערד אין מיין לאַנד איז אַ געלע, און אירע פרוכטן — גאָלד־עפּל. און עס שטימט עפּעס אַזוי, וואָס די ברענענדיקע ברוינע זון און די ברוינע ערד זאָלן גאָלד־ברוינע פּרוכטן אַרויסגעבן. און הייזער זענען אין דעם לאַנד פאַראַן ווייסע. און די מענטשן, וואָס באַוווינען די הייזער, זענען ס׳רוב געקומענע פון שטעט; פון שטעט, וואָס זיי האָבן געהאָלפן בויען נאָר פרעמדע האָבן זיי זיך דאָרט געפילט און זיי זענען געלאָפן אין אַ מדבר אַריין, אָבער אין אַן אייגענעם. און דאָ, אין דעם מדבר, האָבן זיי פעלזן געריסן, זומפּן געטרוקנט און צוריק זיך שטעט געשאַפן. אַרום די שטעט —ווירטשאַפטן, און אַ לאַנד האָט זיך באַקומען, אַ יידיש לאַנד. און אין דעם לאַנד לעב איך דאָס.

די זון אין איר גאַנג היפּערט אַריבער מיין הויז. די מאַרמאָרן לעשן זיך אויס, ווערן צוריק שטיינער אויף צו טרעטן אויף זיי. די ווענט פון מיין צימער לויפן זיך צונויף, נעמען ארום א זעקס מעטער רוים, דער פלאַץ צום שלאָפן, עסן, צום אויפנעמען געסט, און — צום שרייבן.

נאָר דער טעם פון לאַנד בלייבט.

א שטורעם אויפן ים

גראָבע רעגן־בייטשן האָבן צונויפגעהאַלטן דעם הימל מיטן ים, געבונדן זיך ווי מיט שטריק, וואָס האָבן זיך איבערן וועג געשנירלט און געפלאָכטן און דאָן — זיך אויסגעוויקלט, צעגאָסן זיך איבערן ים־פלאַך.

נישט צו דערזען דעם סוף זענען אנדערע אונטערגעקומען און ווייטער געבונדן דעם גראָ־צעווייקטן הימל מיט דעם צעכוואַליעטן ים.

אַזוי אָן אויפהער.

אינדערמיט — אַ וואַסערדיקע וועלט צווישן צוויי ימים, אָן אויבערשטער און אָן אונטערשטער, ווו עס ציען זיך וואַסער־וועגן, וואָס לויפן, כליאַפּען, פּאַטשן און בריזגען און ווערן נאָך באַגלייט פון דונערן און בליצן, וואָס שפּילן זיך צונויף אין אַ וואַסער־סימפּאָניע.

דער ים האָט זיך געוואָרפן, געשליידערט, ווי ער וואָלט אין זיינע גערערעם קראַמפּן געהאַט. וועגנט, שוימיקע, זידיק־שפּריצנדיקע מיט ווייסע פונקען, האָבן זיך יעדעס מאָל אויפגעשטעלט, ווי ווילדע פערד מיט גריוועס וואָלטן אונטער זיי גאַלאָפּירט.

זיי האָבן זיך געקאָלערט, די וועגנט, און זיך געוואָרפן מיט אַזאַ היץ, נאָר איינצושלינגען אַלץ אין דעם צעשליידערטן ים־מויל.

און עפּעס דורשטיק איז ער געווען דער ים, געוואָרפן זיך מיט אַזאַ לוסט נאָך די רעגן־טראָפּנס און זיי גלייך פאַרשלונגען, און ווידער אויפגעשטעלט דאָס ריזיקע ים־מויל: גיב, גיב, נאָך און נאָך, זיך גאָרנישט געקאָנט שטילן, פונקט ווי ס׳גיהנום, וואָס שרייט: „הב, הב!״

דער הימל אין דער הייך איז בטול געוואָרן, געוואָרן אויס, און ס׳האָט זיך גענומען אויסדאַכטן, אַז דער ים וועט אים פאַרשלינגען, איינגאַנצן פאַרשלינגען. זיי האָבן אויסגעזען, דער הימל מיטן ים, ווי צוויי כלים אין וועלכע ס׳ווערט איבערגעגאָסן פון איינער אין דער צווייטער.

נאָר ווי עס פאַסירט אָפט אין ארץ־ישראל, האָט זיך דער רעגן ראַפּטום אָפּגעשטעלט.

דער הימל האט זיך איינס־צוויי אויסגעלייטערט.

גרינלעכע און העל־בלאָע שטרייפן האָבן זיך ביי די ראַנדן געשפּרייט מיט אַזאַ פרישקייט, ווי אַלץ וואָלט אויפסניי געבוירן געוואָרן. די זון איז אַרויס מיט אַן אייגל, ווי איינער, וואָס וויל זיך אומקוקן: האַ, וואָס טוט זיך דאָ עפּעס נאָך דעם מבול? די וואַסערלעך האָבן געשמייכלט: קיין בייז נישט, א מזל־ברכה, דער רעגן. נאר דער ים האט זיך נישט געקאָנט באַרויקן, עפּעס ווי דאָס פולע וואַסער, וואָס ער האָט איינגעשלונגען, וואָלט אים געבליבן שטעקן, נישט געקאָנט עס פאַרדייען און עס וואַרפט זיך אין זיין איינגעווייד. די זון גלעט אים, ווי אים צו באַרויקן, שמייכלט צו זיינע כוואַליעס. און ער, דער ים — ניין און ניין, לאָזט זיך נישט איינגעמען.

דארט ווייט־ווייט, ווו דאס אויג קאן נאר כאַפּן, דארט, דאכט זיך אויס, איז ער רויקער, דעם ים; פליסט מיט אַזעלכע העלע וועלן, ווי זילבער־פּלאַסטן וואָלטן זיך אין אים געעפנט. נאָר דאָ, גלייך מיטן אויג, שטורעמט ער, דער ים און לויפט און פּאַטשט און וואַרפט די כוואַליעס. נישט אַנדערש — ער וויל די שטאָט פאַרשווענקען. נאָר אַ האַנט, אַן אומזעבאַרע האַנט, האַלט אים צוריק און לאָזט אים נישט קיין שליטא־האָבן איבער דער ידישער שטאָט. און ער לעקט נאָר מיט זיינע צונגען דעם ברעג, ווי אַ הונט דעם בעל־הבית, און פאַלט צוריק אַריין אין דעם תהום פון זיין געלעגער.

פאַרטאָג אין צפת

איך בין געשטאַנען צופוסנס פון דער שטאָט צפת, ווען זי האָט אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן פון זיך איר נאַכט־איינהיל. זי איז פון דער טונקל־קייט אַרויסגעקראָכן פון די בערג־הייכענישן, די שטאָט, ווי פון אַ נעפּל. אירע געדרייטע וועגן, אירע שלענגלדיקע סטעזשקעס, די געפּלאָנטערטע טרעפּ; די קרומלעך געבויגענע נישעס, די הײַזלעך איינס איבערן אַנדערן, איינס אונטערן אַנדערן, דאָס אַלץ האָט אויסגעזען אין די בערג ווי פאַר־שטיינערט, פאַרשטיינערט פון דורות לאַנג שוין. עפּעס ווי רעשטן פון חורבות האָבן זיי דערמאָנט, ווי אַ לאַנג אָפּגעמעקט לעבן.

אַזוי האָט די נאַכט אַפּירגעלאָזט די שטאָט צפת.

נאָר נישט מיטן אויג צו דערזען האָט דער טאָג אָנגעהויבן וואַקסן אין צפת, ס'האָט אָנגעהויבן ווערן העלער און העלער. עפּעס ווי אַ ליכטי־קייט וואָלט פאַרזייעט געוואָרן און גייט איצט אויף. די זון האָט אָנגעהויבן אַפּירקריכן פון אונטער אַ באַרג, פונקט ווי אויף יענער זייט, אויף יענער זייט באַרג וואָלט איר אָרט געווען, ווי פון דאָרט אויס וואָלט זי דער בורא עולם אויף דער וועלט געשיקט.

אַהאַ! ווי אַלץ האָט זיך אויסגעקלאָרט, ווי אַלץ האָט אויפגעלויכטן, אויפגעלויכטן אַ שטאָט אין דער הייכעניש. יעדער וועג, יעדער שטעג איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט זון, מיט שימער, מיט ליכטיקייט. די פענצטערלעך פון די הײַזער, די זאַמדיקע סטעזשקעס האָבן צוריקגעשײַנט, צונויפגע־האַפּטן זיך מיטן ליכט פון הימל. די וועגן זענען איצט שפּיגל־וועגן גע־וואָרן. די שטאָט צפת האָט איצט אין בלענד אויסגעזען ווי זי זאָל זיך געפינען אין לופטן, אַ שטאָט אין לופטן. די בערג האָבן זיך צעלייגט ווי פליגלען. און אויסגעדאַכט האָט אין דעם זוניקן פרימאָרגן, אַז די שטאָט

וועט אַ פלי טאָן, אַז צפת וועט זיך דערהויבן צו דער זון דאָרט. וואָס איז דורך אירע בערג אויף דער וועלט געקומען.

און איך, איך בין מיט אַזאַ ליבשאַפט געלאָפן איבער צפת. איך האָב כסדר גענידערט אין אירע טאָלן, געהויבן זיך אויף אירע בערג, וואָס דאָס איז ווי אַ סימבאָל פאַר דער שטאָט פון מקובלים, אַז ס׳איז פאַראַן אַן אייביקע עליה וירידה.

א ווינטל

די וועגן, די פעלדער אַרום, דיביימער, אַלץ איז געלעגן שטיל, פאַרדרימלט, טריב, אָן חיות.

ס׳איז געווען תחילת אדר, ווען די נאַטור ליגט אויף אַ משקולת: אָדער לויטער און זוניק וועט ווערן אָדער — ווייטער די ימי הגשמים, ווייטער וועט דער הימל עפענען זיינע פענצטער און גיסן פון זיך אַרויס צעבערס מיט רעגן.

דערצו האָט זיך דער הימל געצויגן אַ פאַרוואָלקנטער. און די וואָלקנס זענען געלעגן ווי שטיינער, נישט קיין ריר זיך צו טאָן, נישט זיך אָפּצורוקן, אַז ס׳האָט געקענט אויסדאַכטן, אַז זיי זענען שוין אויף אייביק אַריין אין דעם הימל־געוועב.

פלוצלינג, נישט צו וויסן פונוואַנעט עס האָט זיך גענומען, פון ווּ האָט מען עס אַרויסגעלאָזט, פונוואַנעט מען האָט עס אָפּגעבונדן, איז אַ ווינטל אָנגעלאָפן. נאָר ווייך און צאַרט איז עס געווען, דאָס ווינטל, ווי מען וואָלט עס געווען אויסגעפיינט און פון אַ בוזעם אַרויסגעלאָזט.

אהא, ווי דער אַרום האָט אויפגעלעבט!

ס׳האָט אַ פראַל־געטאָן איבער די וועגן, דאָס ווינטל, געבלאָזן, געפאָכעט. און עפּעס ווי מען וואָלט דיך אין אומזעבאַרע זיידנס געוויקלט, אַזוי האָט עס זיך גלעטנדיק, לאַשטשענדיק געשפּרייט אַרום דיר.

באַגעגנט אַ מענטשן, איז עס אים אַקעגנגעלאָפן, געצאַפּלט אַרום אים, געפעכערט; יעדן איינעם פאַר אַ הער געמאַכט, ווי דינער מיט פעכערס זאָלן בלאָזן אַרום אים.

און דער מענטש האָט זיך געפונען אין אַזאַ פרישקייט, אין אַזאַ קילן הויך, אַן אָטעם וואָס דערקוויקט.

אויף די פעלדער האָבן די גרעזלעך אָנגעהויבן וואַרפן מיט די

קעפּלעך, געבויגן זיך אַהין און צוריק ווי זיי וואָלטן זיך פאַרוווּנדערט גע־שאָקלט: אַי, ווי גוט.

צווישן די ביימער איז אַזאַ זשוזשעריי געוואָרן. די בלעטלעך האָבן זיך באַוועגט, געבויגן ווי דער ווינט וואָלט אויף זיי אויסגעשפּילט אַזאַ בלעטער־מעלאָדיע.

נאָר ווי שטיל דאָס ווינטל איז נישט געווען, האָט עס אויך צום הימל דערגרייכט.

אויך די וואָלקנס, וואָס זענען אַ גאַנצן טאָג געלעגן אויף די הימל־פלאַכן, האָבן זיך אָנגעהויבן רירן. עפּעס ווי אַן אומזעבאַרע האַנט וואָלט זיי געצויגן, געצויגן און דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן לייטערן.

אין אָט־אָ אין דעם ווינטל האָט זיך געזען די וווּנדערלעכע האַנט פונעם באַשעפער: אַ שטאָפּעט, אַ שליח אַרויסגעשיקט אויפצוּוואַכן, אָפּצופרישן, אַ וועג צו מאַכן פאַר דער נייער צייט.

פרילינג

איך בין היינט אַרויס אין גאַס און די וועלט איז מיטאַמאָל גרעסער געוואָרן אַרום מיר, געטאָפּלטער.

ווו איך בין געבליבן שטיין האָט זיך דאָס אָרט, וועלכעס איך האָב באַטראַכטן, נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט.

נעצן, זון־נעצן זענען געלעגן אונטער מיינע פיס און האָבן מיך פאַרטראָגן ווייטער, ווייטער אין ליכטיקע מרחקים אַריין.

עס זענען מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן אַלע מאָסן און ציפערן, מיט וועלכע די וועלט איז אַרומגעשטעלט. די גאַסן האָבן זיך מער נישט פאַרענדיקט ביי דעם און דעם נומער, ניין, ליכט־פּאַסן זענען געלעגן ביי די ראַנדן פון די גאַסן און האָבן אויסגעבאַנט אַ וועג, העט, ביזן האָריזאָנט.

אַ וואונדער, דער הימל איז דאָך געווען געבונדן און געקניפּט מיט דער ערד מיט אָן אַ שיעור קעגנשטאַנדן.

ביי אַ ליאַדע גלעזל, ביי אַ ליאַדע שערבל האָבן זיי זיך צונויפגע־שפּילט, הימל און ערד און געשאַפן ליכטיקע זון־קוואַלן.

און אומעטום בלאַנקט, אומעטום שעמערירט. געפינסט זיך אין אַ וועלט פון שפּיגלען. נאָר דער דנאָ פון די שפּיגלען איז דאָ די געטלעכע האַנט, וועלכע איז פאַרהוילן פאַר אונדזער אויג.

און אַלץ צאַפּלט, אַלץ פרייט זיך, אַלץ רייסט זיך אַרויף, אַרויף.

אפילו די הייזער, וואָס ליגן אַ גאַנצן ווינטער טריבע, עפּעס ווי אָן אַנידערגעוואָרפענע מאַסע פון בעטאָן און צעמענט צו דער ערד, אפילו די הייזער זענען איצט אַזוי לופטיק געוואָרן. די פענצטער זענען אויפגע־פּראַלטע און די שויבן, ווי פליגלען פון זשוקעס, הייבן זיך, הייבן זיך. עס דאַכט זיך, אַז זיי וועלן אַ צענעם טאָן די פליגלען און — היידאַ, פאַרפליען אַרויף, אַרויף.

און אַלץ וואָס לעבט און אָטעמט רייסט זיך אַרויף, אַרויף צו די צעפּראַלטע הימלען.

די בהמות אויפן פעלד הערן יעדעס מאָל אויף צו קייען דאָס גראָז, שטרעקן אויס די קעפּ צום הימל און מעקען אַזוי בענקשאַפטלעך — מעעע!

אויך דער מענטש איז געוואָרן אָפענער, דורכזיכטיקער.

אינאיינעם מיטן אַראָפּוואַרפן די טונקעלע ווינטער־מלבושים ווערט עפּעס אויך אָפּגעטאָן דאָס געהיימע, דאָס פאַרבאָרגענע אַרום דעם מענטש. לויטערער איז געוואָרן דער מענטש.

ערד

אין דער געגנט וווּ איך וווין איז געוואָרן צוגעטיילט אַ פּאָר מעטער ערד פאַר יעדן איינוווינער. די ערד ליגט ס׳רוב פאַרן פענצטער פון דער וווינונג.

פאַרטאָג, ווען די זון וויקלט זיך ערשט אַרויס פון אירע רויטע וויקעלעך, קען מען שוין זען ווי אַ מענטש זיצט אַנידערגעקאַמישעט ביי זיין שטיקל ערד.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, דער מענטש, ווי צו אַ גאָטעס־דינסט, און האָט זיך אַנידערגעזעצט, איידער ער גייט צום טאָג־אַרבעט, ביי זיינס אַ ביטל ערד.

ער זיצט איינגעבויגן און ציפּט די שלעכטע געוויקסן אַרויס, באַשפּריצט די גוטע, לענגאויסט די שוואַכע, און ער איז אַזוי פאַרטאָן, אַז ער זעט נישט די וועלט אַרום זיך.

און וויפל פאַנטאַזיעס עס ווערן דאָ אויסגעשפּילט. יעדער באַזיצער פון דעם שטיקל באָדן לאָזט דאָ אויפבליען זיין דמיון. עפּעס חלומות, וואָס דרימלען אין אונדז, ווערן דאָ פאַרזייט און גייען אויף.

איינעם פאַרגליסט זיך אַ טויער פון רויזן. דער אַריינגאַנג אין זיין וווינונג זאָל זיין אויסגעשפּרייט מיט רויזן. און ער מאַכט ביי דעם טירל פון זיין אַריינגאַנג אַ רונדן בויגן — רויזן־פלאַנצונגען, דאַן פלאַסטערט ער אויס אַ סטעזשקע פון שטיינער וואָס ציט זיך ביז זיין הויז, פוןביידע זייטן — רויזן־בלימלעך. און אָט — אַ טויער פון רויזן.

אַ צווייטער מיט מער „תכליתדיקע נייגונגען", האָט ליב גרינצייג פון זיין אייגענעם גאָרטן: אַ רעטעכל, אַ ציבעלקע, אַ ביסל קאָפּער. און בלויז ווען ער קוקט זיי אָן דערוועקט זיך שוין דער אַפּעטיט ביי אים און ער פילט אַ בענקשאַפט...

און איינעם וויל זיך גאָר האָבן ציפּרעסן ביים איינגאַנג, צוויי רייען פון ציפּרעסן. לאַנגע, שמאָלע, וואָס רונדיקן זיך אַזוי ביז צו אַ שפּיץ ווי אַ פּיקע. זיי שטייען ווי די וואַך־האַלטערס, די ציפּרעסן, און ער, דער בעל־הבית, גייט דורך זיי דורך ווי בעת אַ דעפּילאַדע.

און איינעם בענקט זיך גאָר נאָך אַ וועלדל, אַ נאָדל־וועלדל. ער פלאַנצט זיי אַזוי געדיכט, די ביימלעך, אַז מען זעט קוים דעם הימל דורך אַ שפּאַרע דורך. ער שטעלט אַוועק אַ בענקל צווישן געקלאַפּט פון דרענגלעך און אָט — „ער זיצט אין אַ וואַלד".

און איינעם, יאָ, איינעם וויל זיך גאָר האָבן אַן ארץ־ישראלדיקן בוים, אַ בוים פון די „זיבן מינים" און ער פלאַנצט אַ פּאַלמע.

און שבת נאָכמיטאָג, יוען געסט קומען צו גיין, נעמט מען זיי אַרויס אין גאָרטן און מען באַווייזט זיי די גלייכע בייטלעך געוויקסן, די שיין געפּוצטע. און מען איז שטאָלץ, פּונקט ווי מען וואָלט זיי געוויזן די סאַמעטענע קישעלעך מיט אָנגעהאָנגענע מעדאַלן פאַר גרויס העלדישקייט.

און צום אַוועקגיין, אויף אַן אָנדענק, אויף צו פּאַרקניפּן די פריינט־שאַפט, גיט מען זיי מיט אַ פּאָר בלומען, בלומען פון אייגענעם גאָרטן.

א ניי הויז

פאַר מיין פענצטער, ווו עס איז תמיד אַ פרייער אויסבליק געווען צום האָריזאָנט, האָט מען פאַרבויט אַ הויז.

אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין ארץ־ישראל.

פון זינט איך ווױן דאָ בין איך געוווינט געווען צו זען דעם פלאַך אַ ליידיקן, אַ באַוואַקסענעם מיט דערנער, מיט ווילד־געוויקסן.

דער הייסער ווינט פלעגט דאָ לויפן איבער די קעפּלעך פון די ווילדע גרעזער און שפּילן מיט די שפּראָצונגען אַזאַ צוועקלאָזן שפּיל. ער פלעגט עפּעס, דער ווינט, כסדר אויפמישן, וואַרפן פאַרן אויג, נישט לאָזן פאַרגעסן, אַז דאָ איז אַ ווילדעניש, נישט לאַנג אַ מדבר געווען.

דערפאַר האָט זיך דער הימל פריי געשפּרייט פאַרן פענצטער און פלעגט אָן אויפהער פאַרבן מיר דעם טאָג אין די פאַרשידנסטע שאַטירונגען. עס איז די מזרח־זייט און שוין באַגינען פלעגט דער ערשטער הימל־שטרייף זיך לייגן פאַר מיין פענצטער אַ גרינער, ווי אַ נישט־צייטיקער לימאָן. און די פרימאָרגנס האָט ביי מיר געשמעקט מיט פרישקייט, מיט בלי, מיט ציטרינען־אַראָמאַט.

מיטאַמאָל האָט מען פאַר מיין פענצטער אויפגעשטעלט רושטאָוואַניעס און אָנגעהויבן בויען אַ מויער, אַ גראָע מויער.

און די מויער איז געוואַקסן, אויסגעוואַקסן אַ פיר־שטאָקיקע און איך בין געשטעלט געוואָרן פאַר אַ פאַרטיק הויז, אַ ווייסעס, ווי מיט אַ מילך־הויט באַצויגן. די טירן פון די באַלקאָנען, די פענצטער, זענען ברוינע, קאַרשן־פאַרב.

און מאָדנע: דאָס דאָזיקע הויז פאַר מיין פענצטער האָט מיך עפּעס אַראָפּגעצויגן אויף דער ערד. איך האָב כסדר אַ שטיק לעבן פאַרן אויג,

אַ שטיק לעבן, וואָס איז נישט סטיליזירט, נישט צוגעפּוצט, נישט פאַר־פיינערט און דאָך אַזוי אינטערעסאַנט.

אין די אָוונטן אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר דאָס הויז, ווי אַ מין פאַר־שטעלונג. די באַלקאָנען — געעפנטע סצענעס און דאָס שפּילן גייט אָן דאָ און דאָרט, דאָרט און דאָ, און אומעטום גאָר נייע געשטאַלטן, נייע האַנדלונגען.

אויף ס׳רוב באַלקאָנען ברענען פייערן. נאָר אין דער הייך, איבער זיי שווימט אַזאַ העלע לבנה, אַז די פייערן ווערן געלאָשן פון דעם לבנה־שיין.

אין דעם דאָזיקן שפּיל פון ליכט זיצן אויף אַ באַלקאָן אַ גרופּע מיידלעך, פּופצן־זעכצן יעריקע. זיי האַלטן זיך נאָך אין איינעם, אין חברותא, זענען נאָך נישט צעשיידט פון דעם צווייטן מין. און צו איינער וועלכער ווינקט אויף דעם באַלקאָן זענען געקומען אַ זעקס־זיבן מיידלעך. דער רוב פון זיי טראָגן ווייסע בלוזעס. און זיי זילבערן זיך אין דעם ווייסן, די יונגע מיידלעך. זיי זעען אַזוי פאַנטאַסטיש אויס אויפן באַלקאָן אין ווייסן, די יונגע, פּילדערנדיקע מיידלעך, מיט די צעשפּראָצטע קעפּ האָר.

אויף אַ שכנותדיקן באַלקאָן זיצט אַן אַלטער מאַן ביי אַ שטיי־לאָמפּ אויף אַ טיש און שרייבט. ווער איז ער, אַט דער אַלטער מאַן מיטן גלייך בעקעמטן גראָען קאָפּ האָר און וואָס שרייבט ער? יעדן אָוונט, ווען איך זע אים זיצן פאַרטראַכט איבער אַ כתב־יד, טראַכט איך, אַז מען דאַרף זיך באַקענען מיט אים, מען דאַרף עפּעס וויסן וועגן אים. נאָר איך וואַרט אַלץ אויף אַ געלעגנהייט.

גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס רופט ביי מיר אַרויס אַ פרוי אויף אַ העכערן באַלקאָן. תמיד זע איך זי אַליין. די טירן פון באַלקאָן זענען אָפן. און זי שלייכט זיך אַזוי פון צימער אויפן באַלקאָן און צוריק. זי האָט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר אויף אַ קלאָר פּנים, אַ פיגור אַ הויכע און זי גייט אַזוי פון אָרט צו אָרט.

וואָס טראָגט זי אַזאַ אומרו? — וואַרט זי אויף ועמען? האָט זי ווער בענאַרט און נישט געקומען?

מיטאַמאָל גייט זי אריין אין צימער, פאַרן פענצטער הייבן אָן שפּרונ־

גען ליילעכער, בעטצייג, אַ דריק קנאָפּקע פון לאָמפּ — פּינצטער, שאַ, אַ סוד, אַ טונקעלער סוד אַרום דער פרוי.

פּאַרטאָגס, אַנשטאָט דעם גרינעם שטרייף אויפן הימל, וואָס איך פלעג האָבן, זע איך איצט אַזאַ ראַיערײַ אין הויז, ווי אין אַ בינשטאָק. מען וואַשט זיך, מען איילט, מען לויפט. דאָס הויז האָט זיך אויפגעכאַפּט צו אַ נייעם טאָג־לעבן.

רייטער

איבער די גאַסן פון תל־אביב האָבן זיך באַוויזן רייטער־פּאָליציי אויף פערד, און די שטאָט האָט באַקומען אַ מין רעזידענץ־אויסזען. די רייטער אויף פערד ברענגען אַרויס פאַרן דמיון פּאַראַדעס, דעפילאַדעס, מיליטערישע מאַרשן און קאַרעטעס מיט חשובע לייט, ווו ביי די זייטן שטייען פּאַזשן און אַרום — רייטער אויף פערד.

איך האָב געזען דעם ערשטן רייטער אין תל־אביב אויף אַלנבי־גאַס.

ער האָט געהאַט אַ גלייכע פיגער, אַ לאַנג טונקל פנים, באַקראַנצט מיט שוואַרצע באַקנבערדלעך און דינינקע וואָנסעלעך, ווי שנירלעך, אויף אַ דיקלעכער ליפּ. אויפן קאָפּ — אַ היטל מיט אַ ווייסער דענקע. ער איז געזעסן אויפן זאָטל גליך, אויסגעשטייפט, דאָס ציימל פון פערד אין האַנט און די פיס אין די טרעטערס.

און דאָס פערד — ברוין, געפּוצט, די גריווע אויפגעשטייפט, ווי ביי אַ יונגן גימנאַזיסט, און דער לאַנגער ווידל, ווי אַ בויגן, אויסגערונדיקט. און אָט שטייען זיי, שטייען — דער רייטער מיטן פערד, און נישט ער, נישט דאָס פערד, גיבן זיך קיין באַוועג, קיין ריר, קיין פּינטל מיט אַן אויג, אויסגעגאָסן ווי אַ סטאַטוע.

לכתחילה דאַכט זיך אויס, אַז זיי שטייען דאָ אויף פּאַראַד, פאַר שיינקייטס־וועגן. נאָר היט זיך, בירגער! איין סעקונדע, אַ צי ביים ציימל, אַ באַוועג מיט די שפּאָרן, און דאָס פערד לאָזט זיך אין גאַלאָפּ איבער דער גאַס. דער רייטער זיצט שוין דעמאָלט שלאַנגיש אויסגעבויגן אויפן פערד. און דאָס פערד — האָפּ, האָפּ, האָפּ, טראָגט זיך ווי אַ וויכער.

די סאָלידקייט פון דער שטאָט, די אַרטיקע האַלטונג פון די בירגער, פאַרשווינדט כהרף־עין. דער רייטער אויף די פּאַליעס פון גאַלאָפּ טראָגט מיט זיך שלאַכט, טראָגט מיט זיך דעם באַפעל פון געזעץ. נישט מיטן אויג

צו דערזען און מאַסן־דעמאָנסטראַציעס קענען צעיאָגט ווערן, פאַרזאַמלונ־גען אונטערן פרייען הימל — צעטריבן. דעם פלינקסטן גנב ווערט פאַר־צוימט דער וועג. אַ מינוט, און דער רייטער אויף זיין פערד שלינגט איין די גאַס, אַז פונקען פליען. די לופט אַרום ווערט דאַן געשפאַנט, עפּעס האָט פּאַסירט, עפּעס איז געשען, דער רייטער טראָגט זיך אויף זיין פערד. ער איז דער אָנזאָג פון שטורעם, פון צוזאַמענשטויסן, פון געשעענישן.

און ער זיצט, דער רייטער אויף זיין פערד, העכער פון אַלע אַרום, קוקט ווי פון אַ טורעם און זעט און בליקט. דו ביסט נישט אונטער קיין תּפיסה־טויער, בירגער, פריי, נאָר דו ווערסט אָבסערווירט, דיין גאַנג, דיינע מעשים זענען אונטער אַן אויפזיכט. זאָל זיך דיר נאָר גליסטן אַ טריט צו שטעלן נישט לויטן געזעץ, ווערט דיר די וועלט פאַרשטעלט פון אַ רייטער אויף אַ פערד, גייסט אים שוין נאָך ווי אַ זעלנער, וואָס האָט נאָר־וואָס דאָס געווער אָוועקגעלייגט, און שטייט מיט די הענט אַרויף.

און שטייען שטייט ער, דער רייטער, אין מיטן גאַס, דאָרט ווו דיר, בירגער, איז נישט דערלויבט מער ווי אַ דורכצולויפן אין שרעק און זיך פּלאָנטערן צווישן מאַשינעס און גומל־בענטשן אין דער שטיל, אַז דער וועג איז דיר אַדורך בשלום. פאַר אים אָבער, פאַר דעם רייטער, איז דווקא דאָ זיין פּלאַץ, די מיט־גאַס, דיין שוואַכער אָרט, בירגער, בעת דאָס האַרץ הייבט ביי דיר אָן פּאַכען ביים באַטרעטן זי.

און ער קוקט, דער רייטער, ווי די בירגער גייען ווי די געגנדז, אויף צווייִ פיס, אויף ביידע זייטן גאַס.

פון צייט צו צייט צעהירזשעט זיך דאָס פערד אין מיטן גאַס און דערמאָנט די גאַנצע מעכטיקייט פונעם בילד: דער רייטער אויף זיין פערד.

די גאַס ליגט אין איר געוויינלעכן טעמפּ, מענטשן באַוועגן זיך אַ הין און צוריק און אין דעם גרויסן געווירבל פון מענטשן און מאַשינעס טרעפט זיך דאָך אַ צוזאַמענשטויס. אַ סעקונדע און די גרויס־שטאָטישע גאַס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פרייען שטח מיט אַ גאַלאָפּירנדיקן רייטער אויף זיין פערד. די מענטשן פאַרלירן גלייך די בירגערלעכע סאָלידקייט, מען דרייט זיך מיט שרעק אויס, מען שיקט נאָך די בליקן, מען פרעגט איינער דעם אַנדערן. געשעענישן טראָגן זיך אין לופטן.

ש. בערלינסקי

איינגעשטילט זיך, שטייט ווידער דער רייטער מיט זיין פערד אומבאַוועגלעך, ווי אַן אויסגעגאָסענע סטאַטוע און וואַרט אויף נייע בעשועניש;

אפישן

פון צייט צו צייט שיקט אַרויס די עיריה פון תל־אביב (שטאָט־פאַרוואַלטונג) אַרבעטער איבער דער שטאָט אָפּצורייניקן די רעקלאַמע־קיאָסקן אין די ראָגן־גאַסן פון די פיל אויפרופן, מיט וועלכע זיי ווערן באַקלעפּט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן זענען אויף די גאַסן פון שטאָט געלעגן הויפנס אָראָפּגעריסענע אַפישן.

זיי זענען געלעגן אויף די טראָטואַרן מיט זייערע פאַרביק שרייענ־דיקע אותיות, מיט די אויסגעצאַצקעטע בילדער, מיט זייערע געפליגלטע ווערטער, און האָבן דערמאָנט אָן די מעדאַלן־באַהאָנגענע מלחמה־העלדן, וועלכע ליגן געפאַלענע אין אַ שלאַכט.

די זון האָט זיי באַגאָסן מיט ליכט, אויף זיי געבלענדט און עס האָט פון זיי אַרויסגעשיינט — דער חוזק, דער גאַנצער חוזק פון די פיל חלומות, וועלכע האָבן זיך געוויקלט אַרום זיי און האָבן אויסגעוועפּט, פון די האָפע־נונגען וואָס האָבן זיך נישט באַשטעטיקט, פון די שטרעבונגען, וועלכע האָבן אַנטוישט.

ערשט מיט געציילטע טעג צוריק זענען דאָך די דאָזיקע אַפישן געקלעפּט געוואָרן מיט אַזאַ צעקוואַלנקייט אין גאַס אַריין, מיט אַזאַ באַרי־מערישקייט. יעדער איינער האָט זיך דאָך אָוועקגעשטעלט אויפן אַפיש אַזוי פעט אונטערשטרייכנדיק: איך טאַנץ, בין דער מייסטער פון טענץ; איך זינג, איך שפּרינג; איך בין שיין, איך בין שענער ווי שיין; איך בין באַ־רימט, מיין נאָמען איז אויף די ליפּן פון מיליאָנען.

וויפל בלאָע ליכטער פון האָפענונג האָבן דאָ אויסגעלאָשן? אויס־געצאַנקט?

איך שטיי און קוק אויף די הויפנס פּאַפּיר איידער מען פירט זיי

אָוועק אין די שטאָטישע מיסטקאַסטנס און פון איינעם פון די אָפּישן שפּרינגט אַרויס אַ יונגע טענצערין. דאָס איז איר ערשטער אויפטריט, פּלאַסטישע טענץ.

זי שטייט אויפן אָפּיש אין אַ טאַנץ־פּאָזע: אויף די שפּיצן פינגער פונעם רעכטן פוס. דער לינקער פוס איז ביי איר אויפגעהויבן אין אַ גלייכער ליניע מיט דעם גאַרטל. זי שטייט לופטיק, מיט די הענט צענומען ווי פליגלען, און שמייכלט מיטן פּנים, ווי אַ גוטער בלאָנדער מלאך.

אין טאָג ווען עס איז אַרויסגעהאָנגען געוואָרן דער אָפּיש, איז זי זיכער אויפגעשטאַנען באַגינען און געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויפן אָפּישן־קלעפּער. און אַז זי האָט זיך סוף כל סוף דערוואַרט, דער אָפּיש האָט שוין געפּלאַטערט מיט זיין פּראַכט אין גאַס אַרייך פאַר המונים פאַרבייגייער, איז זי אוודאי געגאַנגען, ווי אַ לונאַטיקערין, אין אַ צווייטער, אַ דריטער גאַס, זען איר בילד אין אַלע עקן שטאָט.

האָט זי דער דאָזיקער אָפּיש אַרויסגעהויבן? האָט ער זי אַריינגעבראַכט אין דער וועלט פון אירע שטרעבונגען? פון אירע חלומות? אָדער וועט זי אינאיינעם מיט דעם אָפּיש זיך פאַרוואַלגערן אין תּהום פון פאַרגעסנקייט?

אָט אַ צווייטער אָפּיש: אַ גאַסטראָלער — אַ רעציטאַטאָר.

ער איז אַהערגעקומען פון מעבר לים „איינגעמען" דאָס לאַנד. אַזאַ ציל האָט ער זיך געשטעלט. אַ קליין לאַנד נאָר מען דאַרף עס וויסן „ווי צו נעמען".

אויף דעם אָפּיש זאָגט ער צו אַ צווייטן אָוונט, אין וועלכן ער וועט אויפטרעטן אין גרים. עס איז קענטיק, אַז ער וויל זיך דערשלאָגן צו דעם „טעם פון קהל אין ישראל".

איז אים געלונגען? האָט ער דערווישט דעם „טעם פון לאַנד"? עס איז אַנצונעמען פאַרקערט, ער איז דורכגעפאַלן. קיין צווייטן אָפּיש זעט מען שוין נישט צווישן דער קופּע פאַפּירן.

און אָט אַן אָפּיש פון אַ באָקסער. ער שטייט, אויף די הענט אָנגעטאָן אַ פּאָר לעדערנע באָקסער־הענטשקעס. איין האַנט איז ביי אים אויסגע־

שטרעקט פֿאַרויס, דער טריט איז אין אַ פּאָזיציע פֿון צו מאַכן אַ שפּרונג, גרייט צו געבן זיין קעגנער אַ „נאָק־אַוט"!

און אָט אַן אָוונט פֿון פּאָעזיע, געווידמעט דער יונגער ליריק.

און די אַלע, אָ, גאָט פֿון אַלע הימלען, די אַלע לעכצן נאָך דערפֿאָלג, די אַלע גאַרן נאָך לאָרבער־קרענץ, די אַ אַלע שטרעבן, אַז זיי זאָלן זיך כסדר באַוועגן צווישן רייעס אַפּלאָדירנדיקע מאַסן. און אַלע, אַלע ווענדן זייערע בליקן צו דעם בלאָען פֿויגל — צו דעם אַפּיש, אַז ער זאָל זיי ברענגען דאָס געהאָפֿטע גליק.

און דער אַפּיש, גלייך צו אַ שמעטערלינג, האָט אַרומגעצאַפּלט פֿאַר די אויגן דעם איינציקן טאָג, דעם איינציקן טאָג פֿון זיין לעבן. און איצט וואַרטן זיי, די הויפֿנס פּאַפּיר, אויף די הויכע וואָגנס, אַז מען זאָל זיי צעגוויפּ־שאַרן און אָוועקפֿירן אין די שטאָטישע מיסטקאַסטנס.

א קעצעלע

געשען איז דאָס אויף דער רושיקער אַלנבי, דער שטאָט־צענטער פון תל־אביב, וווּ עס ציען זיך די אויטאָבוסן־ליניעס אין פאַרשידענע ריכ־טונגען פון שטאָט, און ביים סוף־גאָס — ליגט דער ים.

אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג לויפן דאָ אויף דעם גלאַנציקן אַספאַלט איבערגעפולטע אויטאָבוסן מיט פּאַסאַזשירן, טעקסיס, און עס טראָגן זיך מיט טייוולאַנישער שנעלקייט — מאָטאָציקלען.

און אין מיטן פון דער אימפּעטיקער באַוועגונג איז פון ערגעץ אַרויסגעקראָכן אַ קעצעלע און האָט אָנגעהויבן שפּרייזן אין מיטן גאַס.

דאָס קעצעלע, אַ גראָעס, מיט ווייסע פלעקן ביים פּיסקל, אַלט געציילטע וואָכן, האָט אַזוי געהויבן די דינע פיסלעך, אַ טריט נאָך אַ טריט אויף דער ברייטער טראַסע און דער טויט לויפט עס אַנטקעגן אויף אַלער־ליי כלים פון דער באַוועגונג: אויף ריזיקע רעדער, אויף אימפּעטיקע שנעל־לויפנדיקע רעדלעך, און לויפן לויפט ער, דער טויט, הין־און־צוריק, רעכטס און לינקס. און דאָס קליינע באַשעפעניש אין דער מיט.

דאָס נישט פילן פונעם קעצעלע די געפאַר פאַר אומקום, דאָס נישט דערזען דעם טויט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּאַנט פון אַלע צוימען און לויפט פריי איבער דער גאַס, האָט די מענטשן אַרום אויפגערודערט, ביים האַרץ פאַרכאַפּט.

די מאַשינעס לויפן כסדר אָן אויפהער, דער טעמפּאָ פון דער שטאָט־באַוועגונג גייט אָן מיטן גאַנצן גאַלאָפּ. און דאָ פלאָנטערט זיך אַ באַשעפע־ניש צווישן לעבן און טויט.

אַן עלטערער מאַן, מיט אַ צוגעפוצט גרוי בערדל, האָט אָנגעהויבן געבן צייכנס מיט די הענט. ער איז גרייט די באַוועגונג אָפּצושטעלן. ער פאָכעט צו יעדער פאַרבייפאָרנדיקער מאַשין, ער שרייט, ער וואָרנט. און

די שטאָט־באַוועגונג לויפט ווי אונטערגעשמיסן פונעם טייוול. און דאָס קעצעלע, ווי נישט אים מיינט מען, שטעלט זיך ווייטער זיינע זיגזאַגישע טריטלעך צווישן דעם גאַנצן האַרמידער.

אַ פרוי, אַ יונגע, אַ שאַטינע, אין די העכערע חדשים פון שוואַנגער־שאַפט, האָט די אויגן פאַרשטעלט מיט די הענט. זי וויל נישט זען, זי קאָן דאָס נישט צוזען. מן הסתם האָט זיך ביי איר אָנגערופן דאָס מוטער־געפיל, דאָס נפש, וואָס זי טראָגט אונטערן האַרץ. שטייט זי אין מיט גאַס די אויגן פאַרשטעלט מיט די הענט ווי צו ליכט־בענטשן, ווי צו אַ תפילה.

נאָר איינער, אַ יונגערמאַן, אַ דיקלעכער, האָט זיך געלאָזט אין מיטן גאַס כאַפּן פשוט דאָס קעצעלע און אויסמיידן די קאַטאַסטראָפע.

דאָס קעצעלע, דערפילנדיק אַן אויסגעשטרעקטע האַנט, וואָס וויל עס כאַפּן, האָט אָנגעהויבן לויפן הין־און־צוריק, מאַכן אומגעלומפּערטע שפּרייזן. פאַרשטענדלעך, אַז דער יונגערמאַן האָט נישט געוואָלט זיין דער גורם און טרייבן דאָס קעצעלע אונטער אַ מאַשין און איז צוריק מיט גאָרנישט.

און די שפּיל האַלט אָן. יעדע מינוט געשעען נסים. ממש אַ שפּאַן פון אַ לויפנדיק ראָד — און דאָס קעצעלע וואָלט געבליבן צעקוועטשט.

אָבער ניין, עס שפּרייזט ווייטער און מיאַוקעט און קוקט.

מאַנכע מענטשן האָט אָנגעהויבן רייצן דער שפּיל, דער שפּיל פון לעבן און טויט. אַנדערע האָבן אָנגעהויבן זען דערין השגחה, השגחה עליונה.

אויףביידע זייטן גאַס האָבן זיך שוין אָנגעזאַמלט צוויי ווענט מענטשן. אַ שפּיל, אַזאַ גרויזאַמער שפּיל און מיט וואָס וועט עס זיך ענדיקן?

די באַוועגונג פון די מאַשינעס ווערט אַ מינוט שיטערער. די שפּאַנונג פאַלט. און גלייך, ווי פון טייוול אָנגעזאַמלט, לאָזן זיך מיט איינמאָל אַ גאַנצע ריי מאַשינעס.

אומגעריכט זעצט זיך גאָר דאָס קעצעלע אַנידער אין מיטן וועג און הייבט זיך אָן לעקן אַ פיסל, לעקט מיט אַזוי פיל הנאה מיט אַ רויט צינגל, ווי אַ פלאָם.

ס'האָט אַלעמען אַרום געריירט, אַ לעבעדיק וועזן, מיט אַלע הנאות פון לעבן און ווער ווייסט אין אַ מינוט אַרום.

די אָנפירער פון דער קאָמוניקאַציע, די שאָפערן, זיצן ביי דעם רעדל אין דער מאַשין און יעדע באַוועגונג זייערע אין דעם געקנויל צווישן מענטש און מאַשין, איז אַ פּרווו פון זייער געוויסן.

ביי אַ טייל, האָט מען געקענט באַמערקן, האָט אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ, דערזעענדיק דאָס קעצעלע אויף דער נאַקעטער גאַס, און זיי האָבן זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט.

און אַנדערע — פריי, צעהוליעט, קיין צאַפּל, קיין בלעזל פון אַ געפיל. אַליין קאָן צעטראָטן ווערן אונטער דער מאַשין, אַבי אַ מינוט פריער צו זיין אויפן אָרט.

אַן עלטערע פרוי, מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, האָט זיך דורכגעשפּאַרט צווישן דעם קאָרדאָן מענטשן, אַראָפּגעכאַפּט דאָס טיכל פון קאָפּ און אַ דעק־צו געגעבן דאָס קעצעלע. זי האָט עס צוגענומען און איז דערמיט אַוועק.

די צוויי ווענט מענטשן אויף ביידע זייטן גאַס האָבן זיך אַ צענעם געגעבן, ווי זיי וואָלטן איינגעפאַלן. יעדער האָט אָנגעהויבן גיין אין זיין ריכטונג מיט אַ לייכט געפיל, אַז דאָס קליינינקע באַשעפעניש האָט דאָך אויסגעמיטן דעם טויט.

דער מאטראז

ווען ער פלעגט אָפּפאָרן מיט דער שיף אויף וואָכן־לאַנג, פלעגט זי, אין דער פרייער צייט, וווהין זי האָט נישט געזאָלט פּלאַנען צו גיין, אַנקו־מען צום ברעג ים.

מיט דעם־אָ וואַסער־וועג איז ער אַוועק. דאָ, ביים ברעג, איז זי געשטאַנען און אים געזעגנט מיט דער האַנט, געבליקט צו אים אויפן דעק שיף, ווו ער איז געשטאַנען מיט די צעפּאַטלטע האָר פונעם ווינט אַרום דעם העלן קאָפּ. און עפּעס איז פול געווען דער ים מיט אים. ווו זי האָט נישט געזאָלט בליקן, האָט זי געזען נאָר אים. כסדר פלעגט ער אַזוי פאַר־שווינדן פון איר אויג, געוואָרן קלענער און קלענער ביז — ער האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם ווייטן האָריזאָנט. אויסגעלאָשן זיך פאַר איר.

שטענדיק, ווען זי קומט דאָ אַהער, דאַכט זיך איר אויס, אַז ער וועט צוריק קאַפּויערקומען פון אַט אָ דעם ווייטן פונקט אויפן ים, ווו ער איז פאַרשוווּנדן, הגם לויט די טעלעגראַמעס, וואָס זי דערהאַלט פון אים, דאַרף די שיף זיינע ערשט אָנקומען אין וואָכן אַרום.

לאַנג בלייבט זי נישט שטיין ביים ברעג ים. אָן אים זעט דער ים אויס אַזוי ליידיק, די כוואַליעס פּאַטשן אַזוי איינע די אַנדערע, הייבן זיך און פאַלן אָן שום צוועק. זי גייט גלייך אָפּ. גייט אַוועק אַ פּאָר טעג און זי איז ווידער ביים ברעג. דער ים האָט אים אַוועקגעפירט און דער ים דאַרף אים צוריקברענגען.

ווען ער קומט אָן און דער ים שמייכלט, די וועלן פּלעסקען אַזוי לוסטיק, עפּעס אַ געזאַנג ליגט אין זיי. זיי פּלאַפּלען אַזעלכע ווונדערלעכע אומפאַרשטענדלעכע זאַכן, ווי ווונדערלעך די וועלט ווערט אַרום איר.

אויסגעבענקטע, טוליען זיי זיך און אומארמען זיך, גלייך עפּעס ווי אַ כלי, וואָס איז צופעליק צעבראָכן געוואָרן און מען העפּט צונויף אירע טיילן.

זיי לאָזן זיך דעמאָלט אַראָפּ אין די נידעריקע שיפּע געסלעך פון חיפה.

ער איז אָנגעקומען אין לאַנד, ווען די פּאַרטיידיקונגס־מלחמה האָט געפּלאַקערט, ווען טויזנטער קינדער פון פּאָלק האָבן זיך געלאָזט איבער גרענעצן און פון ווייטע קאָנטינענטן העלפן דער איבערגעפאַלענער יונגער יידישער מדינה. ער, אַבראַשע, אָדער ווי מען רופט אים היינט, אברהם, האָט געדינט אין פלאָט אין איינער פון די צפונדיקע מדינות. אַזוי ווי דער ים האָט אַנדערע גרענעצן ווי די יבשה, האָט אברהם זיך געלאָזט אויף די פּאָר אימן באַקאַנטע וואַסער־וועגן, דערשלאָגן זיך צו די גרענעצן פון לאַנד און איז גלייך אַריינגעטרעטן אין דעם יונגן יידישן פלאָט, וואָס האָט זיך דאַן געשאַפן.

אין דער געגנט, וו ער וווינט אין חיפה, איז גלייך פריילעך געוואָרן מיט אים, מיט דעם הויכן צוואַקסענעם בחור מיט דעם ברוינעם קאָפּ האָר, וואָס דערמאָנען רייפע זאַנגען אין פעלד, מיט דעם קלאָרן פּנים און בלויע אויגן אַזעלכע מילדע.

ער פייפט־אויס פאַרשידענע נגונים און טרילערט ווי אַ פויגל. דערביי שפּילט ער אויף פאַרשידענערליי כלים: אויף אַ האַנט־האַרמאָניק, אויף אַ פייפל און באין ברירה נעמט ער אַ קאַם, וויקלט אים אין פּאַפּיר און שפּילט אויף אים פאַרשידענע מעלאָדיעס.

די יוגנט פון דער געגנט האָט גלייך אָנגעהויבן קלעפּן אַרום אים. עס פאַלט צו דער אָונט, זאַמלען זיי זיך, די פּאַרלעך, ס׳רוב עולים חדשים, אַרום זיין שטיבל. אַזוי ווי די פיר ווענט זענען ענג אַלע אַריינצונעמען, איז דאָך אַ הימל פאַראַן אַזאַ גרויסער איבערן קאָפּ און אַן ערד אונטער די פיס, גייט מען אַרויס פאַרן הייזל. ער, אברהם, זיצט, דער קאָפּ איז צעשויבערט, די אויגן קוקן מילד. אויף זיין לייב, מיט אַ פעסטן ברוסט־קאַסטן, איז אָנגעצויגן אַ געל־פּאַרביק העמדל מיט גרינע בלעטער און בלומען און אַ ברוינע ריזיקע שלאַנג וויקלט זיך אַרום. פון די קורצע הייזלעך שטאַרצן אַרויס אַ פּאָר געזונטע מילך־און־בלוט שפּראַצנדיקע פיס. ער שפּילט־אויס אויף איינעם פון זיינע אינסטרומענטן מוזיק פאַר טאַנץ. און אַרום אים — דרייען זיך די פּאָרלעך צום טאַקט פון זיין שפּילן. זיי שוועבן,

שוועבן. לויט זיין געמיט, טאַנצן זיי. ווען ער איז לוסטיק, צעשפּילט, לאָזט ער פון זיך הערן פריילעכע טענער, מיט אַ שנעלן טעמפּ. און זיי, די פּאַר־לעך, דרייען זיך, דרייען זיך לויט דעם לויפיקן טאַקט. אַזוי צעוואַרעמט מען זיך, קערפּער מיט קערפּער גיסן זיך צונויף. די אַרומגעשלאָסענע הענט אַרום די טאַליעס, דער הייסער אָטעם, וואָס שלאָגט פון יעדן, דער קאָפּ, וואָס איז האַלב־שיכורלעך פון דרייען זיך; דאָס האַרץ, וואָס צאַפּלט פון באַוועגן זיך, די איינע און די זעלבע באַוועגונג, וואָס פּאַלט זיך צונויף פונעם פּאַרל צום טאַקט פון טאַנץ, דאָס אַלץ באַהעפט צונויף דעם יונגן עולם. אַ מערכה נאַר, וואָס אין חיפה בלאַנדזשען אַרום פרעמדע ווינטלעך, פון ים? פון כרמל? ווער ווייסט; ווינטלעך, וואָס קילן אַ ביסל די צעהיצטע געמיטער, אַז נישט — איין גאָט ווייס — — —

אַז דער עולם איז שוין מיד פון טאַנץ, זעצן זיי זיך אַרום אים. אברהם שפּילט דעמאָלט מאַטראַזן־לידער. די נגונים זענען אַזעלכע פּאַר־בענקטע. ס׳רוב אַליין געשאַפענע פון די מאַטראַזן, בעת זיי שטייען אויפן דעק פון די שיפן, אַרום זיי — הימל און וואַסער און זיי שפּילן אָדער פייפן־אויס זייערע אַלע בענקשאַפטן צו דער היים, צו אַ פרוי, צו דער גאַנצער וועלט, פון וועלכער זיי זענען אָפּגעריסן.

אין די שפּעטע אָוונט־שעהן זעט מען אברהמען גיין מיט זיין מיידל, ער באַגלייט זי דעמאָלט אַהיים.

זי, ליזע, דאָס מיידל זיינס, איז געקומען אַהער מיט איר מוטער פון בודאַפּעסט.

זי איז אַ נידעריקע, אַ שמאָלינקע, מיט אַ לענגלעך פּנים און אַ קאַנטיקער נאָז, נאָר צוויי גליענדיקע שוואַרצע אויגן, וואָס אַז זיי קוקן דיך אָן איז ווי צוויי פייערדיקע קוילן וואָלטן דיר אין האַרץ אַריין. די האָר, שוואַרצע, זענען געקרויזט און הייבן זיך אַרום איר קאָפּ.

פאַרוואָס דער ברייט־צעוואַקסענער אברהם מיט זיין הויכן געשטעל האָט זיך אויסדערוויילט דאָס דאַרינקע מיידל, וואָס איז אַ העלפט די גרויס פון אים? ער האָט דערפילט איר האַרץ, איר וואַרעם האַרץ, דאָס טוליען זיך אירס צו אים, ווי אַ קעצעלע און ער האָט זי ליב באַקומען, אויסצוגיין.

גייען זיי אַזוי אין די שמאָלע, שיפּע געסלעך פון חיפה. די געסלעך

הייבן זיך אַלץ אַרויף און לאָזן זיך אַראָפּ, אַראָפּ. רק מען שטייגט און מען נידערט. און ער, אברהם, גייענדיק מיט זיינע צעוואַקסענע הענט און פיס אין די דאָזיקע היפּהער געסלעך זעט אויס אין זיין אַרויפשטייגן און אַראָפּ־נידערן ווי אַ ריזיקער פויגל מיט אַ פּאָר צענומענע פליגל, וואָס וואַכט איבער דעם קליינעם באַשעפעניש — ליזע.

איינמאָל האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ צערודער־רונג אין דער גאַנצער סביבה, איבערהויפּט ביי ליזען.

אַלע, אַ פּאַרלעך צוואַנציק, זענען געשטאַנען אין אַ ראָד און אברהם האָט געטאַנצט אַ מאַטראָזן־טאַנץ.

ער האָט זיך אַליין צוגעפּייפט און אויסגעטאַנצט פאַרשידענע פיגורן, וואָס שטעלן־פאָר די אַרבעט אויף אַ שיף: ציען שטריק, רייניקן דעם באָרט, קוקן מיטן שפּאַקטיוו. ער איז געשפּרונגען מיט די הענט און פיס, געכאַפּט זיך אין דער לופטן, כלומרשט אויף אַ לייטער. און ער האָט אַ צי אַראָפּגעגעבן פון זיך דאָס העמדל.

אַלע אַרום זענען געבליבן דערשטוינט.

אויף זיין ברייטן האַרץ־קאַסטן איז געווען אויסטאַטואירט אַ פרוי. די פרוי איז געווען געצייכנט מיט אַ קיילעכיק פּנים, אַן אויסגעטאַקט נעזל און אַרום איר קאָפּ פוןביידע זייטן — בלעטער. אברהם האָט ווייטער גע־טאַנצט, נאָכגעמאַכט פאַרשידענע טיפּן פון זיין מאַנשאַפט אויף דער שיף: דיקע, מיט גראָבע בייכער, אומגעלומפּערטע, וואָס קאַטשען זיך, ווי די קאַטשקעס. ער האָט נישט באַמערקט, ווי דער עולם אַרום הייבט זיך אָן איבערקוקן, שושקען זיך, האַ? אַ פרוי? אַ פרעמדע פרוי אויף דער ברוסט? ליזע איז אַוועקגעלאָפן אין אַ זייט מיט אַ פאַרשטיקט געוויין. דאָס האָט אַלעמען געריירט. אַלע האָבן געוווסט, ווי ליב דאָס מיידל האָט אים, ווי זי גייט־אויס פאַר בענקשאַפט, ווען ער פאָרט אַפּ מיט דער שיף. אַזאַ פאַראַט? אַ פרעמדע פרוי? אברהם האָט אָנגעהויבן באַמערקן, ווי דער ראָד מענטשן אַרום צענעמט זיך, טרעט־אָפּ.

ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט פון טאַנץ, וואָס איז געשען? עפּעס שטייען אַלע אין אַ זייט, אויסגעדרייט מיט די קעפּ פון אים. און

עפּעס אַ בייזקייט טראָגט זיך פון זיי. און ווו איז ליזע? ער איז געבליבן שטיין אַליין מיט דער אויסטאַטואירטער פרוי אויפן האַרץ?

— ליזע, ליזע! — האָט ער זי געגומען רופן. קיינער האָט אים נישט געזאָגט, ווו זי געפינט זיך, הגם אַלע האָבן זי געזען אַרונטערלויפן הינטערן הייזל.

ער איז געלאָפן מיט די צוויי אויסגעשפּרייטע הענט פון איין אָרט צום אַנדערן. אַלע זענען געבליבן שטיין פאַרגליווערט, אַפּוואַרטנדיק, וואָס דאָ וועט געשען.

ער האָט זי געטראָפן אין אַ ווינקל פון הויף, ווו זי איז געשטאַנען מיטן קאָפּ אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

— וואָס איז געשען, ליזע? — האָט ער זי אויסגעדרייט אין זיין זייט.

אירע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געשיט מיט פייער, האָבן זיך איצט געוואַשן אין טרערן. עפּעס ווי אַ שריפה, וואָס ווערט איינגעלאָשן.

— ווער איז די פרוי? — האָט זי אַ פיר־געטאָן מיטן בליק צו זיין האַרץ — דו האָסט מיך גענאַרט, האָסט אַן אַנדערע, אַן אַנדערע, דאָרט אויף די וואַסערן, וואָס דו האָסט זי אויסגעקריצט אויף דיין האַרץ.

זי האָט מיט אירע דאַרינקע הענטלעך זיך געריסן פון אים. ער האָט זי צוריקגעהאַלטן מיט זיינע הענט:

— ליזע — האָט ער איר געזאָגט — דאָס איז דאָך נישט קיין פרוי, דאָס איז דאָך בלויז אַ חלום פון אַ פרוי. פאַרשטייסט, טייערינקע, וואָכן־לאַנג אויפן גרויען וואַסער, זעסט נישט מער, ווי די אייגענע מענטשן פון דער שיף, קריצט מען דיר אויס כאָטש אַ פרוי אויף דיין האַרץ. דאָס איז דאָך אַ פרוי, נאָר פון חלום. דיך האָב איך ליב, ליזע, נאָר דיך.

פונדעסטוועגן, עד היום, ווען זי גלעט זיין לייב, וואָלט זי גערן אַראָפּגעקראַצט אָט אָ די פרוי פון זיין האַרץ מיט די בלעטער אַרום איר קאָפּ.

דער טאַנץ-מייסטער

אין איינעם פון די קוואַרטאַלן, וואָס אויף עק שטאָט, געפינט זיך אַ טאַנץ־זאַל.

אַ גאַנצן טאָג שטייט ער ליידיק, דער גרויסער רונדער זאַל. פון די ווענט קוקן עלנט אַראָפּ די אַרומגעהאַנגענע בילדער: דער פּאָרטרעט פון דער באַרימטער טענצערין איזידאָרא דונקאַן, בילדער פון פאַרשידענע „שטערנס" פון דער פילם־וועלט. דער לאַנגער שפּיגל, וואָס געפינט זיך אויבנאָן פון זאַל, שטייט אַ מאַטער און שפּיגלט די אייגענע ליידיקייט. דער קלאַוויר שטייט אין אַ זייט אַן איינגעדרימלטער, אַ פאַרזונקענער אין שווייגן. די איינציקע, וואָס רירט זיך ווען צו אים צו בייטאָג איז די קאַץ, וואָס כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אין צימער און לייגט זיך אויף אים דרימלען.

פאַלט־צו דער אָוונט און אַלץ אין זאַל לעבט־אויף. ליכט הייבט־אָן פלייצן פון די גרויסע זשיראַנדאָלן, פון די ווענט, ווו עס זענען איינגעריכ־טעט לאַנגע רערן, וואָס גיבן אַרויס אַ ליכטיקן שיין. דער קלאַוויר וואַרפט פון זיך אַרויס פריילעכע ריטמישע טאַנץ־מוזיק. פון דער גאַנצער געגנט שטראָמט דאָ אַהער די יוגנט זיך לערנען טאַנצן. און דער זאַל ווערט אָנגעפילט מיט ליכט, מיט שפּיל, מיט באַוועגונג, מיט טאַנץ, מיט קאָפּ־פאַרדרייענדיקן — קאַראהאָד.

דער שפּיגל כאַפּט יעדעס מאָל אויף אַ ניי געשטאַלט, אַ ניי פּנים פון אַ טאַנצנדיק מיידל. אָט איז זי אַ שוואַרצע און אָט איז זי אַ העלע, אין אַ סעקונדע — ווידער אַ בלאָנדע. אַזוי דרייען זיי זיך אין דער שפּיגל־וועלט, די פאַרשידנפאַרביקע מיידלעך, פאַרפלאָכטן אין די אָרעמס פון די יונגעלייט. נאָר ביי אַלע זענען די אויגן צעגלאַנצט, דאָס געמיט — צע־שפּילט. מען דרייט זיך, מען דרייט זיך, און מען צעפלאָטערט, ווי די

שמעטערלינגען; מען שפּרינגט, מען טאַנצט צום ריטם פון קלאַנג. עפּעס ווי די מענטשן וואָלטן געוואָרן שפּילנדיקע טאַנצנדיקע באַשעפענישן.

אין אַ זייט שטייט ער, דער טאַנץ־מייסטער, און רעגירט מיט אַלע. ער באַוועגט די פיס צום טאַקט פון דער מוזיק, טאַנצט זיי אַנטקעגן און אַלע טאַנצן אים נאָך.

ער איז אַ מיטלוואוקסיקער, דער טאַנץ־מייסטער בריל, מיט אַ דאַר פּנים, מיט אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן. די האָר זענען ביי אים שיטערע, וואָס האַלטן דעם קאָפּ־שאַרבן ווי אין אַ געשטריקטער נעץ. די אויגן — וואָסערדיקע, זעען אויס ווי עפּעס אַ בלאַקייט וואָלט צעגאַנגען אין זיי. נאָר זיין גאַנצער כוח ליגט אין די פיס, מיט זיי ווייזט ער וווּנדער.

ער גליטשט זיך אויפן פּאָל, ווי אויף אייז, און שפּרינגט און הייבט זיך אין דער לופטן, קלאַפּט מיט די פיס אין חלל, ווי אַ פויגל מיט די פליגל, און האַלט זיך אַזוי מינוטן לאַנג.

דעם ערגסטן טענצער, וואָס שטעלט די פיס ווי קלעצער — קוים טאַנצט ער אים אַנטקעגן מיט זיינע לופטיקע באַוועגלעכע פיס, הייבט יענער, ווי דורך עפּעס אַ וווּנדער, שטעלן די פיס לויטן ריטם פון טאַנץ.

אַ וועלט מיט טענצער האָט ער שוין אויפגעשטעלט, וואָס פון זיין זאַל גייען זיי דערנאָך צום שפת־הים און אין אַנדערע טאַנץ־פּלעצער און באַקומען אַ שם פאַר די בעסטע טענצער.

און עפּעס גאָר אַן אַנדערער ווערט ער, דער טאַנץ־מייסטער בריל, בעת ער פירט־אָן מיט דער טאַנץ־לעקציע. די וואָסערדיקע אויגן ווערן ביי אים עפּעס ווי געזונט, דאָס פּנים ווערט באַלעבט, זעענדיק אים אַזוי וואַרפן מיט די פיס, ווי די צאַפּלדיקע שלאַנגען, וואָלט קיינער נישט געגלויבט, אַז ער טאַנצט שוין אַזוי צו צו די זעכציקער יאָרן.

ער איז אַהערגעקומען אין לאַנד פון ווין נאָך די ערשטע רדיפות פון נאַציזם און עס איז אים קיין מינוט נישט איינגעפאַלן צו שיידן זיך מיט זיין פּראָפעסיע.

ער האָט געדונגען אַ צימער אויף עק שטאָט פון תל־אביב און איינגעאָרדנט אַ טאַנץ־זאַל. די ווענט האָט ער אַרומגעהאַנגען מיט בילדער פון קינסטלער, טענצער, איינגעריכטעט אַ סך ליכט, פאַרשאַפט זיך אַ קלאַוויר

און גלייך איז זיין שם געגאַנגען פאַר אים. ער באַוויזט וואונדער, האָט מען אָנגעהויבן שמועסן אין דער געגנט. נאָך אַ פּאָר לעקציעס און דו טאַנצט: אַ כישוף ליגט אין זיינע פיס, ווי נאָר ער מאַכט אַ באַוועגונג צום טאַנץ — און דו טאַנצט אים גלייך נאָך.

לכתחילה האָט ער דעם טאַנץ־זאַל געוואָלט אָוועקשטעלן אויפן ווינער שטייגער. דהיינו: מען זאָל מאַכן אַ קניקס פאַר דער דאַמע ביים פאַרבעטן צום טאַנץ, ביים אָוועקזעצן זי נאָכן טאַנץ. נאָר ער האָט גלייך איינגעזען, אַז מיט דער היגער חברה וועט דאָס נישט גיין. די מיידלעך זענען צו באַשיידן, בלאָזן זיך נישט ווי די ווינער דאַמען. און די בחורים — אַ האַנט פאַרלייגן אויפן אַקסל, אַרומנעמען ביי דער טאַליע, מהכי תתי, נאָר מאַכן אַ קניקס פאַר איר — לא, דאָס וועט דאָ נישט גיין. און דער מייסטער בריל האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין פאַרלאַנג.

דערפאַר האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט פון די אַלע עפעקטן ביים טאַנץ, פונקט ווי אין ווין.

ביי די סענטימענטאַלע טענץ, ביי טאַנגאָס, ווערן אָנגעצונדן רויטע ליכט. דער קלאַוויר גיט פון זיך אַרויס פאַרבענקטע טענער. און די פּאָרלעך וויגן זיך, וויגן זיך אין דעם רויטן ליכט, ווי אין אַ טאַנץ צווישן פלאַמען. זיי טוליען זיך און בייגן זיך, די פּאָרלעך, און שווימען אין אַזאַ זיסער וועלט פון באַגערן, גאָר אַן אַנדערער וועלט. די הענט ביי די פּאָרלעך זענען אַרומגעשלאָסן, די קערפּערס — אַרומגענומען. און ער, דער טאַנץ־מייסטער בריל, שוועבט אַרום זיי מיט זיינע פלינקע פיס און צינדט זיי אונטער צום טאַנץ, צו אַ לעבן אין אַ ריטם, אַ טאַנץ־ריטם.

מאַכט מען דערנאָך העל די ליכט פילן זיי זיך, ווי זיי וואָלטן פון אַן אַנדערער וועלט אַראָפּגעפאַלן.

שפּעט אין אָוונט צעגייען זיי זיך, די פּאָרלעך. אָבער נישט איין פּאָרל איז זיך שוין צונויפגעגאַנגען ביים טאַנץ־מייסטער בריל אויף לעולם ועד.

דער מאלער-קוואַרטאַל אין צפת

קרית הציירים אין צפת נעמט אַרום אַ גאַנצע ריי געסלעך און ליקלעך, וואָס קרייזלען זיך און דרייען זיך איינס אין אַנדערן, איינס פון אַנדערן. עס טרעפט אויך, אַז אַזאַ געסל בלייבט שטיין ווי מיט אַן אָפן מויל — עס ציט זיך הינטער דעם אַ ליידיקער פּלאַץ.

פּאַלסט אַריין אין אַ ליקל ליגט עס טיף, טיף מיט די טרעפּלעך אַראָפּ, ווי אַ ליגנדיקע לייטער אויף וועלכער מענטשן קלעטערן אַראָפּ און אַרויף.

גייסט אַראָפּ אין דעם געסל און באַגעגנסט אַ מענטשן, וועלכער גייט אַנטקעגן און ביידע זעען אויס ווי זיי זאָלן זיך הייבן אויף אַ וואַג-שאָל אידער דאָס צינגל שטעלט זיך אָפּ. און פאַראַן געסלעך, ווו דו גייסט אָפּ אַ פּאָר טרעפּ און עס ליגט פאַר דיר אַ שטיינערנע פּלאַטע אויף וועלכער דו קענסט שטיינבלייבן ביז דו וועסט גיין אַ פּאָר ווייטערדיקע טרעפּלעך. אַזוי בלייבסטו שטיין ווי אַ סטאַטוע אויף אַ פּיעדעסטאַל; כאַפּסט דעם אָטעם און גייסט ווייטער.

פון אַלע זייטן רייסן זיך צו דיין אויג שרייענדיקע פאַרביקע פלעקן — רויטע, געלע, גרינע, בלויע, וואָס זענען געמאָלן אויף די ווענט ביי די איינגאַנגען צו די מאָלער.

שוין ביים אַריינגאַנג אין דעם קוואַרטאַל שפּרייטן זיך צווי בלאָע ווינקל-ווענט, ווי פליגלען, וואָס פאַרטראָגן דיך אין אַ פאַנטאַסטישער פאַרביקייט.

צווישן די געסלעך ליגן קלאָמבעס מיט גרינס, מיט בלומען. זיי זענען צוגעפּוצט, באַשוירן, אַז עס דאַכט אויס: דאָס זענען געמאָלענע לאַנדשאַפטן.

די געסלעך זענען דאָ מזרח-צניעותדיקע. זעסט דאָ נישט קיין

פּאַטאַדן, וואָס רייסן זיך מיט פּוץ אין גאַס אַריין. שטיל און פאַרהילט זענען די געסלעך דאָ אויפגעבויט, פּונקט ווי עס איז דאָ אַמאָל געווען פאַרהילט די מזרח־פּרוי.

ביי די זייטן פון די הייזלעך זענען זיך טירלעך, הילצערנע טירלעך, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ ווי לעפּלעך אויף אַ פּאָר שעמעוודיקע אויגן. ערשט ווען דו עפנסט אַזאַ טירל, וואַקסט אויס פאַר דיין אויג דער הויף. דער רונדער אויסגעפלאַסטערטער הויף מיט די צימערן אַרום.

אַהער האָבן זיך פאַרקליבן ישראלדיקע מאָלער, וואָס זייער צאָל דערגרייכט ביז אַ דריי צענדליק און עס איז אויסגעוואָקסן דער מאָלער־קוואַרטאַל אין צפת.

און די געגנט איז געוואָרן אַן אַטראַקציע פאַר מבינים און פאַר ליבהאָבער פון פלאַסטישער קונסט. דאָ פלאַטערן זיי אַרום, די פיינשמעקער, איבער פאַרשידענע אויסשטעלונגען, עפּעס ווי בינען וואָס הוזשען אַרום פון איין בלימל צום אַנדערן.

קומט דער אָוונט ווערן אָנגעצונדן די לאַמטערנס, וועלכע הענגען ביי יעדן אַריינגאַנג פון אַזאַ הייזל. דער שיין פון די ליכט איז אָנגעשטעלט אויף די קאַלירטע פלעקן אויף די ווענט. און זייער פאַרביקייט צעשפּילט זיך ערשט: דאָס רויטע ווערט ווי רינענדיק בלוט פון דער וואַנט אַראָפּ און דאָס בלויע — ווי שטיקער פאַרגנבעטער הימל. די גאַנצע געגנט צאַפּלט אין פאַרבן, וואָס איינע שלאָגט די אַנדערע, ווי כוואַליעס שלאָגן זיך אין ים.

קינדער אין א מעברה

די זון האָט זיך געהאַלטן ביים זעצן. זי האָט שוין געהאַט צוריק־געצויגן די גליענדע שפּיזן, וואָס זי האָט אַ גאַנצן טאָג געשיקט אויפן אַרום: אויף דעם בעל־חי, אויף דעם געוויקס.

די געגנט האָט גענומען אָפּעטעמען נאָך דער חמימה — אַ ווינטל האָט אָנגעהויבן ווייען. אויף דעם זאַמדיקן שטח פון דער מעברה, וואָס איז באַשטעלט מיט לייוונטענע געצעלטן, מיט בלעכענע הייזקעס, האָבן קינדער אָנגעהויבן אַרויסקריכן. זיי זענען עפּעס ווי חיהלעך פון דער נאָרע אַרויס אין דער קילער שיין און זיך אָנגעהויבן זאַמלען אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, וואָס האָט געפירט צו דער מעברה.

איינס און איינס זענען זיי געקומען און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. אַזוי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ קינדער צען, אַלע יינגלעך. דריי מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער.

טאַטע איינציקער, ווי פאַרשידן עס איז געווען דאָס אויסזען פון די צען קינדער: ברוינע, טונקעלע און העלע. טייל — מיט שוואַרץ־געדרייטע פּאה'לעך, מיט צעגליטע אייגעלעך, ווי צעלאָזענער פּעך. אַנדערע — מיט בלאָנד פאַרשוירענע קעפּעלעך, מיט אייגלעך פון ברוינער ביר־פאַרב, פון העל־בלויקייט.

אַזוי אויך זייער הלבשה: פון אַלע עקן וועלט, פון מזרח און מערב.

די קינדער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. און ווי עס געשעט אין מלכות פון קינדער האָבן זיי אָנגעהויבן וועבן צווישן זיך אַ שפּראַך, אַ שפּראַך אויף צו פאַרשטענדיקן זיך; פאַרשטענדיקן זיך פון אַזוי פיל לענדער, אַזוי פיל שפּראַכן, אַזוי פיל געוווינהייטן, מיט וועלכע די עלטערן האָבן זיי אַהערגעבראַכט אין לאַנד אריין.

מעגלעך, אַז די דאָזיקע שפּראַך האָט נישט געהאַט קיין גרינטלעכע

יסודות, אַז זי איז נישט געווען געפּוצט און געשליפן. נאָר די גרופּע קינדער האָבן דאָך עפּעס געוועבט צווישן זיך און דערנאָך זיך אָנגעהויבן אַרויסהעלפן מיט אַנדערע מיטלען. זיצנדיק אַזוי האָט אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר אַכט אָן ערד, אין גראַנאַטענע קורצע הייזלעך, מיט אַ שאַטינעם קאָפּ האָר, זיך אויפגעשטעלט און אויסגעשטרעקט אַ הענטל. גלייך ווי דורך אַ כישוף־שטעקל אַרויסגערופן, האָט זיך נאָך איינער אויפגעשטעלט. דער האָט געטראָגן אַ לאַנג־מזרח־העמדל, און האָט דערלאַנגט זיין הענטל אין יענעמס.

און ווי ברוך־טיילן, וואָס ווערן צוריק צונויפגעהאָפטן, אַזוי האָבן די קינדער איינס און איינס צונויפגעשלאָסן מיט די הענטלעך אַ קייט.

אַ רינגל און אַ רינגל און אַ רונדיקע קייט פון קינדער.

און דאָס ראָד האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן, די קינדער האָבן אָנגעהויבן טאַנצן.

אין זייער דרייען זיך, לויט דעם שנעלן טעמפּאָ, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרווישן דער אונטערשייד פון זייער פאַרב, פון זייער אויסזען.

ס׳האָט זיך באַקומען אַ בילד, אַז פון דעם ראָד דרייט זיך אַרויס אַ פאָלק, אַ פאָלק אויף זיין באָדן.

זאַמד

(דער ערשטער טאָג אין ישראל)

ביי דעם ערשטן לאַנג־געגאַרטן בליק, וואָס חיים בראַנד האָט געוואָרפן, בעת ער איז אַרויס פון חיפהער פּאָרט, פון וואַנען ער איז אָנגעקומען אין לאַנד אַריין, האָבן זיך אויפגעוויקלט פאַר אים ריזיקע זאַמד־שטחים. גרויסע מדבר־שטרעקעס מיט זאַמד זענען געלעגן אונטער אַ העל צעגליטן הימל.

לכתחילה האָט ער געמיינט, אַז דער ים האָט זיך צוביסלעך איינגעקאָרטשעט און געלאָזן הינטער זיך אַ צווייטן ים, אַ זאַמד־ים, וואָס כוואַליעט נישט, שוימט נישט, נאָר ליגט ווי אַ ריזיקע, געלע פעל און טריקנט זיך, נאָך פיל יאָרן נעציקייט, אונטער דער זון. און ער האָט געקוקט אויף די זאַמד־שטחים ווי אויף עפּעס נישט זיכערע, נישט שטענדיקע, וואָס נישט תמיד וועלן זיי דאָ ליגן און זיך פרייען אונטער די הימלען. מאָרגן קאָן זיך דער ים צעשטורעמען און וואַסערצונגען וועלן זיי ווידער פאַרשלינגען. דאָס אייגענע האָט ער געטראַכט וועגן די פלאַנצן און בנינים, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרט געוויזן אויף דעם זאַמד־שטח, זיי קאָנען אָפגעשווענקט ווערן און עס וועט פון זיי קיין זכר נישט בלייבן, פונקט ווי פון אַלעם וואָס דער ים פאַרשלינגט. ערשט ווען די מאַשין מיט די נייע עולים, וווּ ער האָט זיך געפונען צווישן זיי, האָט אָנגעהויבן לויפן איבער דעם אַספאַלטירטן כביש און ער האָט דערזען ווי קילאָמעטערס טיף אין לאַנד ציען זיך זאַמדפעלדער, האָט ער ערשט באַנומען, אַז די זאַמדן בילדן דעם הויפּט־באָדן פון ארץ־ישראל, און אַז דאָס אַלץ וואָס ער זעט איז אַ באַשטענדיקס, אַן אייביקס, אַז דאָס איז עס.

הגם ער האָט געלייענט און געוווּסט, אַז די ערד אין ארץ־ישראל

איז אַ זאַמדיקע, האָט זי איצט, ווען ער האָט זי אָנגעקוקט באַשיינפּערלעך, אָנגעיאָגט אַ טריבקייט אויף זיין געמיט. זאַמד, זאַמד, האָט ער שווער אָפּגעעטעמט, קוקנדיק אויף די רונדע קייקעלעך, וואָס האָבן עפּעס געוועקט צו זיך אַ מינערוועדטיקס, עפּעס איז דאָס אַ זאַך, וואָס מען פלעגט פּוצן דערמיט אין שטעטל די שבתדיקע לייכטער, אָדער אויסשיטן עס אין אָרעמע שטיבער אויף דעם פאָל, און נישט דאָס האַלטן פאַר אַן ערד וואָס גיט פּירות. און די געלקייט פון די פעלדער האָט זיך מיט עפּעס קרענקלעכס געצויגן צו אים, פּונקט ווי דאָס זאָל זיין אַ פּנים וואָס ליידט אויף געלזוכט.

און מאָדנע, איבערן וועג האָט ער דערזען גלייך-געבויטע, העלע בנינים, ביימער-אַלייען, געוויקסן און פלאַנצן פאַר די הייזער, נאָר אַלץ אַרום, שטייענדיק אין זאַמד, האָט אים אויסגעזען ווי עפּעס אויף אַ מיסט אַרויסגעוואָרפן.

און נישט קיין וווּנדער. געדענקט ער דאָך אין דער היים, אין שטעטל ביי זיי, די „פּיאַסקעס", אַ שטיק זאַמדיק פעלד, וואָס איז געלעגן אין עק שטאָט אויף הפקר. אַהין, צו דעם גרויסן זאַמדבאַרג, פלעגן קומען די אָרעמע שטעטלשע גויים מיט זייערע דאַרע שקאַפּעס און האָבן אָנגע־פּילט זייערע שמאַלע פורלעך מיט זאַמד. געבערענגט האָבן זיי דאָס אין שטאָט אַריין און האָבן געשריגן איבער די יידישע הייף: „זאַמד", „זאַמד", אָוועקגעבנדיק די גאַנצע פור זאַמד פאַר גראָשנס.

אַ מאָל, אין אַ ל"ג־בעומר, איז ער מיט אַ חברה יינגלעך פון חדר אָוועק צו די „פּיאַסקעס". די געגנט איז געווען אַ גוייִשע. קריסטלעכע שוסטערס, מיט גרויסע וואָנצעס, אין גראַנאַטענע מאַטשעיוווקעס מיט גלאַנציקע דאַשקעס, זענען דאָ געזעסן אין זייערע ווייס־געקאַלכטע הייזלעך און האָבן געאַרבעט שוכוואַרג פאַר די יידישע שיך־סוחרים. איין מאָל אין וואָך פלעגן זיי אָפּברענגען די אַרבעט אין שטאָט אַריין און אַ גאַנצן טאָג פלעגן זיי דערנאָך שיכורן. די ווייבער זייערע, דאַרע גויעס, מיט געפלאָכטענע הויכע קאָקסן, ווי די קוילעטשן, פלעגן אָפּוואַרטן די מאַנען ביי די שענקען און זיי אַהיים שלעפּן שיכורעהייט. אַ מאָל פלעגט זיך דער שיכורער מאַן איינעקשנען: „ניע, ניע פּוידע", כ'וועל נישט גיין, און האָט זיך צעטאַנצט שיכורעהייט אין מיטן מאַרק אָדער צעשלאָגן

ס׳וויב מכות רצח. פלעגט מען דעריבער מורא האָבן צו גיין אויף די „פּיאַסקעס״. אַפילו די שיך־סוחרים, וואָס זענען דאָרט געלעגן מיט זייער סחורה, האָבן אויסגעמיטן ווען עס פלעגט זיי אויסקומען אַהינצוגיין וועגן זייערע אַרבעטס־ענינים. נאָר די חדר־ייִנגלעך האָבן ממש איינגעשטעלט דאָס לעבן און האָבן זיך שטילינקערהייט צוגעשאַרט צום געלן באַרג, וואָס איז געווען צעגראָבן און צעגריבלט און גאַנצע זאַמדוועגט זענען געווען פון אים אָפּגעשיילט.

ווי שרעקלעך די איינוווינער האָבן אויסגעזען צו זיין, אַזוי מילד איז די געגנט דאָ געווען. דער הימל איז דאָ געהאָנגען אָן אָפּענער און האָט עפּעס העלער אַראָפּגעקוקט אויף דער געגנט, פּונקט ווי זיין שפּיגלען זיך אין דעם זאַמדגאָלד וואָלט אים אויסגעאיידלט. די הייזלעך אַרום זענען געווען ווייס געקאַלכטע און מיט בלומענטעפּ אויף די פענצטערלעך. קאַנאַריקלעך אין געפּאַרבטע שטייגלעך זענען געהאָנגען איבער די שוסטערשע וואַרשטאַטלעך און האָבן אַ גאַנצן טאָג געשפּרונגען און געזונגען. אויף די שינדלדעכלעך האָבן אַרומגעשפּריזט טייבעלעך און האָבן געוואָרקעט, גערופן אַזוי ציטעריק, האַרציק דער „ער״ די „זי״ און די „זי״ דעם „ער״ און אָנגעפילט דעם אַרום מיט טויבן־ליבשאַפט. אַרום די הייזלעך זענען אַרומגעשפּרונגען קראַליקעס מיט לאַנגע אויערן און האָבן אַזוי שטיליטשקע געזשאַמזשעט גרעזעלעך מיט די ליידיקע יאַסלעס.

די חדר־יונגלעך האָבן זיך אַרומגעקוקט מיט מורא און מיט נייגער מיט די פלינקע יידישע אייגלעך און זיך געוואָלט דערנענטערן צום געלן זאַמדבאַרג, וואָס איז געלעגן אַ גאָלער, אַ נאַקעטער, ווי אַ בראַנדפלעק אויף אַ קערפּער, צווישן די אַרומיקע פעלדער. נאָר איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן צוצוקומען צום באַרג, האָבן שקצים אָנגערייצט אויף זיי די הינט און זיי זענען קוים מיטן לעבן צוריק אין שטאָט אַריין, איבערלאָזנדיק דעם באַרג אין מורא.

דאָס אַלץ האָט זיך אים דערמאָנט איצט, קוקנדיק אויף די זאַמד־פעלדער אַרום חיפה.

נאָך ערגער האָט זיך חיים בראַנד געפילט, ווען די מאַשין האָט אים אָפּגעשטעלט אויפן הויף פון בית־עולים אין קרית־שמואל.

ער, מיט דעם געפּעק אין איין זייט, די פּרוי — אין דער צווייטער, האָבן זיך אָנגעהויבן קאָפּען אין די זאַמדן מיט דער שווערער משא און זי צוטראָגן אין חדר, ווו מען האָט אים אָנגעוויזן צו וווינען. צווישן די זאַמדן האָבן זיך געצויגן שמאָלע, שטיינערנע שטעגלעך, נאָר ער האָט נישט געוווּסט וווהין זיי פירן און צי זיי וועלן אים דערפירן צו זיין באַשטימט אָרט. האָט ער פּשוט געשטויבט זיך אין דעם גליענדיקן זאַמד פון הויף אַהער און צוריק און געהויבן די פיס, ווי אַ פראָש אויף דער יבשה, ביז ער האָט אַלע זאַכן אַריינגעבראַכט אין צימער. דאָס זאַמד האָט אים פּשוט פאַרפאָלגט, אים אַרומגערינגלט ביז דער שוועל פון זיין וווינונג, געשפּרייט זיך פאַרן פענצטער, געוואָרפן זיך צו זיין אויג פון ווו־ווייט. ווו ער האָט נאָר זיין בליק געשיקט: זאַמד, זאַמד. אים איז ענג געוואָרן אין האַלדז, גלייך ער וואָלט זיך געטרונקען אין אַ ים, אין אַ ים פון זאַמד. אַפילו די אַלייע פון עקאַליפּטוס־ביימער, וואָס געפינט זיך אויפן הויף פון בית־עולים און איז אַן אָרט פאַר אָפּרו און שאָטן, האָט זיך אויך געטרונקען אין זאַמד. די יונגערע ביימלעך זענען געשטאַנען, ווי די יום־כפור־ליכט, איינגעשטעקט אין זאַמד. די בענק, וואָס שטייען דאָ צע־שטעלט — ווידער אַרום מיט זאַמד. און ער האָט באַשלאָסן אָפּצורוען ליבער אין שטוב, די היץ איז געווען אַ חמימהדיקע, פייער האָט געשאָטן פון הימל.

פאַרמאַטערט פון וועג, פון דער היץ, איז ער אַנידערגעפאַלן אויפן בעטל פון בית־עולים און אָנגעהויבן דרעמלען מיט אַ שווערקייט אין קאָפּ, ווי ער וואָלט געהאַט אַ געהעכערטע טעמפּעראַטור.

•

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט זיך די פרוי שוין אַרומגעדרייט אַן אַרומגעוואַשענע, און איבערגעטאָענע. זי האָט זיך אין אַ קליין שטיישפּיגעלע אויף אַ שמאָל טישל פון בית־עולים פאַרריכט דעם קאַרב אין די נעציק־פאַרגלאַנצטע, שוואַרצע האָר, וואָס איז ביי איר

געלעגן אויפֿן שטערן, און געזאָגט צו אים מיט אַ שמייכל אויפֿן אַליווּ־לענגלעכן פּנים:

— ווייסט, חיים, אַ ווייך וואַסער דאָ, אַרומגעוואַשן זיך, איבערגע־שווענקט שוין די בלוזע און זי האָט שוין אויסגעטריקנט — האָט זי אַנגעוויזן אויף אַ ווייסער בלוזקע, וואָס זי האָט געטראָגן. גיי, פֿריש זיך אַ ביסל אויף, ס׳איז דאָרט דאָ אַ קאַלטער דוש.

חיים איז אַריין אין באָדצימער פֿון בית־עולים, און ס׳האָט זיך ביי אים דערוועקט אַן אינטערעס, ביי די ערשטע טריט אין ארץ־ישראל, באַזונדערס צו באַטראַכטן דאָ אַלץ. ער האָט אַליין פּאַר זיך אויסגעפּראָ־בירט אַלע פֿיר קראַנען, צי זיי אַרבעטן. ער האָט זיי אויפֿגעדרייט אַלע אויף אַ מאָל און מיט צופֿרידנקייט געזען ווי פֿיר פֿאָנטאַנדלעך האָבן אַנגעהויבן שפּריצן. די מירמל־ווענטלעך, וואָס טיילן אָפּ יעדן דוש, זענען ריינע, בלאַנקענדיקע; דאָס צימער צום אויסטאָן — זויבער, נישט צו באַמערקן אַ זאַמדל אפֿילו. הייסט עס, האָט ער געטראַכט, לאָזנדיק אויף זיך דעם קאַלטן שטראָם, עס קלאַפּט דאָ, מען טראָגט דאָ אַן אחריות פֿאַר אַרבעט. ביים אָנטאָן זיך האָט ער געוואָלט אַן ערשטן שריט מאַכן אין דעם נייעם לאַנד און מער נישט גענומען אויף זיך דאָס רעקל, וואָס ער איז עס געווויינט געווען צו טראָגן כּל ימיו, אַרויפֿגעשאַרצט די אַרבל פֿון העמד, ווי ער האָט דאָ באַמערקט, צעקנעפּלט דעם קאַלנער און איז אַרויס אויפֿן הויף.

די מיטאָגזון, אין אַ בלאָ טיולן געוועלב, אָן אַ שפּרענקעלע, איז געשטאַנען אין איר העלסטן בלענד. און די ווייסע, קאַסטן־גלייכע בנינימ־לעך פֿון בית־עולים אין קרית שמואל, גאַליקע ווי פֿון אַ פֿאַרעם אַרויסגע־שפּרונגען, וואָס זענען צעשטעלט אין גלייכע רייעס, האָבן צוריקגעשיינט, פּונקט ווי די זון וואָלט זיך דאָ געשאַפֿן אירע ליכטפּונקטן אויף דער ערד. דאָ און דאָרט זענען די הייזלעך געווען אַרומגעזוימט מיט גרינע לאַנקעלעך פֿון גלייך געשוירענע גראָזן. יונגע אַקאַציע־ביימלעך, וואָס האָבן דער־ציילט ווי אַלץ איז דאָ יונג, זענען געווען צעפּלאַנצט איבער די גרינע פּאַסן און זיך קינדיש צוגעהאַלטן ביי שטעקלעך, פּונקט ווי די קליינינקע, וואָס מע גיט זיי אַן אָנשפּאַר ביים אָנהייבן גיין. פֿון הייזל צו הייזל, פֿון

לאַנקע צו לאַנקע, האָבן זיך געצויגן אויסגעפּלאָסטערטע שטיינערנע שטעגלעך. אין דער היציקער בלענדקייט פון אוויר האָבן ווינטעלעך, פון ים, פון די בערג, ווער ווייס זיי? — דאָ אַרומגעצאַפּלט מיט די מענטשן, מיט די געוויקסן, מיט אַ געבלימלט קליידל, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ שטריק, און האָבן מיט שטיפעריי אויסגעשטאָפּט אַ מיידלשע פיגור, מיט אַ ראָזע זעקעלע פון אַ קינד, און מיט וואָס נישט?

פון צפון־זייט האָט זיך אַהערגעשפּיצט קיין קרית־שמואל דער הר הכּרמל. ער איז געלעגן סאַמעט־ווייך פאַרן אויג און זיך געצויגן אָן אויס־געטאָקטער אָט אַראָפּ, אָט אַרויף ווי אַ געזימס אַרום הימל. ווו נישט ווו האָבן זיך געזען פון דער ווייטנס שטעגלעך אויפן כּרמל און זיי האָבן דיך פאַרטראָגן אויף תּנכישע וועגן: דאָ האָט אליהו הנביא געשפּרייזט און צונויפגערופן אויפן כּרמל־באַרג די נביאי השקר און זיי אומגעבראַכט. און עס האָט זיך אַזוי צונויפגעמישט יענע וועלט מיטן היינטיקן אַרום, אייגנס געוואָרן.

חיים בראַנד איז אַריין אין היץ און ווינט און האָט דערפילט ווי די ביינער קרעפטיקן זיך אים נאָך דעם קאַלטן וואַסער, ווי אַ געוויקס נאָך אַ רעגן. זיין לייב איז איצט פריי געוועזן און די זון האָט עס געלעקט מיט אירע שטראַליקע צונגען און זיך דורכגעשפּיזט דורך דער קאַלטער וואַסער־פאַליע, וואָס איז איבער אים אַריבער; אָנגעגאָסן אים מיט פרישע זאַפטן און געוועקט ביי אים אַ לוסט. זיינע פינף און דרייסיק יאָר, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיי אַלע גלגולים פון אַ ייד פון אונדזער דור: געטאָ, אוישוויץ, האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנדערנעמען, אויסגלייכן. ער איז געשטאַנען דאָ אויפן הויף פון בית־עולים און האָט זיך דערפילט פריי, פריי פון די שנאהדיקע בליקן, וואָס האָבן געשפּיזט צו אים פון אַלע אָפּענע און פאַרבאַרגענע ערטער אויף די באַנען, אין די טראַמווייען, אין טעאַטער און אין געשעפט, אומעטום ווו מע האָט אים דערזען ווי אַ ייד. און עפּעס העלער, אייגענער איז דער גאַנצער אַרום פאַר אים אויס־געוואַקסן, ווי מיט אַ באַזונדער ליכט אָנגעוויזן. און אויפגעגאַנגען איז פאַר אים אַ וועלט, וואָס האָט געשלומערט אין זיין דמיון; אַ וועלט, וואָס איז אים פאַרפלאָנצט געוואָרן ביי זיין ערשטן באַקענען זיך אין חדר מיטן

אלף־בית און ער איז אַלע יאָרן פון זיין למוד, דערנאָך איבער די שליאַכן פון ארץ־ישׂראל געגאַנגען; אַ וועלט, וואָס די מאַמע האָט שוין ביים זייגן אים געוויינט אויף איר חורבן און געבעטן אויף איר גאולה. אָט ליגט זי פאַר אים די וועלט! און זיינע פיס, נאָכן טרעטן די לעצטע יאָרן איבער וועגן פון פיין און שאַנד, האָבן פון זיך אַליין שטייפער זיך געשטעלט. און ער איז געגאַנגען איבער די שטיינערנע שטעגלעך פון הויף, געגאַנגען ווי אויף כשוף־וועגן אַרום און אַרום אַלע בלאָקן, ביז ער איז צוגעקומען צו זיין וווינונג.

אין אַלע הייזער־בלאָקן פון בית־עולים האָט מען געהאַט אויסגע־וואַשן די שטיינערנע געקעסטלטע פּאָלן אין די צימערן און די שטיינערנע דיקע פּליטן פאַר די איינגענג פון די הייזער, וואָס זענען הויך, אַז דריי טרעפּלעך פירן צו זיי אַרויף. און זיי זענען געלעגן פאַר די טירן פריש און גלאַנציק, ווי איינגעמויערטע אָנדענק־טאָוולען, וואָס ווערן באַזונדערס אויפגעפּאַסט.

חיים בראַנד האָט מיט איין מאָל דערזען ווי געהאָרכיק די זאַמדן ליגן אַרום די יידישע שוועלן, ווי אונטערטעניק מען מאַכט זיי דאָ, די מדבר־זאַמדן, און זיי ליגן ווי די אויסגעדרעסירטע הינט פאַר די הייזער און גייען אויף די שוועלן און אין די צימערן נישט אַריין.

קעגן אָונט האָט זיך דער גלאָק צעקלונגען איבערן הויף פון בית־עולים, דאָס האָט מען די נייע עולים גערופן צום מאָלצייט. פון אַלע בלאָקן האָבן זיך עולים געלאָזט אויף די שטעגלעך, וואָס האָבן געפירט צום גרויסן עסזאַל. דאָס איז געווען אַ געמיש פון מענטשן: טונקעלע, מיט דאַרע לאַנגע פּנימער פון מאַראָקאָ און העלבלאָנדע פון וואַרשע, יידן פון פאַר־שידענע לענדער און לשונות, און איינאיינציק וואָרט האָט זיי אַלע פאַר־אייניקט: „שלום”, „שלום”, וואָס זיי האָבן זיך געזאָגט ביים באַגריסן.

חיים בראַנד האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט זיין פרוי ביים לאַנגן טיש גלייך מיט אַלע. אַלע האָבן זיי געשמאַק געגעסן די ארץ־ישׂראלדיקע ווייסע ברויטן מיט קעז און פּאָמידאָרן און דערביי נישט איבערגעהאַקט די גע־שפּרעכן פון איינעם צום אַנדערן. יעדער האָט געהאַט עפּעס צו דערציילן, ביי יעדן איז פול געווען אויפן האַרצן. איינער, פון זיין ערשטער באַוווּנ־

דערונג פון לאַנד, אַ צווייטער, פון זיינע ערשטע שוועריקייטן ביים אַריינ־דרינגען אין לעבן פון יישוב. אַלע האָבן זיי געטראָגן אין זייערע בליקן עפּעס פון קינדער, וואָס אַט באַגייסטערן זיי זיך און אַט פאַרציִען זיי. די אייגעלעך צום וויינען, אַז נישט קאַפּריזעווען זיי גאָר. נאָר עפּעס היימישס איז געלעגן אין אַלע זייערע טענות און פּרעטענזיעס, עפּעס טענות ווי צו אַ מאַמען, וואָס מע קומט צו איר נאָך לאַנגע יאָרן וואָגלעניש, און נאָר זי דאַרף פאַרשטיין און זי דאַרף גרינגער מאַכן. נאָר איין טרייסט איז ביי די אַלע נייע עולים געווען: מען וואַקסט דאָ אַריין. די אַלע תּושבים פון פּאָר צוואַנציק און פינף און צוואַנציק יאָר האָבן זיך דאָ איינגעוואָרצלט און האָבן זיך דערשלאָגן צו עפּעס אַ מעמד. און דער עיקר, זיי האָבן אַ נייעם דור פאַרפלאַנצט. און דאָס האָט נאָך די יידישע אויסגעוואָרצלט־קייט געטרייסט, דאָס האָט געשטאַרקט.

דער אָוונט האָט אָנגעהויבן צופאַלן. די וואָלקנדלעך, וואָס האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג ווי אַ ווייסער טיול געצויגן, זענען מיט איין מאָל געוואָרן קופּעררויט און ווי פאַנצערס שטרענג אַראָפּגעקוקט, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, גאָט וויס וואָס פאַר אַ שלאַכט עס גרייט זיך אויפן הימל. נאָר דער הימלדעק איז גאָר מילד געווען, ווי די גראָע פליגלען פון אַ טויב וואָלטן זיך אין אים פאַרמאַכט. קאָן זיין ווייל דער צעפינקלטער זילבער פון די שטערן, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרט באַוויזן, האָט אים אַזוי איידל בלייך געמאַכט ווי נאָר זילבער קאָן. די לבנה איז קודם אַרויס אויף אַ העלפט, אַ סערפּ וואָס דאַרף זיך ערשט אויסשניידן איר רונד. נאָר אַלץ אַרום איז אַזוי ליכטיק־צאַרט געווען, אַז מען איז זיכער געווען, אַז ס׳וועט איר געלינגען, דער לבנה, זי וועט היינטיק מאָל זיין אַ פולע, אַ גאַנצע און זי וועט קיניגן איבער דער וועלט מיט איר גאַנצער פּראַכט. די הייזלעך אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן טונקלען אין זייערע שאָטנס, עפּעס ווי זיי וואָלטן די אויגן־לעפלעך אַראָפּגעלאָזן און געפרווט איינדרימלען.

פון ווייטנס האָט דער הר הכּרמל אָנגעהויבן אַהערלייכטן מיט זיינע צעצונדענע פייערן. פייערן אין אַ באַרג, וואָס האָבן זיך געצויגן אין גלייכע שורות, אין רונדע רעדער און זיך געמיניעט, געפינטלט און געוואָרפן מיט שימער, ווי בריליאַנטענע בראָשן און שפּילקעס וואָלטן אין זיי

געשטעקט. און זיי האָבן אַזוי געצויגן, די דאָזיקע פייערן אין באַרג, געלאָקט ווי אַט קומסטו־צו צו זיי און דו פאַלסט אַריין אין אַ וועלט פון טייערע איידלשטיינער און דיין זיצאָרט וועט זיין ערגעץ אין אַ ליכטיקער הייכעניש.

די עולים האָבן זיך צוגעזעצט אויף די שוועלן פון זייערע טירן, אויף די בענק אין די אַלייען, אַנדערע זענען געגאַנגען אויף שפּאַציר. אַלץ אַרום, די בריאה ווי דער געוויקס האָבן גערן אויפגענומען די קילע טונקלעניש נאָך אַ גאַנצן טאָג העלן בלענד. און שטיל פאַר זיך איז ביי יעדן געלעגן די תּפילה: „דער וואָס טוישט די ציַיטן און איז מסדר די שטערן".

חיים בראַנד איז מיט זיין פרוי אויף שפּאַציר געגאַנגען קיין קרית חיים. זיי זענען אַריבער דאָס זאַמדפעלד נאָכן בית־עולים, אַריבער די באַנליניע, וואָס ציט זיך אויף חיפה און זיי זענען אַרויס אויף דעם אַספאַל־טירטן וועג פון קרית חיים. אַ הימלעכקייט האָט זיי ביידן אַרומגענומען. אויף דעם שוואַרץ־גלאַטיקן וועג, ווו די לבנה האָט אירע נעצן געשפּרייט, איז אַזאַ שפּאַציר געווען, אַ יידישער שפּאַציר פון מאַמעס מיט זייערע קינדער אָדער אַ פּאַרפאָלק מיט זיין געזינד. אַלץ אויף זיי, צי איז דאָס אַ ווייסע בלוזע אָדער א כאַקיהעמדל מיט הייזלעך, זענען ריין, ציכטיק, די קעפּ — פיין פאַרקעמט, וואָס דאָס דערציילט פון אַ היים, פון אַ בעל־הביתישקייט. אַזוי זענען אויך דאָ די געשפּרעכן פון איינעם צום אַנדערן, נישט צו הערן קיין הויך געשריי, קיין אַמפעריי. פרידן, ווייזט אויס, הערשט צווישן די משפּחות. נאָר דאָס רוב פון די איינוווינער פון קרית חיים זיצט אין אָוונט אויף די וועראַנדעס פון זייערע הייזער, הייזער פון דריי פיר צימערן, וואָס יעדער משפּחה האָט זיך דאָ אויפגעבויט. דער „איש תחת גפנו" לעבט דאָ אין געמיט פון יעדן, צו דעם שטרעבט מען, איז אויף יעדער פאַר שפּאַן — אַ הויז מיט אַ משפּחה. די הייזער — לויטן גוסט פון בעל־הבית, איינס צו ס'אַנדערע נישט גלייך. און עס ציען זיך אַזוי גאַסן אין קרית חיים, אַ הויז מיט אַ משפּחה, אַ הויז מיט אַ משפּחה. נאָר איין פלאַן פאַלן זיי אַרונטער, גלייכע ציען זיי זיך, ווי מיט אַ שנור געצויגן, די הייזער אין קרית חיים. נאָר וויפל גרינס אַרום יעדן הויז!

עפּעס אַ גרויסע יידישע סאַטיספּאַקציע, זעט מען, וואָס מער ביימער און בלומען אַרום די הייזער. און דווקא פיין־געפּלעגטע, און דווקא גלייך־געשוירענע. דאָס דאַרף ווייזן: דאָ אויפן יידישן באָדן האָבן יידן אַ שייכות מיט נאַטור. נישט אמת וואָס מע האָט אויף אונדז אויסגעטראַכט, זאָגט יעדער יידישער, גלייך־געשוירענער בוים. נאָר די יוגנט, זעכצן־זיבעצן יעריקע, וואָס די פולע פיס טאַנצן זיי אַרויס פון די קורצע הייזלעך און די הענט צאַפּלען־אַרויס פון די קורצע אַרבל, זיי פליען אויף וועליסאַ־פּעדן איבער דעם לאַנגן כביש און שלינגען די וויטקייטן מיטן פּאַרמעסט פון זייער הייס בלוט. דאָ, ווו די וועגן קרייצן זיך, שטייען זיי, גרופּעס יונגוואַרג, מיידלעך און יונגלעך, אויף זייערע וועליסאַפּעדן אָנגעשפּאַרט, מיט איין פוס אויפן טרעטער און אונטער דער שיין פון דער לבנה זינגט מען און מען צעפּליט זיך ווייטער מיט אַ נייעם פּאַרמעסט.

חיים בראַנד האָט זיין ווייב גענומען אונטערן אָרעם און זיי זענען געגאַנגען גאָס־איין גאָס־אויס איבער קרית חיים און זייערע אויגן האָבן זיך נישט געקאָנט זעטיקן פון אַלעם. זיי האָבן באַטראַכט יעדעס שטיבל, צו יעדן ווינקעלע זיך צוגעקוקט. אויף ערטער האָבן זיך נאָך געשפּרייט פּרייע פּלעצער מיט זאַמדן, ווילדע זאַמדן. נאָר חיים בראַנד האָט שוין געזען ווי אַזוי זיי ווערן דאָ באַצוווּנגען, ווי אַזוי זיי גיבן זיך אונטער די יידישע הענט און מען פאַרפּלאַנצט און מען אַקערט און מען בויט אויף זיי. און זיי זענען געלעגן די זאַמדן, ווי עפּעס צו ווייזן די דורכגייער: איר זעט, אַזוי האָט ביז נישט לאַנג צוריק דאָ אַלץ אויסגעזען.

אַהיים זענען זיי געגאַנגען און האָבן די אָרעמס פעסטער געדריקט צו זיך. זיי האָבן זיך גאָר נישט געזאָגט, נאָר דאָס געפיל פון טוליען זיך איינער צום אַנדערן האָט זיי געלאָזט פילן, אַז זיי האָבן בטחון, זיי וועלן זיך אויך דאָ שאַפן אַ ווינקעלע.

אין דער היים האָט חיים בראַנד לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט אַלץ געשמייכלט צו זיך: אָן איינפּאַלעניש אַ ביסל, דאָס איז דאָך נישט די „פּיאַסקעס״, דאָס איז דאָך נישט די „פּיאַסקעס״.

גאסן-שפּילער

זיי זענען צעוואָרפן איבער פאַרשידענע ערטער פון תּל־אביב. אויף אַלע פּלעצער, ווו די גאַסן־באַוועגונג איז געפּאַקט; ביי די סטאַ־ציעס, ווו עס פּלעכטן זיך רייעס מענטשן אין די אויטאָבוסן; ביי די קאַפעען און פאַרוויילונגס־הייזער, אומעטום זעט מען זיי, די גאַסן־שפּילער.

איינער שפּילט אויף אַ פידל. ער שפּילט תּמיד חתונה־נגונים פון די אַמאָליקע יידישע שטעטלעך אין פּוילן. ער איז אין דער אַלטער היים, ווייזט אויס, געווען אַ כּלי־זמר.

אַ נידריקער, אַן אויסגעדאַרטער, מיט אַ קורץ־געשוירן בערדל. אויפן קאָפּ — אַ צעקנייטשטער קאַפּעלוש. מאַכט ער דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט פאַרטאָג אהיימגעגאַנגען פון אַ יידישער חתונה אַ נישט־אויסגע־שלאָפענער, אַ נישט־אויסגערוטער.

דאָס איינציקע, זעט מען, דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט מיטגע־טראָגן מיט זיך איבער אַלע וואָגלענישן פון די מלחמה־יאָרן, איבער אַלע גרענעצן: זיין פידל מיטן פוטעראַל.

איצט ליגט דער פוטעראַל אויפגעשפּרייט אויף די תּל־אביבער גאַסן פאַר גוט־האַרציקע מענטשן, אַריינצוּוואַרפן זייערע נדבות, און ער, דער אַלטער כּלי־זמר, זעצט ווייטער פאָר זיין פאַך: ער שפּילט יידישע חתונה־נגונים.

נדבות פאַלן.

די יידישע שטעטלעך אין פּוילן זענען נישטאָ מער, די אַמאָליקע חתונות זענען פאַרשוווּנדן, נאָר דער אַלטער כּלי־זמר שפּילט ווייטער די יידישע חתונה, אָן חתן־כּלה, אָן מחותּנים.

מענטשן לויפן, איילן איבער די אויסגעזוּנטע גאַסן פון תּל־אביב. אַרום איז דאָס לעבן שטייף, עס האַרטעוועט זיך אויפן נייעם באָדן, ווי

אַ שטאָל ביים ברענענדיקן פייער. און דאָ צאַפּלט פּאָר זיי אַנטקעגן אַ נגון, וואָס דער כלי־זמר שפּילט־אויף, אַ נגון, ווי אַזוי מען באַזעצט אַ יידישע כלה אין אַמאָליקן שטעטל, ווי מען פירט זי מיט הענט ליכט צו דער חופה ביי דער שול, ווי דער עולם זיצט אַרום די סערווירטע טישן און דער בדחן רופט־אויס דרשה־געשאַנק.

אַ רגע ווערט מען פאַרטראָגן דורך די נגונים, העט, העט, צוריק צו די קינדער־יאָרן. עס ווייעט מיט היימישער מילדקייט. נאָר די ווירק־לעכקייט פון ארץ־ישראל כאַפּט דיך אָן ווי מיט צוואַנגען, לאָזט דיך נישט פאַרשווינדן. גיסט אַ קוק — ביסט דאָך אויף אַ תל־אביבער גאַס. אָבער אין האַרצן האָט ער דאָך עפּעס אויפגעוועקט, דער אַלטער כלי־זמר. און נדבות נעמען פאַלן אין פוטעראַל פונעם פידל.

אַן אַנדער שפּילער, ווידער, פאַרטראַגט דיך מיט זיין שפּילן אין גאָר אומבאַקאַנטע ערטער. ער איז פון די מזרח־עדות. ער טראָגט אויפן קאָפּ אַ פעסקע מיט אַ שוואַרצן טראָלד.

אַ סגי־נהור. צוויי ווייסע בלאַנעס, ווי צעגאָסענע פלעקן, פאַר־שטעלן ביי אים די שוואַרץ־אַפּלען.

ער שפּילט אויף אַן אָריגינעלן אינסטרומענט: אַ קליין קעסטעלע מיט אַ קלאַוויאַטור. ביים שפּילן אויף די קלאַווישן מאַכט ער אויף־און־צו דאָס אויבערשטע דעקל פונעם קעסטעלע צום טאַקט, עפּעס ווי פליגלען, וואָס הייבן זיך בעתן פליען.

ער זינגט און שפּילט־צו אַזעלכע אומעטיקע מזרח־נגונים.

די מעלאָדיעס ציען זיך ס'רוב לאַנג, איינטאָניק, עפּעס ווי אַ זאַמד־וועג אין אַ מדבר. מיטאַמאָל הייבט ער עפּעס אָן דרייען און ציקלען די טענער אַרויף, אַרויף, אַקוראַט ווי מען זאָל קלעטערן מיט קעמלען אויף אַ באַרג. דאַן לאָזט ער די טענער ווידער אַראָפּ, אַראָפּ. אַזוי גייט ביי אים איין מעלאָדיע נאָך דער אַנדערער.

אַלע אויסטערלישע אומגליקן, וואָס פּאַסירן אין די מזרח־געגנטן און וואָס דו האָסט ווען געלייענט אָדער געהערט וועגן זיי, דערוועקן זיך ביי דיר אַזוי לעבעדיק, בעת דו הערסט דעם שפּיל און געזאַנג פון סגי נהור, וואָס „קוקט" מיט די צוויי בלאַנעס צום הימל.

זיין געזאַנג רופט אַרויס ביי מיר אַ שרעקלעך בילד: אַט זע איך, ווי אַ רויב־פויגל לאָזט זיך אַראָפּ, כאַפּט אַ קינד מיטן שנאָבל און פליט דערמיט אַוועק. און די מאַמע שטייט מיט צוויי קראַמפּהאַפטע הענט, וואָס רייסן זיך צום הימל.

ער הייבט אָן וויברירן מיט דער שטים און פאַר מיר ווייזט זיך אַ גיפטיקע שלאַנג, ווי זי ריטשעט זיך אויפן בויך, גלייך צו איר קרבן.

מענגעס מענטשן ציט ער צו, דער סגי־נהור פון מזרח, מיט זיין זינגען און שפּילן. שטענדיקע רעדלעך פון פאַרבייגייער רינגלען אים אַרום. עפּעס אַ טונקעלער כוח ליגט אין אים, וואָס ציט. און די פּושקע, וואָס שטייט ביי אים אויף צו קלייבן נדבות, שפּרינגט יעדעס מאָל אויף פון די מטבעות, וואָס ווערן אין איר אַריינגעוואָרפן.

א האַנט

אין מיטן דער רושיקער אַלנבי אין תל־אביב שטייט ער. איזן איז ער אַ סגי־נהור.ביידע אויגן זענען ביי אים פאַרוואַקסן. ער איז פון די מזרח־עדות, און אויף זיין טונקל פּנים ליגט אַ טיפער שאָטן פון זיין בלינדקייט, ווי די טונקלקייט פון אַ גרוב.

ער שטייט און בעט נדבות. נאָר ער רעדט נישט. קיינמאָל הערט מען נישט קיין קלאַנג פון זיין מויל. נישט ער מאַנט, נישט ער פאָדערט.

ער טוט גאָרנישט צו ציען אויף זיך אויפמערק, מען זאָל אים זען, זען זיין מום.

שטיל און שטום שטייט ער אין זיין ווינקל, אַזוי שטום ווי נאָר אַ מזרח־מענטש קען זיין אין זיין גרעסטן צער.

נאָר אַ האַנט, אַן איינציקע האַנט שטרעקט ער אויס צו דער גאַס, צו דער באַוועגלעכער מאַסע, וואָס פליסט פאַרביי.

און מיט דער דאָזיקער האַנט דריקט ער אויס אַלע זיינע פאַרלאַנגען, אַלע זיינע באַגערן, זיין גאַנצן צער.

ער שטייט, די האַנט אויסגעשטרעקט. און אויב עס איז טויט אַרום אים, קיין שום מיטגעפיל פאַרן אומגליקלעכן, הייבט זי זיך אָן וואַרפן, די האַנט.

זי שליידערט זיך מיט צאָרן, צאַפּלט פאַר די מענטשלעכע אויגן. זי לאָזט גלייכגילטיק נישט פאַרביי, זי וואָרנט, די האַנט: נישט הפקר, אַ מענטש אַ בלינדער, און איר לאָזט אים שטיין אָן הילף?

זי וועקט, די האַנט, אַזוי לאַנג ביז עס רופט זיך ווער אָפּ פון די פאַרבייגייער און דערלאַנגט איר עפּעס.

ווי דער שטייגער איז ביי נדבות, שטעקט איינער אָן דעם אַנדערן. יעדער גיט זיך אַ דערמאָן, ווען ער זעט געבן אַ נדבה. עס גיט אים אַ צופּ

עפּעס אַ געדאַנק, אַ געפּיל און מטבעות הייבן אָן פאַלן אין זיין האַנט אַריין.

ער דערפילט ווידער מענטשן אַרום זיך, רחמנות אַרום זיך. ער דערפילט הענט, געבנדיקע הענט. ער איז נישט אַליין אויף דער וועלט.

ער זעט זיי נישט, די הענט, די געבנדיקע הענט, און דאָך איז ער פאַרבונדן מיט זיי. עפּעס ווי אומזעבאַרע פעדים ציען זיך פון זיי צו אים.

זיין האַנט ווערט דאַן רויקער, זי וואַרפט זיך נישט, שליידערט זיך נישט. זי ווייזט עפּעס דעמאָלט ביים באַקומען די נדבה: זעט, זעט מענטשן, זענען מענטשן דאָך רחמנים, בני רחמנים, פאַרגעסן נישט אָן אומגליקלעכן.

די גאַנצע צייט וואָס ער שטייט אין גאַס מאַכט ער חשבון, ציילט וויפל ס'איז אים צוגעפאַלן. יעדע מטבע וואָס ער באַקומט טאַפּט ער אָן און לויט איר גרויס און ווערט לייגט ער זי אין אַ באַזונדערער טאַש אַריין.

אַזוי אַרום איז אים לייכטער צו מאַכן דעם סך הכל.

שטייט ער אַ גאַנצן טאָג פאַרשפּינט אין חשבונות. לויפט בלינד מיט די פינגער פון איין טאַש צו דער אַנדערער און רעכנט, רעכנט. ער מוז דאָך וויסן צי ער האָט געגוג פאַרן טאָג חיונה.

וואָרום איידער די זון זעצט זיך, קומען זיי נאָך אים, די משפחה־מענטשן, אים אַהיימנעמען.

דעמאָלט לאָזט מען זיך ערשט אויפן שוק איינקויפן. דערנאָך זיך אַרומזעצן אין שטיבל און אָפּעסן דעם מאָלצייט.

א פויגל

איך בין געזעסן אין אַ פּאַרק, באַשיצט פון דער זון הינטער אַ בוים, אַ רונדיק פאַרצווייגטן.

אַ פּאָר טריט פון מיר איז די זון געלעגן אַ גליענדיק צעפּרייכטע, און די שאָטנס פון די צווייגן האָבן אויף די זון־נעצן געשאַפן אַזאַ מין געוועב פון בלעטער, פון קרענץ — איין גאָט ווייס וואָס פאַר אַ צייכנס זיי האָבן אַלץ אַרויסגעבראַכט אויף דעם ברוינעם זאַמד־שטעגל פונעם פּאַרק.

איך זיץ, באַהאַלט דעם קאָפּ פאַרן ברענענדיקן גלי, פּונקט ווי אַן עוף פאַרשטעקט זיך אַמאָל פאַרן רעגן.

אַרום איז אַלץ פאַרטייעט, פאַרשטומט. די ביימער, די גראָזן, די פאַרשידענע געוויקסן, אַלץ ליגט ווי אויסגעהאַפטן, קיין באַוועג זיך נישט געגעבן.

פלוצלינג איז אַ פויגל פאַרביי נאָענט לעבן מיר. ער האָט אין זיין גרינער פעדער־איינהיל פאַרבייגעשוועבט, אַ צוויטשער געטאָן און זיך אַליין אַזוי לוסטיק, אַזוי פריידיק געענטפערט: נררא־לא, טררא־לא־לא, און איז פאַרפלויגן אין דער טיף.

און מיך, מיך האָט ער עפּעס מיטגעכאַפּט מיט זיין פלי. ער האָט מיך אַרויסגעצויגן פון מיין ענג באַהאַלטן ווינקל און די וועלט איז פאַר מיר אַזוי פריי געוואָרן, אַזוי ברייט געוואָרן, אַזוי פיל רום באַקומען.

ער האָט מיך אָנגעשטעקט מיט זיין פרייען טרילן און איך בין געפלויגן, מיטגעפלויגן.

מיך האָט עפּעס אַ צופרידנקייט אַרומגענומען, וואָס דער פויגל איז פריי, פריי אין זיין פליען, וואָס ער איז נישט קיין געפאַנגענער, וואָס ער

איז נישט מיינער און ליגט נישט ערגעץ אין אַ שטייגל; פריי, פריי פאַר אַלעמען.

דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך ביי מיר צעוואָקסן און איך בין צופרידן געווען וואָס אויך דיביימער זענען נישט מיינע, געהערן צום פּאַרק, צו אַלעמען; איך בין צופרידן געווען, וואָס קינדער לויפן אַרום אין אים, שפּילן זיך, שפּרונגען.

אַ מינוט שפּעטער בין איך צופרידן געווען וואָס איך פאַרמאָג גאָרנישט, וואָס איך האָב גאָרנישט פון דער וועלט פאַרכאַפּט.

נאָר אַזוי־אַרום האָב איך געקענט צוגלייך מיטן פויגל, געניסן פון פרייקייט.

א בוים איז געפאלן

דער סקווער מיט די לאַנגע אַלייען אַקאַציע־ביימער ליגט ווי אַ גרינער אינדזל צווישן די שטיינערנע רוישיקע גאַסן אַרום.

אינדערמיט, צווישן איין שורהביימער און דער אַנדערער, שפּרייטן זיך פלאַכן גלייך געשוירן גראָז, און אויף זיי — גרופּעס סאַמעט־בלומען, וואָס פאַנגען די געגנט אין אַ נעץ פון פאַרבן און גיבן פון זיך אַרויס אַ זיסן אַראָמאַט.

בענק, גרין געפאַרבטע, זענען צעשטעלט צווישן די ביימער, אַן אַפּרו־אָרט פאַר די פאַרבייגייער, ווו זיך אַנידערצוזעצן אונטער אַ קילן שאָטן.

ווינטער, בעת ווינטן און רעגנס הוליען אַרום, איז דער סקווער נאַקעט און פאַרלאָזן. די ביימער ווערן אַ שפּיל פאַרן ווינט, וואָס רייסט זיי די קעפּ, פּליקט פון זיי די בלעטער. עפּעס ווי ביי אַ געשלעג, ווען מען פאַרפאַרט מיט די הענט אין פרעמדע האָר אַריין. דער רעגן פּאַטשט זיי, צוואָגט זיי דורך. און פון די צווייגן טריפט, טריפט. די גרעזלעך — פאַר־שווינדן ווי אין דער ערד אַריין. פאַריתומטע, פּוסטע, ווי נאָך אַ שמחה ווען די געסט זענען אַוועק, שטייען די בענק. די מענטשן לויפן דאָ אין איילעניש דורך, נאָר זיך אַריבערצוכאַפּן פון איין גאַס אין דער אַנדערער.

נאָר אָט האָט זיך באַוויזן דער ערשטער לינדער טאָג. די זון האָט אַ לייכט־געטאָן, און דער סקווער האָט אויפגעוואַכט, אויסגעלענגערט זיך נאָכן ווינטער. די ביימער — אויסגעשטרעקט די צווייגן קעגן דער זון, זיך געוואַרעמט, געטוליעט, די גרעזלעך — אויסגעגלייכט די קעפּלעך. אין זייער פאַרוויאַנעטקייט האָט פריש בלוט אָנגעהויבן פליסן.

ערשט נעכטן האָט זיך דער סקווער געפונען פאַרלאָזט, פון קיינעם

נישט באַמערקט. און שוין היינט שטייט ער אַ גרייטער, אַן אַנזעעוודיקער. די ביימער וואַרפן זיך אַזוי צום אויג, זייער צייט געקומען.

נישט צו דערזען פאַר אַ מענטשלעך אויג, פאַרהוילן פון דער יצירה, האָבן זיך קנאָספּן אָנגעהויבן באַווייזן אויף די צווייגן. און איין וווּנדער נאָכן אַנדערן: די ביימער האָבן זיך אָנגעטאָן אין גרינס, דאָס גראָז האָט אַ חיות באַקומען און די בלומען — פאַרביקע בעקלעך.

דער סקווער האָט אויפגעלעבט.

די בענק זענען איצט באַזעצט געוואָרן פון מענטשן, די צווייגן — פון פייגל.

איין בוים אין סקווער איז געבליבן נאַקעט און הויל, נישט קיין בלעטל, נישט קיין שפּראָץ, ער איז נאָכן ווינטער קיין תּחית־המתים נישט אויפגעשטאַנען.

שוואַרץ איז ער געשטאַנען, דער בוים, אין דער העלער זון. די קאָרע — צעשפּאָלטן, מיט טיפע שניטן, די צווייגן — פאַרהויקערט, פאַר־קרימט, ווי אויסגעלענקטע אברים. און די עקן פון די צווייגן, ווי די פיס פון שרצים.

אַרום בליט, אַרום גרינט, די ביימער רונדיקן זיך אַרום מיט בלעטער, וואַקסן־אויף, ווערן פול, און דער ליידיקער בוים — אַ מת צווישן לעבעדיקע, אַ טויטער גוף.

די באַנק, וואָס שטייט הינטער דעם בוים איז שטענדיק אַ ליידיקע. קיינער זעצט זיך נישט צו, די זון ברענט דאָ אומגעשטערט, קיין שאָטן נישטאָ.

אַרום דעם סקווער זענען די בענק שטענדיק באַזעצט. זיצט אַ מאַמע און איר קינד לויפט אַרום צווישן די ביימער. ביי אַן אַנדערער — שטייט נאָך דאָס וועגעלע מיטן קינד לעבן איר, זיצט ווער מיט אַ בלאַט־צייטונג אין האַנט. אַנדערע רוען זיך סתּם אָפּ נאָך דער חמימה אין שטאָט און הענגען אָן די בליקן אין ליידיקן חלל. אויף דער באַנק הינטער דעם ליידיקן בוים איז פּוסט, אַ קבר אַרום.

אַפילו אין אָוונט, ווען עס קומען אין סקווער אַריין יונגע פאַרלעך און זעצן זיך אונטער די ביימער, מיידן זיי אויס דעם ליידיקן בוים. די

פאַרלעך ווילן האָבן אַ שוץ, נישט פאַלן אין דער בפרסיהדיקייט און נישט ויצן אונטער דעם בוים, וואָס איז אָפּן און הפקר פאַר אַלעמען.

נישט לאַנג האָט מען דעם טויטן בוים אין סקווער געלאָזט. די וואָס זענען ממונה איבער דיביימער פון שטאָט האָבן אָראָפּגעשיקט אַר־בעטער מיט אַ שלעפּ־מאַשין, מען האָט דעם בוים פון דער ערד אַרויסגע־ריסן, איינס צוויי אים אויף אַ פור אַרויפגעלייגט, און דעם בר־מינן אַוועקגעפירט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז שוין אויף דעם אייגענעם אָרט אַ יונ־גיטשקע ביימעלע געשטאַנען, אַ יונגס, עס האָט זיך נאָך ביי אַ שטעקן געמוזט האַלטן. אויפן סאַמע שפּיץ האָט עס נאָר צוויי בלעטלעך געהאַט. אָבער זיי האָבן שוין געפלאַטערט אין ווינט, געקוקט מיט אַזאַ גרינער פרישקייט. און די זון — אָנגעטרונקען זיי מיט וואַרעמקייט, געלאַכט, געשמייכלט צו זיי, ווי אַ מאַמע צו איר ניי געבוירן קינד. דער אייביקער גאַנג פון דורות.

געשריי נאָך פרייקייט

אין גן־חיות.

אַ זוניקער סוף־יאַנואַר־טאָג נאָך כסדרדיקע רעגנס.

איך בין צו צו די שטיגן, — טאַטע איינציקער, אַזאַ בענקשאַפט, אַזאַ פרישע בענקשאַפט ביי די חיות נאָך פרייקייט.

קען זיין, ווייל די ערשטע וואַרעמע טעג נאָך די רעגנס דערמאָנען דעם וואַלד, דעם אומענדלעך גרינעם שמעקעדיקן וואַלד.

דער לייב איז געשטאַנען ביי די קראַטעס פון דער שטייג, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַהינטער און געצויגן מיט די נאָזלעכער די לופט פון יענער זייט, פון דער פרייער זייט. די פרייע לופט האָט אים גערייצט, געוועקט זיין בענקשאַפט.

מיטאַמאָל האָט ער דאָס מויל געעפנט, דאָס גאַנצע לייבן־מויל, אַ בריל געטאָן, גענומען קייען, ווי ער וואָלט געוואָלט די וועלט צעפרעסן, און איז אַוועק טיפער אין דער שטייג.

די בערן זענען „גליקלעכער" פאַרן לייב. דער בער פאַרמאָגט אַ שמאָלן פּיסק. שטעקט ער אים טאַקע דורך צווישן די קראַטעס. דער שפּיץ פונעם מויל איז אויף דער פריי. ער פאַרגעסט אינגאַנצן, דער בער, אַז ער ליגט אין זיין גאַנצער גרויס אויף אַלע פיר אין דער שטייג, אַבי דער שפּיץ פונעם מויל איז אויף יענער זייט, אויף דער פריי.

דערנאָך בין איך צו צו די אָדלערס.

אַן אָדלער איז געשטאַנען אויפן באָדן פון דער שטייג, צענומען די פליגלען, אַ פּאָר ריזיקע פליגלען, פאַרצויגן דעם אָדלער־בליק אַרויף, אַרויף צו די הויכקייטן. ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו פליען, דער אָדלער. ער האָט אַ פאָך־געטאָן מיט די פליגלען און איז אַרויף אויף אַ דעכל, וואָס געפינט זיך אין דער שטייג און איז אפשר דריי מעטער די הייך, אַז אַ קאַץ קען דערויף אַ שפרונג טאָן.

ער האָט זיך עפּעס ווי פאַרשעמט, דער אָדלער, אַוועקגעשטעלט זיך, איינגעצויגן דעם גאַרגל און דעם קאָפּ פאַרשטעקט אין די פעדערן. ער איז איצט געווען אַ פערטל די גרויס ווי בעת ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויפן פלי.

אַ פּאָר טריט ווייטער האָב איך געזען אַ ברוינעם צאַפּ מיט אַ פּאָר געדרייטע הערנער. ער האָט זיך געפונען אויף אַ שפּיץ פון אַ כלומרשט שטיינערנעם באַרג, אַ געמאַכטן.

ער איז געשטאַנען, דער צאַפּ, מיט דער ברוינער באָרד, מיט דעם הערנער־געפלעכט, דער בליק איז ביי אים געווען פאַרצויגן און האָט געקוקט ווי אַ זקן אַ פילאָזאָף — וואָס פּאָר אַ שיינע פּאַראַנדקעס די מענטשן האָבן אויף אונדזער וועלטל איינגעפירט.

און אָט בין איך ביי די פייגל.

די דאָזיקע זינגענדיקע און שפּרינגענדיקע באַשעפענישלעך, זיי ווייסן קיין גליקן נישט: אויף דער פריי, צי אין דער שטייג — זיי זינגען, זינגען.

זיי זענען נאַריש, די פייגל, פּונקט ווי די פּאָעטן, האָב איך געטראַכט. זיי זינגען ווען פריילעך איז זיי און ווען ס'איז זיי טרויעריק.

אומעטום, וווּ איך האָב זיך דערנענטערט, האָבן זיך העלדזער אויסגעשטרעקט, אויגן — פאַרקוקט געווען אין דער ווייט. מ'האָט געברילט, געוואָיעט, געברומט, געמעקעט, געצוויטשערט, געטרילערט, און מיט די נאָזלעכער געצויגן צו דער פריי.

אַז איך בין אַרויס פון גאָרטן איז מיר נאָך דער געשריי, דער געשריי פון די אלע חיות און עופות נאָך פרייקייט, אַ געשריי, אַז ער האָט געקענט די הימלען שפּאַלטן.

אן אלטיטשקע

אין דער אַמבולאַטאָריע פון „הדסה" אין תל־אביב האָב איך געטראָפן אַן אַלטיטשקע, אַ פּאַציענטין פון דעם אַנשטאַלט.

זי איז געגאַנגען מיט דריבנע טריטעלעך איבערן לאַנגן וואַרטע־זאַל, פון איין דאָקטאָר־קאַבינעט אין אַנדערן. אָט איז זי אַריין אינעם קאַבינעט פונעם אויגן־דאָקטאָר, און אָט צום אינערן, אַ פּאָר מינוט זיך געזוימט, איז זי אַריין צום כירורג.

די טירן זענען פאַר איר אומעטום אָפן געווען, הגם פאַר יעדער טיר פון אַ דאָקטאָר זענען געשטאַנען גרופּקעס פּאַציענטן און געוואַרט אין דער ריי. פאַר איר אָבער איז דער וועג געווען פריי. קיינעם, נישט די פּאַציענטן, נישט די דאָקטוירים, האָט גאָר געקאָנט איינפאַלן מען זאָל די אַלטיטשקע אויף אַ מאָמענט פאַרהאַלטן, זי זאָל חלילה פאַרזוימען אַ מאָמענט צו דער היילונג.

זי איז געווען אַ נידעריקע, אַ געדונצלטע, מיט באַוואַקסענע בראָדעווקעס אויף אַ טרוקענער שאַרפער גאָמבע, וואָס האָט זי געמאַכט אויסזען ספק זכר ספק נקבה. די הויט איז ביי איר געווען אַ געלבלעכע, ווי ביי אַן ערדענעם טאָפּ.

וויזט אויס, אַז אַ שפּאָר ביסל מחלות האָבן זיך שוין באַזעצט אין דעם אויסגעדאַרטן גוף אירן.

דאָס לינקע אויג איז ביי איר געווען פאַרבונדן; אַ האַנט, די רעכטע, איז איר נאָכגעהאַנגען אין אַ באַנדאַזש, און ביים גיין האָט זי נאָכגעשלעפּט איין פוס און יעדעס מאָל אים אויסגעגלייכט מיטן צווייטן.

דאָס זענען געווען די אויסערלעכע קראַנקייטן, די וואָס מ'האָט באַמערקט. פון די פאַרבאָרגענע האָט מען זיך געקאָנט משער זיין לויט די דאָקטוירים, צו וועלכע זי איז געגאַנגען.

אזוי קריכט זי מיט אירע טריטעלעך, מיט אַזאַ לוסט, פון איין דאָקטאָר־קאַבינעט אין אַנדערן, זיך היילן, היילן, אויסקורירן.

און עפּעס קוקנדיק אויף דער אַלטיטשקער האָט זיך באַזונדערס פאַרגלוסט לעבן. אַך, ווי טייער איז דאָס לעבן! ביי אַלע אומשטענדן לעבן! האָט יעדער טריט פון דער אַלטיטשקער גערעדט.

איר גאַנג צווישן די חולאים, ווי אַ ווינט צווישן די זאַנגען, וואָס בייגט זיי, באַוועגט זיי, וועקט זיי. זי מוטיקט זיי, זייעט צווישן זיי האָפע־נונג, דערמונטערונג, וועקט ביי זיי גלויבן.

ביי איר פאַרביישפּריזן האָט אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט שוואַרצע ראַנדן אונטער די אויגן, אַרויסגענומען אַ טאַשן־שפּיגעלע און „אויפגעפרישט" די ליפּן מיט אַ רויטן שטיפט. און איינער אַ ייד מיט אַ ברייטער באָרד האָט אָנגעהויבן שעפּטשען מיט די ליפּן, מן הסתם אַ תּפילה בלחש. ביי איינער אַ טיר פון אַ דאָקטאָר־קאַבינעט האָט אַ מאַמע אָנגעהויבן פעסט צוצודריקן צו זיך איר בלייך קינד.

און זי גייט צווישן זיי, די אַלטיטשקע, ווי אַן אָנזאָג: היילן, היילן, לעבן־בלייבן.

א קינד

ערגעץ אויף דער מזרח־זייט פון הימל איז אַ רויטע לבנה געהאַנ־געז, ווי אַ צעגליטער קופּער, אַ גרעסערע ווי געוויינלעך, און האָט עפּעס אַן אומרו געוועקט ביי די מענטשן — מלחמות זיי דערמאָנט, סתם אומ־גליקן, ווי בלוט וואָלט געהאָנגען איבער דער וועלט.

ס'איז געווען תחילת אָונט.

די גאַסן האָבן איצט געראַשט מיט מענטשן, ס'רוב איבערגעמוטע־נע נאָך דער אַרבעט, נאָכן געשעפט־פירן פון אַ גאַנצן טאָג. און דער עולם לאָזט זיך: ווער אויף פּאַרוויילונג, ווער צו באַקאַנטע, ווער אין געזעלשאַפט און ווער סתם אויף שפּאַציר.

ביי דער תחנה־מרכזית אין תל־אביב, צו דער זייט, וווּ ס'איז דער פּאַרקער פון די שטאָטישע אויטאָבוסן, האָבן זיך איצט געפלאָכטן רייעס מענטשן מיט אַזאַ שנעלקייט, ווי בלויזלעך גייען אויף אין אַ טייך נאָכן אַריינוואַרפן אַ שטיין.

יעדע פּאָר מינוט זענען אונטערגעפאָרן אויטאָבוסן, אָפּגעשוימט אַ שטיק פונעם תור און אַנדערע האָבן גלייך צוריקגעפלאָכטן די לענג פון דער ריי.

אין אַ זייט, אויפן שטיינערנעם טראָטואַר, איז געזעסן אַ תימנער פרוי, מיט אַ קינד אויף דער שויס.

זי איז געזעסן, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, און די הויכע וויעס איבער זיי האָבן זיך געצויגן, ווי בויגנס פון אַ פידל.

כסדר פלעגט זי גלעטן דאָס פליִיצעלע פונעם קינד, וואָס איז געלעגן אַ שלאָפנדיקס מיטן קעפּל אין שויס, ווי דער שטייגער פון מאַמעס ביים איינשלעפערן זייערע קינדער.

און דאָס קינד? בלויז אַ טונקל צעפּעלע האָט זיך געזען, מיט

אַ רויט בענדעלע פֿאַרפּלאָכטן, פֿון וואָס ס׳איז קענטיק געווען, אַז ס׳איז אַ מיידעלע.

פֿון דער לאַנגער קייט, וואָס האָט זיך געצויגן אין די אויטאָבוסן־אַריין, האָבן זיך יעדעס מאָל רינגלעך אַרויסגענומען — מענטשן, וועלכע זענען אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער ריי, צוצוּוואַרפֿן עפּעס דער פֿרוי, אויף דער זוים פֿון איר קלייד, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער דער גאַס.

אַ האָגל פֿון מטבעות האָט זיך ממש געשיט אַרום איר.

איז אַרויס איינע פֿון דער ריי, אַ דיקלעכע פֿרוי, מיט גלאַטיק פֿאַרקעמטע שאַטין האָר. זי האָט געזען די פֿרוי מיטן קינד זיצן אויפֿן טראָטואַר און פֿאַר אירע אויגן איז אויפֿגעשפּרונגען איר מרים׳ל, וואָס איז נאָר־וואָס אַרומגעלאָפֿן אין קינדער־בעטעלע, געלאַכט, געטומלט, ביז, ביז זי איז שוין מיד געוואָרן און איינגעשלאָפֿן, געשלאָסן די אייגלעך.

די פֿרוי האָט געזאָגט צו איר נעבן־שטייענדיקן מאַן, זוכנדיק בעת מעשה אין האַנט־בייטל:

„מאיר, האָסט נישט אַ פּאָר פּיאַסטער, שנעלער, גיב, גיב אַהער״ — און אַ שיט־געגעבן אויפֿן זוים פֿון דער פֿרויס קלייד. זי איז שוין געזעסן אין אויטאָבוס און נאָך אַלץ אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער צו דער מוטער מיטן קינד.

און אָט איז אַרויס אַ מאַן פֿון דער ריי. ער איז שוין גראָלעך געווען, הגם דאָס ראַזירטע פּנים איז נאָך ביי אים אַ יונגס. ער פֿאָרט איצט פֿון זיינע צוויי אייניקלעך. געראָטענע קינדער, אַ נחת ביים זון אין דער שטוב. און ער ציט, ציט אַרויס פֿון טאַש אין פּיאַסטער נאָך אַנדערן, גייט צו, טוט אַ וואָרף־אַריין אינעם זוים פֿון קלייד.

און אָט גאָר אַ יונגיטשקע מיידל. דאָס פּנים, די גראָע אויגן, אַלץ שיינט ביי איר. זי — זי איז דאָס ערשטע מאָל געוואָרן אַרומגענומען פֿון אַ מאַן, געדריקט געוואָרן צו זיין האַרץ. איצט פֿאָרט זי וויטער צו אים. און עפּעס אַ לופֿטיק געפֿיל לויפֿט אַרום ביי איר אין האַרץ. קוקנדיק אויפֿן קינד מיטן צעפּעלע אין דער מאַמעס שויס, האָט זי אַ שפּרייז געמאַכט פֿון דער ריי און אַריינגעוואָרפֿן, זי האָט אַליין נישט געציילט וויפֿל, אַ פּאָר מטבעות אינעם קלייד.

און אַט אַ זעלנער. אויפֿן היטל איז ביי אים אַ צייכן פֿון דער אַוויאַציע. ער איז אַ פּאָר־אַריינגעגעבן מיט אַ האַנט אין אַ הויזן־טאַש, אַרויסגענומען אַ פּאָר מטבעות און מיט שווערע זעלנערישע טריט צו צו דער פֿרוי.

און מאַמעס, מאַמעס, אַלע וואָס האָבן איבערגעלאָזט די קינדער איצט אין דער היים, אין שטובן, אין בעטלעך, זענען אַרויס פֿון דער ריי און געוואָרפֿן מטבעות.

און די תּימנער פֿרוי, מיט איר לענגלעך טונקל פּנים, איז געזעסן און נישט פֿאַרשטאַנען וואָס איז היינט געשען, מער ווי שטענדיק. זי באַוויזט דאָך נישט דאָס געלט צונויפֿצושאַרן און שוין ליגן ביי איר אויפֿן קלייד נייע קופּקעלעך געלט.

וואָס זאָל דאָס היינט באַדייטן?

שוין נישט איינמאָל איז איר אויסגעקומען צו זיצן מיטן קינד, זינט איר מאַן איז ביי איר געשטאָרבן און ס׳איז איר שווער זיך צו דער־שלאָגן צו אַן אַרבעט מיט אַ קינד אויף די הענט. נאָר דאָס וואָס היינט, אַזוי פֿיל מטבעות, איז איר נאָך קיינמאָל נישט צוגעפֿאַלן.

נאָר דער באַשייד פֿון דער רעטעניש איז געלעגן ביי דער נאַכט, ווען אַלע קינדערלעך זענען איצט אין היימען, אין בעטלעך, און דאָ — אַ פֿרוי אונטערן פֿרייען הימל מיט אַ קינד אויף דער שויס.

די לעצטע לאַמטער

אַרום די פאַרשטעט קען מען זען אַ ליכטיק פלעמל אין דער טיפער ווייטקייט פון שטרעקעס פינצטערניש אַרום, אַרויסגערוקט שוין פון אַלע הייזער, ווייט שוין פון יעדער באַוועגונג.

דאָס איז די לעצטע לאַמטער פון שטאָט.

ווינטן, פרייע, צעלאָזענע, הינטערשטאָטישע, יאָגן זיך אויף דעם דאָזיקן פלעמל, הפקרדיקע אומגעשטערטע רעגנס פּאַטשן עס.

די דאָזיקע לאַמטער שאַפט דעם גרענעץ־פּונקט פון דער שטאָט און אויסער שטאָט. דאָ איז דער שייד־וועג.

באַקומט זיך, אַז פון אין זייט גרענעץ־פּונקט מיניען, שפּרונגען און שפּריצן מיליאָנען ליכטער מיט פאַרשידענע קאָלירן. אויף יעדן טריט — אַ ליכט, וואָס צעררייסט די נאַכט, הוילט זי אויס; שאַפט זיך אַ ליכטיקע נעסט אין דער טונקלקייט.

ווי עס זיצט נאָר אַ מענטשלעך געזינדל און שוין איז אַוועקגע־שטעלט ליכט, וואָס העלט דורך די פענצטער אין דער נאַכט אַריין. און לאַמטערנעס ליכטיקן־אויס די גאַסן, שנײַדן זיי אויס פון דער פינצטערניש, וואָס קלעפּט צונויף אַ הויז מיט אַ הויז.

ליכטער, יאָגנדיקע, מיט צעהיצטע אויגן פון אויטאָמאָבילן, וואָס צעשנײַדן ווי מיט אַ שער, די פינצטערניש איבער די וועגן. און פאַרביק שרײַענדיקע ליכטער, מיט ברענענדיקע אותיות, וואָס ווייזן אָן אַלץ וואָס איז צום פאַרקויפן, אַלץ וואָס איז צום געברויכן, אַלץ וואָס איז צום פאַרוויילן און צום געניסן. זיי שפּילן אַרויס, די ליכטער, די טענער פון די אַלע פאַרביקע עקספּאָנאַטן, וואָס ווערן געוויזן אין די שוי־פענצטער.

אַזוי זיצן זיי אין דער נאַכט, די אַלע ליכטער, ווי די גאָלדשפּינען און וועבן און שפּינען זייערע גאָלדפעדים.

אונטער די אַלע ליכטער — אַ באַוועגונג פון מענטשן, אַ הימלעכ־קייט, פונקט ווי אונטער דער זון.

פון דער צווייטער זייט לאַמטער — אַ נאַכט אַן אומצעשיידבאַרע, אַ גאַנצע, אַ גאַנץ געוועב ווי גאָט האָט זי באַשאַפן.

אין דער דאָזיקער הינטערשטאָטישער טונקלקייט ליגן אומהיימ־לעכע פעלדער, נישט פאַרבויטע פלעצער, שטעכיקע וועגן מיט גריבער און בערגער. אָדער עס ציען זיך טונקעלע כבישים קילאָמעטערס ווייט צו אַ ישוב.

די דאָזיקע לעצטע לאַמטער לאָקט, ציט צו זיך געוויסע מענטשן, ווי פייער ציט צו שמעטערלינגען.

דאָס רוב זענען דאָס יונגע פאַרלעך ביי זייער ערשטער קאָנטשאַפט, ווען מען וויל זיין ווייט פון אַלע, ווען די וועלט ווערט אויפסניי באַשאַפן פאַר זיי און זיי ווילן זיך געפינען, ווי אדם און חוה, אַליין אין גן־עדן. דעמאָלט לאָזט מען זיך אויף אומבאַקאַנטע וועגן, אַרויס פון דער אָפענער אויגן־רייסנדיקער שטאָט און מען קומט צו ביז דער לעצטער לאַמטער. דאָ בלייבט מען שטיין. אויך פאַר זיי, פאַר די פאַרלעך, איז די לאַמטער אַ גרענעץ־פונקט; דאַרף באַשטימען ווי ווייט זיי זענען שוין דערגאַנגען אין זייער קאָנטשאַפט.

לכתחילה, ביים אָנהייב באַקענען זיך, דרייט מען זיך אַרום דער לעצטער לאַמטער. דאָ איז די גרענעץ. נאָר צוויי יונגע מענטשן בינדן זיך און קניפּן זיך און ווערן זיך נאָענט און נענטער, מאַכט מען שוין אַ טריט ווייטער, ווייטער פון דער לאַמטער, דאָרט וווּ אַלץ העפּט זיך צונויף, הימל און ערד, און ווערט פאַרהילט מיט אַ טונקעלער דעק.

אַרום תּל־אביב באַווייזן זיך כסדר אויף פאַרשידענע פלעצער נייע לאַמטערנעס, לעצטע, פון דער שטאָט.

אָט איז ערשט געווען דאָס אָרט טונקל, אומהיימלעך, די טריט האָט מען דאָ געשטעלט נישט זיכערע צווישן גריבער, פאַרוואָרלאָזטע פּרדסים, פּלעצער אָנגעוואָרפענע מיט קופּעס זשאַווערדיקע שברי־כּלים, וואָס מען פירט אַרויס הינטער דער שטאָט. גיסט אַ קוק, אַ נייע לאַמטער, דאָס אָרט איז אויפגעשניטן געוואָרן מיט ליכטיקייט. און אַ כביש איז

שוין פאַרהאַן, וואָס ליגט זיך צו דיינע פיס, ווי אַ דיוואַן. אוןביים כביש — אַ הויז, אַ העל באַלויכטן הויז, מיט באַלקאָנען, ווו עס זיצן אין די אָוונטן די איינוווינער אין העלן שיין און רוען. ביים הויז — אַ גערטל שוין פאַראַן, אַ צעבליטס, אַז מען קען מיינען, גאָט ווייס ווי לאַנג דאָס אַלץ עקזיסטירט שוין דאָ. די לאַמטער האָט צוגעשלעפּט אַ שטיק שטאָט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן הערט מען אַ רוישן פון מאַשינעס הינטער אַ דער נייער לעצטער לאַמטער. דאָס האָט מען אַהערגעבראַכט בולדאָזערן און זיי מאַכן איצט אַ ווייטערן וועג פאָרויס.

בערג ווערן אויסגעגלייכט, גריבער — פאַרשיט. טאָמער טרעפט זיך איבערן וועג אַן אַראַביש ליימענע הייזקע, פאַלט זי פון זיך אַליין אין פון רויש און טעמפּאָ פון די מאַשינעס.

אויסגעגלייכט דעם וועג, ווערט אַ כביש געפלאַסטערט. און שוין זעט מען אינדערפרי גיין און פאָרן אויף ראָווערן ברוינע יונגען, מיט לייבער, ווי קופּער פון דער זון. די זענען בוי־אַרבעטער. מען שטעלט אַ הויז ביים כביש.

דער זומער האָט די מענטשן גוט דורכגעבאַקן, געטרוקנט זיי דעם שווייס אויפן פּנים, נאָר אַ הויז איז אויפגעשטעלט געוואָרן.

אַלץ איז פאַרטיק, באַווייזט זיך אַ נייער לאַמטער.

ווען דו זעסט אַזוי די אַלץ נייע און נייע אַרויסגערוקטע לאַמטערנעס אין שטאָט, הייבסטו אָן גלויבן, אַז זיי וועלן זיך רוקן און רוקן, די לאַמטערנעס, איבער אַלע וויסטע ערטער, איבער אַלע בערג און גריבער. כבישים וועלן אויסגעפלאַסטערט ווערן, הייזער — אויפגעשטעלט, איינ־וווינער וועלן זיך אין זיי באַזעצן. און זיי וועלן זיך אַזוי באַוועגן, די לאַמטערנעס, איבערן לאַנד און זיך צונויפטרעפן פון אַלע זייטן אויף איין ליכטיקן פּלאַץ.

אין א פרימארגן

וויפל מאָל וואָלט דער מענטש געוואָלט האָבן פליגלען, כדי צו קענען קומען צום אָרט פון זיין באַגער?

אַזאַ געפיל האָט פריילין תמר געהאַט יענעם פרימאָרגן.

זי איז געשטאַנען אין ריי און געוואַרט אויפן אויטאָבוס. די ריי ביי דער תחנה אין שכונת יד־אליהו אין תל־אביב האָט זיך שוין געהאַט אויסגעצויגן אין דער צווייטער גאַס אַריין. און דער תור וואַקסט און פלעכט זיך און לענגערט זיך, ווי די שטריק בעת זיי ווערן געדרייט ביים שטריק־מאַכער און — קיין אויטאָבוס זעט זיך נישט.

מיט יעדער סעקונדע וואַקסט די נערוועזיטעט. די קייט מענטשן, וואָס איילן אינדערפרי צו זייערע אַרבעטס־פלעצער ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ צאַפּלדיקער שלאַנג, מען בייגט זיך, מען נייגט זיך, מען קוקט מיט צעשפּיזטע אויגן און — אומזיסט.

נישט איינער זוכט שוין דערווייל אַ תּרוץ פאַר דער פאַרשפּעטי־קונג, אַנדערע נעמען גיין צופוס און צווישן זיי אויך פריילין תמר.

זי אַרבעט אין אַ געשעפט פון קאָסמעטיק אויף רחוב בן־יהודה, און די אייגנטימערין פון געשעפט, מאַדאַם זהר, איז אַ סאָלידע פרוי, נאָר אַ שטרענגע. זי זאָגט גאָרנישט, ווען עס פאַרדריסט איר עפּעס אויף אירע אַנגעשטעלטע. איר לאַנג פּנים ווערט נאָר אויסגעצויגן נאָך לענגער און די אויגן לאָזט זי אַראָפּ בייזע. פאַר פריילין תמר איז דאָס ערגער ווי זי זאָל אויף איר שרייען, ערגער ווי זי זאָל זיך אויף איר בייזערן. און זי היט זיך ווי ווייט מעגלעך אויס. הגם די גאַנצע אומגעבונג אין געשעפט איז זייער אַ סאָלידע, אַן אָנגענעמע. אַרום איר הענגען שטענדיק פאַרביקע פּלאַקאַטן פון פּאַרפום־פירמעס, פון פּודער־אויסאַרבעטונג אָדער פון טואַלעט־זייף. און די רעקלאַמע־פרויען אויף זיי זענען אויסגעצירטע,

מיט אנגענעמע שמייכלען אויף די ווייס־בלאַנקנדיקע ציין. די באַקן ביי זיי זענען שטענדיק צאַרטע, פאַרביקע, ווי די בלעטלעך פון רויזן. די ברעמען און די האָר פון קאָפּ — געשפּינטער זייד. עפּעס פרויען־וועזנס, וואָס גייען־אויף פון פאַרפום־ריחות און פון אַ צוזאַמענמיש פון פאַרבן. די אַרטיקלען מיט וועלכע פריילין תמר באַגייט זיך אין געשעפט, זענען געפּאַקט אין זיידן פּאַפּיר, ליגן אין שאַכטלעך מיט גאָלדענע זוימען.

אויף די פרויען, וואָס קומען קויפן קאָסמעטיק, זענען שוין אַרומ־גענומען מיט דעם איידעלן הויך פון שמעקעדיקע זייפן, פון פאַרפומען און פון דעם גרויסן באַגער נאָך שיינקייט. און זיי ווערן עפּעס צאַרטער, די פרויען, בעת זיי קויפן די קאָסמעטישע אַרטיקלען. יעדע פון זיי פאַר־בינדט דערמיט אַ סך האָפענונגען, אַ סך פאַרלאַנגען, זיי גייען אַריין אין געשעפט ווי אין אַ טיר פון זייערע חלומות.

דאָ איז פריילין תמר אויסגעקומען צו אַרבעטן.

פריילין תמר איז אָפּגעגאַנגען אַ טריט צוואַנציק, ווי עס לויפט־אָן אַ יונגערמאַן פון דער געגנט מיט אַ מאַטאָציקל, גראָד פאַרביי איר.

ער האָט באַוויזן צו באַמערקן ווי זי איילט אַזוי גייענדיק. דאָס ווייסע קלייד מיט דעם שאַטינעם קאָפּ האָר פאַליען אַזוי אין דער לופטן. זי טראָגט זיך, כאַטש זיך לאָזן אויפן ווינט. ער האָט פאַרנדיק אויסגע־דרייט צו איר דעם קאָפּ און זי, פון דער גאַנצער אומגעריכטקייט: אַ מאַטאָציקל — האָט אַ שמייכל־געטאָן, ווי שטענדיק, ווען אַ מענטש דערזעט דאָס, וואָס ער וואָלט זיך געוווּנטשן.

ער האָט צו איר הויך אַ זאָג־געטאָן, איבערצושרייען דעם רוי־שיקן מאַטאָציקל: „זיצט אויף!“

זי איז צו, הגם ס'איז איר מאָדנע פאַרגעקומען. דאָס ערשטע מאָל קומט איר אויס צו פאָרן אין אַ פּאָזע מיט אַראָפּהענגענדיקע פיס פון אַ מאַטאָציקל איבער דער גאַס. פונדעסטוועגן איז זי אויפן מאַטאָציקל אַרויף.

אַוועקגעזעצט זיך, איז זי אַ הייב־געגעבן געוואָרן אין אַזאַ אימפּעט אַריין, זי ווערט געטראָגן ווי אויף פליגלען פון אַ ווינט. זי זעט גאַרנישט אַרום זיך, אַלץ לויפט און אַנטלויפט פון אירע אויגן. זי הערט נאָר דאָס

רוישן פון מאַטאָציקל, ווי עפּעס אַ צערעוועטע חיה, וואָס שלינגט איין גאַס נאָך דער אַנדערער.

יעדע מינוט שמעקט מיט סכנה, מיט צוזאַמענשטויס, מיט פּאַר־פליען ערגעץ אין שאול תחתיה אַריין. און דאָ איז איר גאַנצע שטיצע ער, דער יונגערמאַן, מיטן צעפלויגענעם שוואַרצן קענדזשער האָר, מיט דעם בלאָען העמדל, וואָס איז אַזוי לופּטיק אויף אים און טראָגט אים, ווי אַ פלי־באַלאָן. זי האָט זיך, הייסט עס, בלינד איבערגעגעבן אונטער זיין גורל. דאָס איינציקע באַוואָרעניש איז איר געבליבן: וואָס פעסטער זיך אָנהאַלטן אָן אים, אָן זיינע געזונטע לענדן. און ער, דער יונגערמאַן, דער־פילנדיק אַרום זיך אַ פּאָר מיידלשע הענט, וואָס קלאַמערן זיך אַזוי אין אים, וואָס פלאַטערן און צאַפּלען און שטיצן זיך אויף אים, האָט מיטן גאַנצן אימפּעט פון זיין צעוואָרעמט געמיט אַ לאָז־געטאָן דעם מאַטאָציקל אין גרעסטן גאַלאָפּ. און זיי פליען, פליען. טראָגן זיך אויפן מאַטאָציקל, ווי זיי זאָלן אַנטלויפן פון עפּעס אַ ריוואַל, וואָס האָט זיי געוואָלט שטערן זייער גליק. און זיי לויפן, לויפן.

ער האָט צו איר אַריבערגעשריגן: „וווּהין דאַרפט איר?" — „אויף בן־יהודה" — האָט זי צוריקגעשריגן מיט געלעכטער, גובר זייענדיק די ערשטע שרעק.

און אָט האָט ער זי געבראַכט אויף איר געוווּנטשטן פּלאַץ.

זי איז אַראָפּ פון מאַטאָציקל, און ערשט איצט האָבן זיי זיך רעכט באַטראַכט.

זי האָט געהאַט אַ לענגלעך העל פּנים מיט אַ קוים באַמערקבאַרן ראָזן הויך אויף אירע באַקן. אויגן — גראָע, נאָר צעשיינטע, אַ צעלויכ־טענע גראָקייט, ווי פּערל. דער קאָפּ שאַטינע האָר איז ביי איר געווען צעטיילט אויף צוויי העלפטן און זענען געלעגן אַזוי מילד, די טיילן, ווי די פליגעלעך ביי אַ טויב. און ער — שוואַרץ, די אויגן, די האָר — שוואַרצע און אַ קיילעכיק פריש פּנים ווי אַן עפּל.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און צעשמייכלט.

ער האָט צו איר געזאָגט, זיצנדיק אויף דעם טראַסקנדיקן מאַטאָ־

ציקל: „מאָרגן אינדערפרי קום איך נאָך איך מיטן מאַטאָציקל, גוט? איך פאָר אין דער צייט צו דער אַרבעט".

און דער שיין פון זייערע בליקן האָט זי צונויפגעפלאָנטערט מיט אומזעבאַרע פעדים.

ער האָט אַ פאָך־געטאָן מיט דער האַנט „שלום" און איז אָפּגעפאָרן.

זי איז אַ מינוט שטיינגעבליבן און געקוקט ווי ער טראָגט זיך, טראָגט זיך אין דעם בלאָען העמדל אויף זיינע פּלייצעס, מיטן שוואַרצן קענדזשערן האָר אין ווינט; פלאַטערט אַזוי, און אָט איז ער פאַרשוואונדן. זי האָט געפילט ווי אין האַרץ האָט איר אַ טיאָכקע געטאָן, ביי זיין פאַר־שווינדן פון איר אויג.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט פריילין תמר זיך געפילט אומרויק. זי האָט זיך אויפגעהויבן פריער ווי שטענדיק און זיך גלייך גענומען פאַרען ביים אָנטאָן און ביי דער פריזור. האָט זי דאָס געטאָן כדי צו שטיין אַ גרייטע, ווען ער וועט זי רופן? זי האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין דערצו. זי האָט זיך אַליין געזאָגט כלעריי תרוצים, אַבי עס זאָל זיך נישט באַקומען, אַז זי דרייט זיך אַ פלאַטערנדיקע און וואַרט אויף אים. ערשט ווען זי האָט דערהערט דורכן פענצטער אַ פּיף פון אַ מאָטאָציקל, האָבן איר שוין קיין שום תרוצים נישט געהאָלפן. זי האָט געפילט ווי דער רוף האָט ביי איר אויפגעצאַפּלט דאָס האַרץ און געשלאָגן איר דאָס בלוט אין פנים.

זי איז צו צום פענצטער, אַ לייכטן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אים געזאָגט, אַז זי קומט גלייך אַראָפּ. זי איז אויף דער שנעל צו צום שפּיגל און גענומען פאַרפודערן דאָס רויטקייט, וואָס איז איר געקומען אין פנים, כדי ער זאָל נישט באַמערקן גאָר און איז אַראָפּ.

אַ מינוט און זי פליט שוין מיט אים אויפן מאָטאָציקל. דאָס האַרץ איז ביי איר געווען פול, זי האָט געוואָלט עפּעס רעדן מיט אים. נאָר ווער קען רעדן אַזוי פליענדיק? עפּעס איז זי צופרידן געווען, וואָס ער לויפט אַזוי טייוולאָניש מיטן מאָטאָציקל. זי האָט געהאַט אַ געפיל ערגעץ פאַר־שווינדן מיט אים, פאַרשווינדן.

אַזוי האָט מען זיי שוין געזען יעדן פרימאָרגן אַפּפּאָרן מיטן מאָטאָציקל.

איינמאָל אַ טאָג, ס'איז געווען שבת, איז ער געקומען נאָך איר, צו גיין אויף שפּאַציר.

דאָס ערשטע מאָל זענען זיי געגאַנגען גלייכע איינע ביי דער אַנדערער אויף דער ערד. און אַלץ האָט זיי פאַרבונדן: די בליקן, דאָס רעדן, דער באַריר און די טריט, וואָס זיי האָבן געשטעלט. ער אין ברוינע מענערישע לאַטשן און זי — אין גרינע דאַמען־פּאַנטאָפּעלעך.

צומאָרגנס אינדערפרי, ווען ער איז געקומען נאָך איר און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן מאָטאָציקל, האָט זי זיך שוין פעסט אַרומגענומען אַרום אים. יעדער האַנט־דרוק אירער האָט געזאָגט: ביזט מיינער, ביזט מיינער.

אין דערוואַרטונג

אויף עק מוגראַבי — פּינסקער, דער הימלעכסטער פּלאַץ אין תל־אביב, האָבן זיך פאַרהאַלטן גרופּקעס שפּאַצירער.

ס'איז געווען מוצאי־שבת.

דער יידישער עולם, נאָכן פאַרהאַלטן זיך דעם שבתדיקן טאָג אַרום די היימען, גיט מיטאַמאָל אַ פליי־אַרויס איבער די גאַסן, ווי אַ וואַסער וואָס גייט אַריבער די ברעגעס.

וואָס איז געשען?

אַ חופּה, מען שטעלט אַ יידישע חופּה.

אַ שפּאַן ווייט פון קינאָ אויף מוגראַבי, ווו די יידישע חיילים זיצן אין די אונטער־שעהן אויף די טרעפּ פון איינגאַנג, וואָס זעען אויס ווי בענק פון אַ לאָזשע און פייפן אַראָפּ ווי די פייגל פון די עלעקטרישע דראָטן; נישט ווייט פון קאַמער־טעאַטער און פון די רעקלאַמע־בילדער פון היימישע און האָליוודער אַקטיאָרן, זיצט אַ רב און ביי אים ווערן געפּראַוועט חתונות.

די פענצטער פון חתונה־זאַל גייען אַרויס אין גאַס. און נישט איינמאָל, בעת דער עולם לויפט פאַרביי פון טעאַטער, פון קינאָ, פאַרן דמיון צאַפּלען נאָך די אָקאָרשט געזעענע בילדער און מען שטויסט זיך צונויף מיט אַ טאַנצנדיקן עולם אין חתונה־זאַל מיט ליכט אין די הענט קעגן אַ חתן־כלה, דאַכט זיך אויס: ווידער עפּעס אַ בילד פון האָליווּד אָדער פון אַ טעאַטער־סצענע.

דאָס איצטיקע מאָל האָט זיך פאַר די פענצטער פון חתונה־זאַל צונויפגעזאַמלט אַ היפשער עולם. און יעדער פאַרהאַלטענער האָט צוגע־צויגן אַ צווייטן, אַ דריטן.

אין זאַל האָט מען געשטעלט אַ חופּה.

דאָס יונגע פּאָר איז געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער גאַס. זיי זענען געווען אַרומגערינגלט מיט משפּחה און פריינט. אַ גאַנצער זאַל יום־טובדיק צונויפגעדריקטע מענטשן, מיט צעקוואַלענע פּנימער, וואָס האָבן כסדר געשמייכלט צו זיי און געווונשן.

איבער די קעפּ פונעם פּאָרל — אַן אויפגעשפּרייטע חופּה, אַ בלאַ זיידענער איבערדעק מיט טראַלדן אַרומגעהאַנגען; אַ לופטיקער בנין, וואָס ווערט אונטערגעהאַלטן פון פיר שטאַנגען און זיי — חתן־כלה אינדערמיט.

ליכט, קאָלירטע, געדרייטע, זענען געווען אין אַ סך הענט און אַלע האָבן זיך באַמיט צו באַלייכטן, באַשיינען דאָס יונגע פּאָר. און די פּנימער פון חתן־כלה זעט מען נישט, פאַרהוילן פאַר דער גאַס.

די נייגעריקייט וואַקסט.

ער, דער חתן, אַ הויכער, אַ שטאַרקער, מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר, וואָס ביים פּריש אונטערגעשוירענעם קאַרק האָבן זיי זיך אָװעקגעלייגט ווי אַ גאָלדענער ברעג. דער קאָסטיום ביי אים איז שוואַרץ, טיף שוואַרץ און דאָס קענטל פון קראַגן — ווייס, מילך־ווייס. און עס שפּילט פון אים מיט יום־טוב, מיט חתונה, אָבער ווי זעט ער אויס?

און זי, די כלה, עטוואָס נידריקער פון אים, שטייט מיט אים אַקסל ביי אַקסל און איז אינגאַנצן פאַרהילט מיטן שלייער איבערן קאָפּ. די שולטערן אירע טאָקן זיך אַזוי און רונדיקן זיך אונטער די לייכטע טיולן פונעם שלייער, וועלכער הענגט אַראָפּ. אָבער ווי קען מען זען איר פּנים?

און דאָס פאַרהוילנקייט, דער פאַרוואָרפענער שלייער איבערן פּנים פון דער כלה, דער אויסגעדרייטער חתן מיטן רוקן צו דער גאַס, דאָס אַלץ האָט גערייצט, געציפּט די פאַנטאַזיע. יעדער האָט עפּעס צוגעטראַכט, יעדער האָט זיך עפּעס פאַרגעשטעלט, יעדער האָט געוואָלט טרעפן, ווי אַזוי זעען זיי אויס?

צוויי מיידלעך, 16 — 17 יעריקע, מיט אונטערגעשוירענע האָר, האָבן זיך אַרויפבאַקומען אויף אַ פאַרקנדל, וואָס געפינט זיך אונטערן פענצטער פון חתונה־זאַל. זיי שטייען אויף די שפּיץ פינגער און וואַקלען

זיך און האַלטן זיך, נישט אַראָפּצופאַלן. יעדע מינוט שרייט איינע צו דער אַנדערער: „תמרה", „חנה", „שטיי גלייך, כ'פאַל אַראָפּ". און זיי גאַפן, און זיי קוקן, שפּיצן זיך אָן און ווילן אַריבערקוקן, זיי ווילן זען דעם חתן, די כלה, דעם גאַנצן סוד, וואָס איז נאָך פאַרהילט פאַר זיי.

צו זיי שרייט אָן אַלטיטשקע מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ: „אַראָפּ גייט, איר פאַרשטעלט". זי וויל אויך זען, די אַלטיטשקע, זי וויל דערזען ביז העט־העט, ווען זי איז נאָך געשטאַנען אונטער דער חופּה.

דאָס גאַנצע שטעטל אין פּוילן איז דעמאָלט אויף־געוועזן, בעת מען האָט זי, די רייכע כלה, געפירט איבערן מאַרק צום שול־הויף. דער באַשערטער אירער — אין גן־עדן רוט ער — איז שוין לאַנג אויפן עולם האמת. זי — ביי די קינדער. אַי, אַי, אַי, קוקט זי אַלץ צום פענצטער פון חתונה־זאַל, און שאָקלט מיטן קאָפּ.

לעבן דער אַלטיטשקער שטייט אַ זעלנער מיט זיין מיידל. דאָס מיידל לייגט אַזוי דאָס קעפּל אויף זיין אַקסל. און עס דאַכט, אַז אַזוי אַרום שמועסט זי מיט אים אָפּ אַ זמן־חתונה. וועסט אויסדינען וועט מען אויך שטעלן אַ חופּה. און זי טוליעט ווייטער דאָס קעפּל צו אים.

און עס שטייען יונגע פאַרפעלקער, וואָס זענען נישט לאַנג פון אונטער דער חופּה אַפילו. ביי זיי אַלע זעען זיך שמייכלען אויף די ליפּן, זיי האָבן שוין עפּעס צו זאָגן וועגן ענין חתונה, זיי וויסן שוין וואָס הייסט דאָס לעבן פון צוויי מענטשן אונטער איין דאַך.

אין חתונה־זאַל גייט דערווייל די חופּה־צערעמאָניע מיט איר גאַנג. אָט האָט מען שוין פאַרגעלייענט די „כתיבה", אָט האַלט דער חתן דאָס רינגל גרייט אָנצוטאָן דער כלה אויפן פינגער. ביי דעם געזעמל מענטשן אויף דער גאַס איז די שפּאַנונג אין העכסטן גראַד. אָט ווערט געבונדן אַ בונד פון צוויי מענטשן און אַלץ איז אונטערן שלייער. ווער ווייס צי עס איז נישט אַן אויפגעצוווּנגענער שדוך צוליב געלט, צוליב אַ פאַר־פלאָנטערטער ליבע, צוליב נישט האָבן קיין אויסוועג און — פאַרשידענע כאַראַקטערן, פאַרשידענע אין די יאָרן און ס'הייבט זיך אָן אַ לעבן פון פּיין, פון קאָנפליקטן. און אפשר גאָר צאַפּלען ביידע הערצער פון גליק,

שפּרונגען און רייסן זיך איינס צו ס׳אַנדערע? אַז ס׳איז דאָך אַרום זיי אַלץ אַזוי פאַרהוילן?

און ס׳איז געשען. דער חתן האָט מקדש געווען די כלה. די מחותנים אין זאַל האָבן אָנגעהויבן שפּרונגען און אַקעגנטאַנצן: מען דרייט זיך מיטן פּאָר, מען דרייט זיך אין דעם צעהוליעטן טאַנץ און — דאָס פּאָרל האָט זיך באַוויזן מיטן פּנים צו דער גאַס.

אויף די פּנימער אַרום האָט זיך אַ שמייכל באַוויזן, אַ שמייכל פון דערלייכטערונג.

די כלה, אַ בלייכע, אַן אידעלע, מיט אַ לענגלעך פּנים און גרינע אויגן, גרינע ווי די טרויבן. און ער, דער באַשערטער אירער, גלייך ווי אַ סאָסנע, און אַזאַ פאַרחלומטקייט איז אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים.

דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען שמייכלענדיק: אַ פיין פּאָר, אַ פיין פּאָר. און יעדער האָט זיך עפּעס דערפילט גרינגער, ווי עס זאָל אים נוגע זיין.

שבת אין ירושלים

אַ שבת אינדערפרי. איבער די גאַסן פון ירושלים ליגט אַ רויקייט, אַ שלווה. מען פילט אויף יעדן טריט, אַז דער צעשריגענער פאַרטומלטער אינדערוואָכן האָט דאָס מויל פאַרמאַכט. ס'איז שטיל, פרידלעך, ס'איז שבת אין ירושלים.

די זון איז צעשיינט אין אַזאַ העל פאַרבלויטן הימל און אַ קיל ווינטל פעכערט דיך אַרום, לעשט די חמימהדיקע זון־שפּיזלעך. ס'איז אַזוי מחיהדיק, זון און ווינט. וואָס פאַר אַ קלאָרקייט אין דעם אויר פון ירושלים, אַ דורכזיכטיקייט, אַז דער ווייטסטער פונקט ווערט דיר נאָענט פאַרן אויג, פונקט עפּעס, ווי די שטאָט וואָלט זיך אויסגעשטרעקט אַרום דיר: נעם מיך אַרום. דערביי גלאַנצט נישט און שימערט נישט מיט קיין אויפגעריסענע פאַרבן ירושלים. שטיל, מיט אַ פאַרבאָרגן ליכט אין זיך, פונקט ווי פּערל, וואָס פאַרדעקן זיך מיט אַ מאַטער פּערל־הויט, שטייען די ירושלימער בנינים. שטיינערנע זעגען זיי, זיכערע, די הייזער אין ירושלים, פונקט ווי אויסגעקריצט פון די הרי יהודה אַרום דער שטאָט. און דער רוב פון זיי זענען ראָזע, ראָזע מאַרמאָרנע און ראָזע שטיינערנע, דריי און פיר שטאָקיקע בנינים. און דאָך שרייען זיי נישט די ראָזע מויערן קעגן דער זון און מאַכן נישט דעם ביליקן שפּיל, וואָס די זון האָט ליב צו פאַרלייגן מיט גלעזלעך, און מיט וואָס נישט? פונקט ווי די זון אין ירושלים קען נישט אין די פרימאָרגן־שעהן אָנצינדן די לופט מיט חמימה, אַזוי קען זי נישט אַרויסרופן אַ שפּאָט־ביליקן גלאַנץ אין די הייזער. בלייבט אַלץ אַזוי, קיל און באַשיידן ביי אַ צעשיינטער זון.

איך געפין זיך אין דער געגנט פון ימין־משה. פאַר מיר שפּרייטן זיך אויס די הרי יהודה און דער מגדל דוד, וואָס שניידט אונדז היינט אָפּ פון דער אַלטשטאָט. די ירושלימער יידן און די יידן, וואָס קומען קיין ירושלים,

לאָזן זיך נישט אָפּטיילן פון אַלט ירושלים, וואָס איז מיט זיי פאַרוועבט מיט אומצערייסבאַרע פעדים. וויפל וואָרענונגען עס זאָלן נישט הענגען אויף דעם אַזוי גערופענעם הפקר־שטח, אַז ס'איז געפערלעך די ערטער צו באַטרעטן, קען דאָס אַלץ נישט אָפּהאַלטן און הגם עס שמעקט מיט סכנה, שטראָמען יידן דעם שבת אינדערפרי, כדי צו זיין נאָענט, צו זיין נאָך נעענטער און צו קוקן אויף דער ירושלימער מויער, וואָס אויף דער צווייטער זייט געפינען זיך אונדזערע הייליקע ערטער מיט דער וואַנט פון בית המקדש. מען קריכט אויף דעכער, אויף הייכענישן, אויף חורבות. יאַטלעך כאַפּן זיך אַרויף אויף דעם שפּיץ פון דער מיל אין ימין־משה (אַ מיל, וואָס משה מאָנטיפיאָרע האָט זי אויסגעבויט פאַר די ירושלימער יידן) און מען קוקט צו דער ירושלימער מויער. ניין, נישט נאָר צו דער מויער, מען קוקט אַריבער, מען וויל אַריבערקוקן איבער דער מויער און איבער אַלע מניעות, וואָס ליגן אויפן וועג צו אונדזערע הייליקע מקומות.

נישט ווייט פון מיר שטייט אַ ירושלימער ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד און פאות, די אויגן האַלט ער פאַרמאַכט; די צוויי גראָבע פינגער איינגעשטעקט אין גאַרטל, מיטן פנים צו דער אַלטשטאָט און שעפּטשעט אין דער שטיל אַ תפילה. אויף אַ דעכל קעגנאיבער שטייט אַ בלאָנדע פרוי מיט אַן אַנדולירטן קאָפּ האָר און קוקט אַהין מיט אַ לאָרנעטע. אַנדערע פאַרלייגן מיט אַ האַנטביים שטערן, ווי דער שטייגער, אַז מען וויל ווייט קוקן, און אַלעמענס בליקן זענען געווענדעט אַהין, אַהין. און אַזוי נישט מיד ווערנדיק שטייט מען און מען קוקט און מען קוקט.

אַרום דעם הפקר־שטח ליגט אויף אַלעם אַ טויט־שטילקייט. די גרופּע הייזלעך אין ימין־משה צופיסנס דעם הר־ציון, ליגן אין דעם טאָל פאַרלאָזטע, ליידיקע, מיט אויפגעפּראַלטע טיר און פענצטער. קיין לעבעדיקער שאָרך טראָגט זיך נישט פון דאָרט. פונקט ווי דאָס אַלץ וואָלט נאָך אַזוי פאַרגליווערט געבליבן שטיין פון די צייטן פון מולך, וואָס האָט זיך אין דעם טאָל געפונען, און דאָס אָרט איז גי בן הנם פאַרצייכנט געוואָרן.

נאָר ווייט פון דעם טאָל שפּילט פאַרביק דער ים המלח. ווי אַ פאַרבלויטער טיול שפּרייט ער זיך אויס און ליגט רואיק און בלוי, פונקט

ווי דער הימל איבער אים. פונדערווייטנס וואַקסט ער זיך טאַקע צוזאַמען, דער הימל מיטן ים, אומצעשיידבאַר, איינס. און עס ווייזט עפּעס אויס, ווי אַ פּאַס הימל וואַלט זיך אויף דער ערד געשפּרייט. פון דער בלויקייט שפּיצן זיך אַרויס די הרי־מואב. און אויפן געדאַנק קומט: פונקט ווי די ייִדן שטייען איצט ביי אַ דורכגעשניטענער ירושלים און קוקן מיט בענקשאַפט אַהין, אַזוי איז אַמאָל משה געשטאַנען אויף די בערג פון מואב און געקוקט מיט בענקשאַפט אַהער, אין לאַנד אַריין.

אייביקע ייִדישע בענקשאַפט.

דער ערשטער גאנג

עפּעס שיינס איז געווען צו זען, ווי די פאַמיליע ציטרין, מאַן און ווייב מיט זייער אַנדערטהאַלב־יעריקן בנאָק, זענען אַהיימגעפּאָרן מיט זייער ערשטן מעבל־שטיק אין דער נייער דירה אַריין פון רחוב שינקין מיט דער אלנבי ביז יד־אליהו. זיי האָבן איינגעקויפט אַ קיד־טישעלע און צוויי טאַבורעטקעלעך — דאָס סאַמע נייטיקסטע אויף דערווייל אין אַ שטוב אַריין, ביז — מען וועט זיך אַרויפאַרבעטן און זיך קענען אַריינ־שטעלן דאָס אמתע מעבל.

אַז עס איז געקומען צום אַהיימפירן עס, האָט מען זיך דערטראַכט, נאָך וואָס אייגנטלעך אַן איבעריקע הוצאה ביים ברענגען עס אויפן אָרט. אַ ספּאָרט־וועגעלע, אין וועלכן דאָס קינד איז געזעסן, האָט מען געהאַט מיט זיך, האָט מען אַנגעהויבן אַריינפּאַסן די בענקלעך אין טישל אַריין, געשטעלט די פיסלעך פונקט ווי די ציין, וואָס איינער באַרירט דעם אַנדערן, און די פּלאַטע פון טיש מיט די פיסלעך קאַפּויער — צוגעפּעס־טיקט מיט שטריקלעך צו דעם פאַדערשטן געשטעל פון וועגעלע. דערביי איז פאַר דעם קליינעם יוספל, וואָס איז געבליבן זיצן אין וועגעלע, געבליבן נאָך פרייער רוים צו וואַרפן מיט די אייגעלעך דורך דעם גאַנצן געפּלאָנטער פון אַזויפיל פיסלעך. און ער איז געשפּרונגען פאַר פרייד, דאָס ייִנגעלע, פון דעם גאַנצן אויפטו, פון אַרומשטעלן אים מיט אַזעלכע שטענדערס. און פון התפעלות האָט ער זיך כסדר געהויבן אויפן וועגעלע און דורכגעלויכטן מיט די ברוינע אייגעלעך דורך דעם גאַנצן געפלעכט פון טיש און בענק. אויסגעזען האָט עס, פונקט ווי דער קלייניב־קער וואָלט געווען פאַרשפּאַרט און אַרומגעקלאַפּט מיט אַזויפיל לייסטלעך און שטעקעלעך, ווי מען טוט דאָס מיט אַ ווילדן עוף, מורא־האָבנדיק, אַז עס זאָל נישט אַוועקפליען. און מאַן און ווייב האָבן אַ ריר־געטאָן אין וועג אַריין.

אַרויס אין גאַס מיט אַזאַ געשטעל, האָט מען גלייך דערקענט: אַ נייער עולה. עס איז אַפילו קלאָר געווען דער מאַטעריעלער מצב פון פאַרפאַלק, קוקנדיק אויף דעם איינפּאַכן טישעלע, וואָס איז דאָ און דאָרט געווען באַזעצט מיט סענקעס, ווי אַ לייב מיט מכות. און פון אַלע זייטן האָט מען צו זיי געוואָרפן בליקן, קיינער האָט גלייכגילטיק נישט געקענט פאַרבייַ. עפּעס איז דאָס ווענעלע מיטן טיש און בענקלעך איבער דער גאַס געווען פאַר יעדן אַ דערמאָנונג פון זיין אייגענעם אַנהייב, פון זיין שטעלן די ערשטע טריט. און דאָס פאַרפאַלק האָט דעריבער גרויס אויפזען אַרויסגערופן.

ביי די ערשטע טריט, וואָס זיי האָבן געמאַכט מיטן ווענעלע, איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ באַיאָרטער מענטש, מיט אַ שוואַרץ־גראָלעך קמץ־בערדעלע און האָט זיי געפרעגט:

— פונוואַנען קומען ייִדן, פון קפריסין?

— ניין — האָבן זיי ביידע געענטפערט אויף אַמאָל — פון די דייטשע לאַגערן.

— נו, וואָס, שווערלעך אַביסל — האָט ער אַ וואָרף־געטאָן מיטן קאָפּ צו דעם אַרומגעשטעלטן און אַרומגעבונדענעם ווענעלע מיטן קינד אינדערמיט.

—נו, וואָס קען מען טאָן? — האָט די פרוי געענטפערט — אַבי צווישן ייִדן, אַבי פטור געוואָרן פון די טריפהנע צורות פון די דייטשן.

— שאַדט נישט, שאַדט נישט — האָט דער ייִד צוגעטאָן אַ האַנט צום טישל, וואָס האָט זיך געגומען וואַרפן אונטער די דינע שטריקלעך — אַלע הייבן אַזוי אָן אין ארץ־ישראל. אַלעמען איז דאָ געווען שווער דער אַנהייב. פונדעסטוועגן, נישקשה, מען שלאָגט דאָ וואָרצלען. וואָס דאַרפט איר מער, מיט איינעם א היינטיקן מיניסטער אונדזערן האָב איך אַליין בעקלאַפּט שטיינער אויף די וועגן.

זיי זענען נאָך אַביסל געפאָרן, און צוויי פרויען, אין די מיטעלע יאָרן, פון אַ חשיבותדיקן אויסזען זענען זיי אַנטקעגנגעקומען. איינע פון זיי האָט זיך באַגעגנט מיט די בליקן פונעם קינד דורך די אַלע פאַרצוי־מונגען. זי האָט אַ פּאַטש־געטאָן מיט די הענט צו איר באַגלייטערין:

„צילה, זע נאָר דאָס ייִנגעלע, טויזנט טעם, פון וואַנעט קומט איר? אוודאי אַ נייער עולה!" — האָט זי זיך געוואַנדן צו דער מוטער.

זי האָט אָפּגעשטעלט דאָס וועגעלע, נישט אַנדערש, זי וויל דעם קינד געבן אַ שטיקל שאָקאָלאַד. זי איז שנעל צו צו אַ קיאָסק, גענומען אַ טעוועלע שאָקאָלאַד און עס דערלאַנגט דעם קליינינקן: „נעם, מותק, עס, קיין עין־הרע". און בעת זי האָט דעם קינד געגעבן דאָס טעוועלע צום מויל האָט זי שטיל געטראַכט פאַר זיך: „געלויבט איז גאָט, אַן אייגענע דירה, דריי קינדערלעך, און מיר זענען דאָך אויך אַזוי אַהערגעקומען!"

נאָר דאָס שווערע האָט זיך אָנגעהויבן ביים אַריבערפירן דאָס וועגעלע פון איין ראָג גאַס צו דער אַנדערער. אין תל־אביב ליגן די טראָטואַרן אויפגעהויבענע, אויסגעבעטע, און מען דאַרף פון זיי אַראָפּגיין ביי יעדן ראָג, ווי פון אַ טרעפּ.

אַז דאָס פּאַרפּאַלק איז צוגעקומען מיטן וועגעלע צו אַ ראָג, האָט מען געדאַרפט אָנווענדן אַ סך חכמה, כדי צו דערהאַלטן אַ גלייכגעוויכט און אַלץ זאָל זיך נישט אַ צעשיט געבן איבער דער גאַס. דער מאַן האָט עס געשטופּט מיט פאַרזיכט, פּונקט ווי אַ דראַטגייער אין צירק באַוועגט זיך פאָרויס. די פרוי, ווידער, האָט אַרומגענומען, צוגעהאַלטן דעם גאַנצן געשטעל מיט אויסגעשפּרייטע הענט. ס'איז אָבער אַלץ ווייניק געווען. ס'איז נאָך אַלץ געווען אַ סכנה ס'זאָל זיך נישט איבערדרייען. נאָר ביי יעדן ראָג פלעגן אונטערלויפן פאַרבייגייער און אַרויסהעלפן, צוהאַלטן, אַ שטופּ־טאָן און אַרויספירן עס אויף אַ גלייכן וועג. דער „עזוב תעזוב" איז דאָ געווען אויף יעדן טריט. און דאָס וועגעלע מיטן מעבל, מיטן קינד אינדערמיט, איז עפּעס געוואָרן אויף די תל־אביבער גאַסן אַ כלל־זאַך. יעדער האָט עס באַגלייט מיט אַ בליק, מיט אַ צו־טאָן אַ האַנט, מיט אַן עצה, מיט צווואַרפן אַ גוט וואָרט דעם פּאַרפּאַלק.

אַז זיי זענען געקומען אויפן גלייכן כביש אין יד־אליהו, שוין כמעט צו זייער וווינונג, האָט די פרוי געזאָגט צום מאַן: „זעסט חיים, וואָס עס הייסט אַן אייגן לאַנד; גיי און פיר דאָס אַזוי אַדורך צווישן גויים".

דער ים האָט געברענט

ביים שפת־הים אין תל־אביב האָבן זיך פאַרהאַלטן גרופּקעס מענטשן: יונגוואַרג אין זייער געאייל, סאָלידע געלאַסענע פּאָרפעלקער און סתם מענטשן, וואָס שפּאַצירן ביחידות די פרייע צייט ביים ים צו כאַפּן אייַנדרוקן אָדער אויסרוען די צעשפּאַנטע נערוון.

די זון אויף מערב־זייט האָט זיך צעגליט און פייערדיק זיך אַראָפּ־געלאָזט אין ים.

דער הימל מיטן ים זענען געוואָרן צונויפגעגאָסן, פייערדיק צונויפ־געגאָסן, ווי אַ פלאַם וואָלט אַלץ אַרומגעכאַפּט און אונטערגעצונדן.

און עפּעס איז דאָס פייער פון ים אויסגעקומען טיפער, בראַנדיקער, אָפּגרונטיקער און ס׳האָט געשאַפן דעם אייַנדרוק, אַז דער ים האָט אונ־טערגעצונדן דעם הימל, אַז פון ים־אויס גייט דאָס אויף דאָס פייער.

צוויי פייערדיקע וועגן האָבן זיך געצויגן פון אויבן און אונטן, אויפן הימל און אויפן ים און האָבן זיך צונויפגעצונדן ביים האָריזאָנט.

נישט ווייט פון דעם פייער־וועג איז דער ים געווען בלאָ און דער הימל איבער אים — בלאָ. און מילד איז געווען דער ים, אַ קוים באַמערק־באַרער פלוס אויף זיין אויבערפלאַך, פונקט ווי ביי אַ חיה ווען זי גיט אַ ציטער מיט דער פעל. ס׳איז שווער געווען צו גלויבן, אַז ערשט נישט לאַנג איז דער ים געווען צעשטורעמט, ווייסע וועגט פון זודיקן שוים האָבן זיך יעדעס מאָל אויפגעשטעלט, גרייט פון אַלעם צו מאַכן פראַך.

איצט איז דער ים שטיל.

דאָס דאָזיקע בילד וואָלט נאָך נישט געווען צוגעצויגן אַזאַ אויפ־מערקשאַפט. סוף־כל־סוף גייט די זון אונטער יעדן טאָג און לאָזט זיך אַראָפּ אין ים און דער ים ברענט און דאָס וואַסער ווערט צונטער רויט.

מען דאַרף האָבן עפּעס פון בעל התהילים: „המחדש כל יום מעשי בראשית", אַז מען זאָל יעדן טאָג זען אויפסניי גאָטס ווונדער.

די אויפמערקשאַפט האָט צוגעצויגן אַ יונג פּאָרל, וואָס איז געשווומען אין אַ זעגל־שיפל אויף דעם פלאַמיק־רויטן ים־וועג.

זי, אין אַ ווייסער בלוזע, אַ העל קיילעכיק פּנים, האָר — שאַטינע, און ער — שוואַרץ, שוואַרצע האָר, אויגן — נאָך שוואַרצערע, אין אַ בלאָער בלוזע, וואָס איז געווען צעעפנט ביים האַלדז און ס'האָט זיך געזען אַ יונגקייט, אַזאַ צעבליטע יונגקייט ווערט דאָרט באַהאַלטן, ווי אַ טויב אין שלאַק.

און זיי שווימען, שווימען אין דעם זעגל־שיפל, וואָס די ווייסע ווענטלעך פלאַטערן אין דעם ווינט און טראָגט זיי, טראָגט זיי צו דעם צעפלאַקערטן שיין.

אַלעמענס אויגן זענען געוואָרן צוגעשמידט צו דעם פּאָרל, זיי דערנענטערן זיך, דערנענטערן זיך, פּונקט ווי זיי וואָלטן געדאַרפן דערגרייכן דעם טויער פון אַ ליכטיקער וועלט.

די זון אין איר פּאַרגיין האָט זיך וואָס אַמאָל אַראָפּגעלאָזט, געניי־דערט און — זי איז אין ים אַריין. דער ים האָט זיך איצט נאָך מער צעגליט, פּונקט ווי ער וואָלט אַ פייערדיקן באַלעם אַריינבאַקומען און — גענומען זיך לעשן. דער הימל איז געוואָרן טונקל, באַקומען אַ קאָליר פון טראָן און דער ים — פון בליי, צעגאָסענער בליי. אַ פאַרנאַכטיקע טריב־קייט האָט זיך אָנגעהויבן שפּרייטן אַרום.

פון דעם פּאָרל האָט זיך אָפּגעטאָן דער שיין, דער לאַקנדער שיין. זיי האָבן זיך איצט געטראָגן אויף אַ גראָען וואַסער־פלאַך, אונטער אַ טונקעלן הימל, ווו די נאַכט איז געשטאַנען ערגעץ אין אירע פאַרבאַר־גענע ערטער, גרייט זיך אויסצושפּרייטן.

און דער פּאָעט ביים ברעג־ים האָט געטראַכט: דאָס איז דער אייביקער שפּיל פון אונדזער לעבן, דער שטענדיקער סוף פונעם גאַנג צו די ווייטע העלקייטן.

א זעלנערקע

אַז עס איז קיין געדראַנג נישט אין די אויטאָבוסן פון תל־אביב און יעדער זיצט אויף זיינס אַ פּלאַץ, איז שיין צו זען דאָס אויפשטייגן פון די פּאַסאַזשירן אויף יעדער סטאַציע.

זיי שטייגן אין איינצלוויז, איינער האַרט לעבן אַנדערן, ווי עס זאָלן אויף אַ שנור זיין אויפגעצויגן אַ ריי פֿאַרשידענע טיפּן און זיי וויקלען זיך אַזוי אויס.

דאָס באַוויַיזן זיך זייערס אין אויטאָבוס איז זייער טשיקאַווע. בעת דער פּאַסאַזשיר שטעלט דעם טריט אויפן ערשטן טרעפּל, באַוויַזט ער זיך בלויז אויף אַ העלפט, בלויז דעם פּראָפיל. און דו ווערסט נייגעריק, דער כח הדמיון מאָלט דיר דערוויַיל דעם רעשט. און דו שטייסט פאַר אַ טראַף: האָט דיך די פֿאַנטאַזיע גענאַרט אָדער נישט. אַ מאָמענט און ער שטעלט דעם צווייטן טריט און — זיין מאַיעסטעט, דער מענטש דער־שיינט איינגאַנצן, דאָס רעטעניש איז אויפגעקניפּט.

אַזוי גייט עס און גייט איינער נאָכן אַנדערן און פֿאַר דיין אויג שוועבן פֿאַרביי פֿאַרשידענע געשטאַלטן, אַ פֿאַרביקע גאַלעריע טיפּן.

אברהם שאפיר, אַ יונגערמאַן ביי די דרייסיקער, מיט אַן אליהו העל פּנים, וואָס ביז אַ העלפט איז עס געווען איינגערעמט אין בלאָנדע באַקנבערדלעך, איז געזעסן אין אויטאָבוס די ערשטע טעג זיינע פון קומען אין לאַנד און האָט מיט גיריקייט געשלונגען יעדע איינשטייגנדיקע פּערזאָן. אַלץ אַרום אים איז נאָך געלעגן אין פֿאַרהוילונג. האָט ער יעדן איינשטייגנדיקן בעשענקט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אין לאַנד געזוכט באַקאַנטע, איינגעשטעטלשע, און נישט געוווּסט זייער וווין־אָרט.

און ביי יעדן איינעם האָט זיך אים אַלץ געדאַכט: אָט־אָט וועט אַרויס־שפּרונגען אַ באַקאַנט פּנים.

זייענדיק נאָך אין בית־עולים, פריי נאָך פון יעדן עול, האָט ער זיך אַזוי געשניטן אין אויטאָבוס הין־און־צוריק איבער די רווישיקע גאַסן. דער ברויז, די באַוועגונג, האָט אים פאַרכאַפּט.

מיד־ווערנדיק שוין אויסצוקוקן אַ באַקאַנטן האָט פאַר אים צופעליק אַ היימיש פּנים אויפגעשיינט.

דאָס דאָזיקע פּנים האָט פאַר אים אַ באַזונדערן אינטערעס געהאַט דאָ אין לאַנד.

דאָס איז געווען אַ פריילײַן, וואָס איז אַמאָל דאָס שיינדל געווען פון זיין שטאָט.

אַז ער קוקט איצט אויף איר בלייך נאָר צעשיינט פּנים, מיט די גרויסע בלאָע אויגן, לויפט פאַר אים צוריק דאָס שטעטל אויף.

ער זעט איר פאָטערס ווייסע הויז אין מיט מאַרק, מיטן באַלקאָן אַרום מיט בלומען — משה שיפס הויז. דער אייגנטימער פון דער פאַראַ־ווער מיל מיטן טאַרטאַק. און פאַרן הויז זעט ער זי, חנהלע שיף, ווי זי גייט אין וויסן אָנגעטאָן און טראָגט אַ פידל אין אַ פוטעראַל, זי גייט איצט פון איר מוזיק־לערער.

גייען דורך אייניקע מינוטן און גלייך הייבן אָן צאַפּלען טענער פון אַ פידל אין מאַרק אַריין, אין דעם וואָכיקן מאַרק.

דער מאַרק ליגט האַלב פאַרדרימלט, סוחרימלעך, פאַרדאַרטע, פאַרקוואַרטע, שטייען פאַר די שוועלן פון זייערע קרעמלעך און קוקן־אויס אַ קונה; ווייבער, הענדלערקעס פון אויבס, פון געבעקס, זיצן ביי זייערע שטעלעכלעך און האַלטן זיך אין איין אָפּיאָגן פון די פליגן. דער גאַנצער מאַרק מיט די מענטשן האָט עפּעס אויסגעזעזן ווי ער וואָלט פאַרזונקען געלעגן, פאַרזונקען ערגעץ אויף אָן אָפּגרונט. נאָר אירע טענער, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַזוי ציטריק קלינגען איבערן מאַרק, האָבן עפּעס, ווי די האַטשיקעס פון אַ טייך אַרויס, אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן די מענטשן פון זייער פאַרזונקענקייט. זיי האָבן עפּעס, די מענטשן, אויסגעמוטשעטע פון

דאגות פרנסה, אַ נײַ חיות אַרײַנבאַקומען; בײַ זײַ אויפגעוועקט אַ געפּיל, אַז מען דאַרף זיך ראַנגלען פאַר אַ לעבן, אַז עס לוינט זיך צו ראַנגלען.

איצט, אינעם אויטאָבוס אין תל־אביב, האָט ער זי געזען אָנגעטאָן אין זעלנערישע קליידער, אין העלגרינע קליידער: אַ בלוזע אַ זעלנערישע, אַ שיף היטעלע אויפן קאָפּ און לאַנגע זעלנערישע הויזן, וואָס האָבן מיט געוואַלט געוואַלט איינפלאַטשן איר פרויאישקייט, איר פלאַטער פון אַמאָל, ווען זי איז נאָך אַ יונג מיידל געווען מיט אַ שאַטין צעפל, וואָס איז אויף איר ווייסער בלוזע געלעגן ווי אַ צאַפּלדיקע שלאַנג.

ער האָט נישט דרייסט מיט איר זיך באַגריסט:

— אַך, מאַדמואַזעל שיף, וואָס פאַר אַן איבעראַשונג — האָט ער זיך צו איר געוואַנדן.

— איך בין נישט קיין מאַדמואַזעל, איך בין איינפאַך אַ זעלנער — האָט זי אים געענטפערט און פון געוווינהייט זיך אַ צי געטאָן די בלוזע, זי זאָל זיין אָנגעצויגן אויף אירע שולטערן.

— און וואָס איז מיט אייער פידל? איר שפּילט ווייטער אויף איר?

— אין דער פרייער צייט שפּילט מען, מען שפּילט אַ סך.

ער האָט געקוקט אויף איר און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס בלייכע פּנים אירס מיט די גרויסע בלאָע אויגן רייסן זיך עפּעס, רייסן זיך פון דער זעלנערישער הלבשה אין וועלכע מען האָט זיי אַריינגעפּאַסט.

— און ווי פילט איר איך אין אייער נייער לאַגע?

— גוט. דאָ זיצן נישט קיין פרויען, ווי בײַ אונדז אין שטעטל, אויף ווייכע קושעטקעס און חלומען וועגן ריטער פון ראָמאַנען. אַ האַרטע ווירק־לעכקייט, וואָס מען דאַרף זי קענען גובר זיין.

ער האָט איר געוואָלט שטעלן נאָך פראַגן נאָר אירע ענטפערס זענען אים מאָדנע פאַרגעקומען. זיי האָבן זיך נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געדענקט, אַז אין איר לעבן איז פאַרגעקומען אַ גרויסער איבערברוך, גאָר אַ נייער גלגול. און זי, זי פאַרקערט, אַ רויקייט איז געלעגן אין איר בליק, אין איר טאָן. זי האָט זיך פריי און נאַטירלעך געהאַלטן אין דער זעלנערי־שער הלבשה, ווי דאָס זאָל איר קאָסטיום זיין פון תמיד אָן.

אויף אַ געוויסער אויטאָבוסן־סטאַציע האָט זי זיך מיט אים גע־

זעגנט, אויסזעענדיק זיך גלייך ווי פּאָר אַ באַפעלהאַבער, גענעבן אים איר אַדרעס ער זאָל זי באַזוכן און מיט זעלנערישער פּרייקייט אַראָפּגעשפּרונגען פון אויטאָבוס.

די דאָזיקע פּריילייַן האָט אים אַ סך געגעבן צו טראַכטן וועגן די ענדערונגען דאָ אין לאַנד.

אברהם שאַפיר האָט אָנגעהויבן גיין אויף דעם דאָרנדיקן וועג וואָס יעדער עולה מוז דורכמאַכן ביז — אַלץ ווערט אים אייגן, ביז ער ציט אויף זיך אַ נייע הויט אַרויף. דאָס איז אַ פּראָצעס ווי ביי אַ פּאַרזייט קערנדל אין דער ערד, וואָס מוז זיך קודם צענעמען, אויפשפּאַלטן און דאַן — ערשט אָנהייבן אויפגיין.

זונען, נייע, צעשרפהטע, מוזן דורכברענען דיין לייב, אַנגיסן דיך אי מיט שכרותדיקער לוסט, אי מיט איינמאָטערנדיקער דרימלעכקייט. ווינטן, קאָכעדיקע, ווי די פּאַרע פון קעסלען, בלאָזן אויף דיר זייער הייסן אָטעם, קריכן דיר אין די עצומות. און דאַן רעגנס, וואָכן און חדשים פּאָר אַמאָל, אַז דו מיינסט דאָס ערשטע מאָל, אַז די וועלט וועט צעווייקט ווערן. דער גאַנצער קאַלענדאַר ווערט ביי דיר צעמישט. הייבסט אָן לעבן אויף אַ נייער צייט. נישטאָ מער די אלולדיקע קילע ווינטעלעך און די ברוינע האַרבסט־טעג מיט די קאַשטאַנעס אויף סוכות. און ווו איז די ווייס צעזילבערטע וועלט אום חנוכה? אַנשטאָט דעם האָסטו אַן אייביק פּאַרבלויטן הימל און אַ זילבער־שוים ביי די ברעגעס, אַז דו מיינסט, אַז ער וועט אָנהייבן טריפן אויף דיין קאָפּ. און נעכט, ווייסע נעכט מיט זילבער־נעפּלען, וואָס שפּרייטן זיך איבער פעלדער און פּליינען, ווי אַ העלער פלאָם, פונקט ווי די לבנה וואָלט אויף דער ערד אַראָפּגענידערט.

און שווערער איז אויך דער מענטש, דער ארץ־ישראלדיקער מענטש, וואָס איז געהאַרטעוועט געוואָרן אין געראַנגל מיט דער נאַטור, מיטן מדבר. ער פאַרמאָגט נישט די ווייכקייט, די צוגעטוליעטקייט, ווי די ייִדישע עדה אַמאָל, ווען די בייטש פון די פרעמדע האָט געפּאָכעט איבער

איר, און זיי האָבן, ווי די שפּעסן אונטער דער רוט פונעם פּאַסטעך, זיך צונויפגעדריקט און געמוזט זיך טיילן און היילן.

אַז אברהם שאַפּיר איז אַ צייט אויף דעם וועג געגאַנגען און באַזוכט די פריילין שיף איז אים איר לעבן אַזוי גאַטירלעך פאָרגעקומען, אַזוי נאַטירלעך.

אין גן־חיות

אין גן־חיות זאַמלען זיך טשאַטעס פייגל, וורובלעס, וואָס פליען־אַן פון די פרייע רוימען, צו די פאַרשפאַרטע בעלי־כנף אין די שטייגן. זיי פליען דאָ אַהער, די וורובלעס, כדי זיך אָנצועסן מיט דער פיטערונג, וואָס ווערט אונטערגעשיט אין די שטייגן.

דראָטענע נעצן זענען אַרומגעפלאָכטן אַרום די שטייגן. די פּאַפּור־גייען, די אָדלערס, וועלכע זיצן דאָ פאַרשפאַרט, קענען העכסטנס די שנאָבלען אַרויסשטעקן דורך די נעצן. פאַר זיי אָבער, פאַר די גראָע פּישטשענדיקע פייגעלעך, איז געענג אַרט פאַראַן אין דער נעץ, זיי זאָלן אַריין, אָנעסן זיך, אַ צענעם געבן די פליגעלעך און — הײדאַ, אַרויס אויף דער פריי.

די פּאַפּוגייען, געהילט אין זייערע פאַרביקע פעדערן, ווי די רוי־מישע פּאַטריציער אין זייערע טאָגעס, זיצן כסדר אויף די שטענגלעך, וואָס זענען פאַרלייגט אין די שטייגן. זיי בלאָזן זיך, און ברוגזן זיך, וואַרפן שטאָלץ מיט די קעפּלעך און האַלטן די בליקן פאַרצויגן אין זיך. זיי דריקן אַזוי אַרום אויס זייער פאַרדראָס, אַן איידעלען פאַרדראָס. נישט עפּעס ווי דער בער, דער וואָלף, וואָס לויפן הין־און־צוריק אין די שטייגן און „זעגן" אַן אויפהער מיטן קאָפּ די קראַטעס. ניין, זיי נישט, די פּאַפּוגייען. זיצן אין די פאַרביקע מאַנטלען פון רויט, גרין, בלאָ, דער בליק און דער שנאָבל אין דער זייט און בלאָזן זיך באַליידיקנד ווי די פאַרצערטלטע פרויען.

און אַרום זיי טאַנצנדיקע, שפּרינגענדיקע, לוסטיקע פרייע צעזונגענע פייגעלעך. זיי כאַפּן אין די שטייגן אַ פּאָר קערנדלעך און פליען גלייך אַרויס. דער שאָטן פון דער שטייג, ווייזט אויס, מוז אויף זיי ווירקן. און אפשר גאָר פילט מען די אמתע פרייקייט ווען מען זעט וועמען פאַרשפאַרט און עס גליסט זיך די פליגל צענעמען?

און די מענטשן אַרום שטייען אין גן־חיות, שטייען אין זייער גאַפונג פון דעם גרויסן וווּנדער פון דער יצירה. עפּעס פון זיך אַליין שפּרינגט־אויף דער פסוק פון תהילים: „מה רבו מעשיך ה׳״. עפּעס בריי־טערט זיך דאָ אויס די וועלט. מדבר, וואַלד, בערג און טאָל, ים און דער דנאָ פון ים, גיסן זיך דאָ צונויף. און שטום בלייבסטו שטיין פאַר דעם וווּנדער.

קינדער, וואָס באַנעמען נאָך נישט די גרויס פון דער וועלט, הוליען דאָ פרייַ אַרום צווישן די שטייגן. פאַר זיי איז עס נאָך בלויז אַ שפּיל. דוקא דאָ, ביי די געפאַנגענע חיות, פאַרגליסט זיך זיי צו ווייזן זייער „גבורה״. מען זאָל נאָר נישט באַמערקן, דער שומר זאָל נאָר נישט זען, נעמען זיי אַ שטעקעלע און שטופּן עס גלייך אין אויג אַריין פון לייב. און ער, דער געפאַנגענער קעניג, הייבט אַזוי אומבאַהאָלפן אונטער אַ פּוס. ער ברומט, ווי אַ דונער וואָלט זיך אין אים געקאָלערט, נאָר פאַר זיך, פאַר זיך, נישט אויף דעם קליינעם פּעמפּיק, וואָס ער וואָלט אים אויף אַ צאָן פאַרבראָכט.

פאַרהאַן אָבער מענטשן, וואָס אַ דראַנג נאָך פרייקייט שפּאַרט ביי זיי אין האַרץ. און שאַרפער ווערט דאָ ביי זיי דאָס געפיל. עס רופט זיך איבער מיט די געפאַנגענע. זיי הייבן אָן מער האַסן אַלע פּענטעס, אַלע פאַרצוימונגען, אַלערליי שטייגן.

א ישוב אין נגב

נאָך שעהן לאַנג פאָרן איבער די מדבר־שטרעקעס פון נגב בין איך אָנגעקומען אין אַ ישוב, אין כפר ירוחם.

מיין אויג האָט געהאַט אַרומגענומען גראָ־שטויביקע בערג פון וועלכע ס׳האָבן, ווי פון אַ תהום, אַרויסגעשראָקן שפּאַלטן און ריסן, פעלדער, פעלדער, אויפגעוויקלטע אויף ריזיקע שטחים, ווי ליידיקע יריעות. אינעם באָדן זענען איינגעוואַקסן ווייסע שטיינער, ווי געשווירן אין אַ לייב. און עפּעס אַ טריבקייט, אַ ברוינע טריבקייט איז אויף אַלעם געלעגן פון דער בראַנדיקער זון, וואָס האָט זיך געשפּילט אין דער ליידיקייט.

פון מינוט צו מינוט האָט זיך פאַר מיר געהאַט געמעקט די וועלט, איך האָב פאַרלוירן איר אויסזען. די דאָזיקע מדבר־לערקייט איז אַריינגעדרונגען אין מיר און מיך באַהערשט.

און מיטאַמאָל — בלייבסטו שטיין אין אַ ישוב, דו האָסט צוריק די וועלט געפינען.

איך גיי צווישן רייעס הייזלעך אין כפר ירוחם, איינשטאָקיקע געמויערטע הייזלעך מיט רויטע קאַכלע־דעכלעך, מיט גערטנדלעך פאַר די פענצטער. אַ פרייד, אַ באַזונדערע פרייד נעמט מיך אַרום, וועלכע איך האָב ביז איצט נישט געפילט: מען פאַריאָגט אַ מדבר. מיט יעדן בנין וואָס איך טרעף אָן, מיט יעדן ביימל, וואָס איז פאַרפלאַנצט — שטאַרקט זיך מיין פרייד.

איך קום צו אַ פּלאַץ, וועלכער געפינט זיך אין צענטער פון ישוב. דאָ איז דער קאָאָפּעראַטיוו, די פּאָסט, דער משרד פון דער מועצה. אַהער פליסט די באַפעלקערונג, וועלכע באַשטייט פון אַ 150 משפחות.

דער פּלאַץ איז אַ רונדער. קופּעס שטיינער ליגן אַרום, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגעצויגן פון באָדן.

דער באָדן איז רייך, ניי, פונקט ווי אַ הויט וואָס הייבט אָן אָנוואַקסן נאָך אַ געפּלאַצטער געשוויר.

רונד אַרום דעם פּלאַץ זענען פאַרפלאַנצט יונגיטשקע אַקאַציע און פלפל־ביימלעך.

אַרום דעם ישוב ציען זיך בערג, אַשיקע בערג, וואָס זעען אויס ווי שיריים נאָך אַ שרפה. די דאָזיקע בערג האַלטן דעם ישוב ווי אין אַ קלעם, אַ קייט אַרום; יאָגן אָן זייער מרה־שחורה. נאָר די יונגיטשקע אַקאַציע־ביימלעך, וואָס באַוועגן די בלעטעלעך אינעם ווינט, רייסן־אויף מיט זייער גרינער פרישקייט די דאָזיקע טריבע קיים, די מדבר־קיים. זיי האָבן דערווייל דעם ערשטן גרינעם בליק געוואָרפן אויף דעם גראָען אַרום און ער האָט זיך גענומען איינקאַרטשען.

פאָרנדיק צוריק האָט שוין דער מדבר זיין שליטה נישט געהאַט אויף מיר. איך האָב שוין געהאַט געזען דאָ און דאָרט באַוווינטע פונקטן, ישובים, וואָס וועלן זיך מיט דער צייט צונויפלויפן פון אַלע זייטן און — אים פאַרשלינגען.

אין א פארנאכט

די זון האט אנגעהויבן אפוויקלען די רויטע טיולן, וואס זי האט געהאט אויסגעשפרייט ביי איר פארגיין איבער פליינען און דעכער.

א מאמענט איז אלץ געווארן גרא, רויכיק גרא. נאר גלייך האבן דא און דארט אנגעהויבן אויפבליצן שטערנדלעך. די לבנה, א בלייכע, האט אנגעהויבן שעפן פון אירע אייביקע פארבארגענע קוואלן און גענומען לייכטן.

שטיל איז דאס אלץ צוגעגאנגען, אז מען האט געקענט פילן די געטלעכע האנט, וואס האט דאס אלץ איינגעשטעלט אין דעם אייביקן גאנג.

אין איינער פון די שכונות פון תל־אביב איז איצט געווען רויק, זעלטן מען האט געזען א פארבייגייענדיקן מענטשן. דאס רוב איינוווינער רוען, רוען אויף די באלקאנען נאך דעם טאג ארבעט און זון־פלאקער. האט זיך דעריבער געווארפן אין אויג דער שפאציר פון א פארל אויף דעם ניי־אויסגעפלאסטערטן כביש דא.

דאס פארל האט זיך באוויגן אזוי צעשפילט אין זייער גאנג, ווי זאנגען אונטערן הויך פון א ווינטל.

זייערע קעפלעך, איינס א שווארצס, א פעך שווארצס און דאס אנדערע — פון קארן־פארב, האבן זיך אזוי געטוליעט און געטוישט און געמישט אין דעם פארנאכט אויפן כביש.

זיי זענען געגאנגען אויף דעם ערשטן שפאציר נאך זייער קאנט־שאפט. בסך־הכל האבן זיי אן אוונט פריער דאס ערשטע מאל זיך געזען, איבערגעקוקט זיך, זיך צעשמייכלט און געשטימט זיך אויף היינט דא צו טרעפן. זיי זענען טאקע געקומען אין דער אפגעשמועסטער צייט נאך דער ארבעט. נאר ווי פארשידן האבן זייערע וועגן געפירט דא אהער.

זי, יאהאנבע, א צוואנציק יעריקע, מיט ראבן־שווארצע האר ארום

אַ טונקל אַליוו פּנים, מיט אַ קאַנטיק שאַרפער נאָז, איז געקומען אין לאַנד פון בודאַפּעסט מיט אירס אַ מוטער, אַז ערך מיט אַ יאָר צוריק. נאָך זייענדיק אין דער היים, אין אונגאַרן, האָט אין איר האַרץ זיך צעשפּילט אַ שטורעם. זי איז געשליידערט געוואָרן ווי אויף כוואַליעס. כסדר געלעבט אין צווייפלונגען, וואָס האָבן איר אויסגענאָגט דאָס חיות.

נאָך דער באַפרייאונג פונעם היטלערישן גרויל אין אונגאַרן, נאָכן אַראָפּנעמען די קייטן, וואָס זענען געלעגן אויף דער יידישער באַפעלקערונג, האָט זי זיך באַקענט מיט אַן אונגאַרישן בחור, אַ קריסט. און ער, אַרפּאַט, אַזוי האָט ער געהייסן, מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע, ווי ביי אַ צעלאָזן פערד, האָט אָנגעהויבן לויפן מיט איר אויף פערד־געיעגן, אויף צירק־פאָרשטעלונגען, גענומען זי אויף טאַנץ־פּלעצער, ווו אַ ייד האָט נישט געקענט חלומען צו קומען אַמאָל. און זי, יאָהאַנע, איז געגאַנגען, געגאַנגען און געשלונגען די פרייקייט נאָך דער שוואַרצער בהלה, ווען זי און די מוטער זענען געלעגן פאַרשטעקט אין טויט־אַנגסט, נישט אַרויסגעשיקט צו ווערן פון די היטלערישע פאַנגער.

ער, אַרפּאַט, האָט זי צוריק אַריינגעפירט אין דער פרייער וועלט פון גענוס, פון פאַרוויילונג, פון שפּיל.

איניינעם מיט אים איז זי געזעסן אויף די אָפענע פּלעצער אין בודאַפּעסט און זייערע הערצער האָבן גלייך געקלאַפּט צו דעם ריטם פונעם גאַלאָפּ פון די וועט־פערד; האָבן זיך איניינעם געוויגט ביים טאַנץ אונטער די פאַרבענקטע אונגאַרישע ראָמאַנסן.

אַז זי פלעגט, האַלב שכור פון איבערלעבונג, אַהיימקומען צו דער מוטער, איז זי צוריק אַרומגענומען געוואָרן מיט אַזאַ היימישער וועלט, אַ געפּייניקטע וועלט, וואָס איז איר אייגן געווען, ווי אייגן עס איז איר די הויט מיט וועלכער זי וואַקסט. דער שותפותדיקער גורל, די פּיין, די אייביקע סכנה, וואָס האָט אויף זיי געהויערט, האָט זיי אַזוי צונויפגעבונדן, נישט זיך צו באַפרייען.

און אַז עס פלעגט איר כאַפּן אַ מאָמענט און זי האָט געוואָלט לויפן צו אַרפּאַטן, אַנטלויפן פון דעם אַלעם, באַפרייען זיך, זענען פאַר איר אַרויסגעטרעטן די מינוטן ווען מען האָט געהערט טריט, טריט פון שונא.

און די מוטער פֿלעגט זי דעמאָלט איינטוליען אין זיך, אַרומנעמען זי מיט אירע הענט, ווי אַ פֿויגל וואָס שיצט זיינע עופֿהלעך אונטער די פֿליגל.

נאָר דער הויפּט־גערעַנגל האָט זיך ביי איר אָנגעהויבן, ווען די מוטער האָט באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין ישׂראל.

איבערבלייבן אַליין מיט אַרפּאַטן? אַליין? ווי לאַנג די מוטער איז נאָך געווען מיט איר האָט זי געפֿילט אַ שוץ. האָט זי דאָך ערשט מורא געהאַט פֿאַר יעדן קריסט, אַז ער זאָל זי נישט אויסגעבן, אויסגעבן צו די דייטשע תּלינים. און איצט אַליין מיט זיי בלייבן?

מיט אַרפּאַטן פֿילט זי זיך גוט, זייער גוט. ער פֿירט זי אויף ערטער, וווּ דאָס לעבן קאָכט, זידט. מען שפּילט, מען טאַנצט, מען געוועט זיך. שטענדיק איז מען געשפּאַנט.

און ס'איז געקומען דער מאָמענט פֿון אַנטשיידונג: בלייבן מיט אַרפּאַטן אין בודאַפּעסט אָדער פֿאָרן מיט דער מוטער קיין ישׂראל.

זי איז געווען איצט צעריסן. פֿאַרשידענע כּוחות האָבן זי געצויגן און זי איז געשטאַנען און נישט געוווּסט אויף וועלכער זייט זי זאָל זיך ווענדן. וואָלט דאָס לאַנג אַזוי אָנגעהאַלטן, האָט זי געפֿילט, וואָלט זי צע־שפּרינגען, איר האַרץ וואָלט געפּלאַצט.

נאָר ווען זי האָט געזען ווי איר מוטער גרייט אַלץ אין וועג אַריין, גרייט אַלץ צום אָפּפֿאָרן און זי וועט בלייבן אַליין אין שטוב, האָט זי נישט אויסגעהאַלטן. זי איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף דער מוטערס נאַקן און זיך צעוויינט, נישט זיך צו באַהערשן. און דאָס ערשטע מאָל איז זי נישט געגאַנגען אויף דער באַגעגעניש, וואָס זי האָט געשטימט מיט אַרפּאַטן. עפּעס אַ שטילע מורא האָט זי דאָך געטראָגן צו אים. ער פֿאַלט אָפּטמאָל אַריין אין אַזאַ ווילדקייט, אַז זי איז אים נאָכגיביק בלויז פֿאַר פּחד. און יאָהאַנע איז געפֿאָרן מיט דער מוטער קיין ישׂראל.

אַ צייט לאַנג איז יאָהאַנע אַרומגעגאַנגען אין לאַנד אַ פֿאַרטראָגענע. ווי רויק נאָך אַ שׂרפֿה איז איר דאָס לעבן פֿון בודאַפּעסט נאָכגעגאַנגען און פֿאַרטונקלט איר דעם וועג.

זי האָט זיך דאָ אַן אַרבעט פֿאַרשאַפֿט אין אַ פֿאַבריק און אויסגע־האַלטן זיך מיט דער מוטער. נאָר איר לעבן איז געבליבן פֿאַרשלאָסן.

מיט וויפֿל בליקן זי האָט נישט געזאָלט באַוואָרפֿן ווערן פֿון יונגע־

לייט, מיט וויפל שמייכלען מען האָט נישט געזאָלט אויסבעטן דעם וועג צו איר, האָט זי נישט געענטפערט, נישט געלאָזט זיך פאַנגען, פאַרפלאָנטערן מיט אַ בליק. נאָר ער, דער בלאָנדער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך געשטימט מיט איר צו טרעפן, ער פאַרמאָגט עפּעס אַזאַ ווייכקייט אין זיין שטים, אַזאַ בלאָקייט אין זיינע אויגן, עפּעס גאָר דער קעגנזאַץ פון אַרפּאַטן. און אַז ער האָט איר פאַרגעלייגט מיט איר זיך צו טרעפן, האָט זי איינגעשטימט.

גייען זיי איצט אויף דעם נייעם כביש און ער אַנטפּלעקט פאַר איר עפּעס נייעס, גאָר עפּעס נייעס.

דאָס אַלץ וואָס ער זאָגט איר איז איר פרעמד, לחלוטין פרעמד אָבער אָנגענעם.

ער הייסט איר קודם ענדערן דעם נאָמען, נישט יאָהאַנע זאָל זי הייסן, נאָר יוחנה. און ער קלערט איר אויף ווער עס איז געווען דער תנא, ר' יוחנן בן זכאי. זיין שטים איז אַ שטילע און אַז ער הייבט אויף זיין בליק אויף איר, קען זי זיין בליק אויסהאַלטן, אדרבא, ער וואַרעמט איר.

זיין היים, דערציילט ער איר, איז געווען אין פּוילן, אין דעם שטעטעלע סאָכאַטשעוו. נאָר וואָס פאַר אַ היים — לויטער געזאַנג. ביי זיי אַ שבת — איז מען אויף ווונדער געשטאַנען הינטער די פענצטער הערן ווי דער פאָטער מיט די פיר זין זינגען שבתדיקע זמירות. דאָס איז נישט קיין שטימען, נאָר גלעקלעך אין האַלדז — האָט מען געזאָגט וועגן זיי אין שטעטל.

אָנגעטאָן זענען זיי שבת געגאַנגען אין סאַמעט און זייד, דאָס שבת-טישטעך אויסגעשפּרייט איבערן טיש. זענען זיי געזעסן, דער פאָטער — אויבנאָן און די פיר זין אַרום און דאָס געזאַנג איז געגאַנגען עד לב השמים. עפּעס ווי עס וואָלט זיי אַ שאָד געווען צו שיידן זיך מיטן שבת האָבן זיי אים אויפגעהאַלטן וואָס לענגער מיט געזאַנג.

אַהיים זענען זיי געגאַנגען ווען אין דער שכונה האָבן שוין ליכטער געברענט אין די פענצטער.

זיי האָבן עפּעס געפילט ווי די פרעמדקייטן זייערע צעגייען זיך, צעגייען זיך און אַז מאָרגן דאַרפן זיי זיך ווידער טרעפן.

ביים שפת-הים

בנימין מינץ, אַ יונגער אינזשעניער, וואָס האָט נישט לאַנג פאַר־ענדיקט דעם שטודיום, איז געגאַנגען אויף שפּאַציר צום שפת־הים אין תל־אביב. ס'האָט אים געצויגן אַהער דער פלאַטער פונעם יונגוואַרג, וואָס מאַכט פול דעם ברעג.

ער האָט זיך געדרייט אין אַן אויפגעשפּילעט העמדל, אין קורצינקע באַקי־הייזלעך, דער בלאַנדער קאָפּ האָר — צעפלאָשעט. און די ווינט־פאַליעס פון ים האָבן אים, ווי טיכער, געהויבן און אים פאַרטראָגן פון דאַנען, געצויגן אים ערגעץ אין אומבאַקאַנטע מקומות. ער האָט שוין געאָטעמט מיטן ים, מיט די זודיקע כוואַליעס, פונקט ווי אונטער זיינע פיס וואָלט זיך שוין נישט געפינען דער באָדן. ס'האָט אים אַ גרויסע לוסט אַרומגענומען פאָרן, פאָרן, לאָזן זיך ערגעץ אין מדינות, אין מרחקים.

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום ים, אַוועקגעשטעלט אַ פוס אויף דער אייזערנער שטאַנג, וואָס נעמט אַרום דעם ברעג, דעם קאָפּ אַנגעלענט אויף דער רעכטער האַנט און זיך פאַרקוקט.

ס'איז געווען אָוונט.

דער ים האָט זיך געוויגט טונקל־גראַנאַט אונטער אַ טיף־געדיכטן בלאָען הימל. דאָרט ווייט, ווו דאָס אויג האָט נאָר דערגרייכט, האָבן זיי זיך צונויפגעשלאָסן, דער הימל מיטן ים און האָבן אויסגעזען ווי אַ בלאָ סאַמעטן שקאַטעלקעלע פון ביזשוטעריע, וואָס דאָס אויבערשטע דעקל איז האַלב אויפגעמאַכט. אויף ערטער האָט זיך דער ים געפּעלדלט. געהויבן זיך, פונקט ווי די סאַמעטענע קישעלעך אין די צירונג־שאַכטלען. די לבנה, אַ פולע, אַ טאָפּעלע, איז געשוואומען פון אויבן און אונטן און איר זילבער־אוצר אין דעם ים־שקאַטעלקע אויסגעשפּרייט.

בנימין מינץ, וועלכער האָט זיך געהאַדעוועט אין אַ שטעטל אויף

וואַלין ביים טייך פריפּעטש, איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם ים־רחבות. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ וועלט, אַ וואַסער־וועלט. ס׳איז ביי אים אויפ־געשווומען אַ לוסט, ווי ביי אַ פיש, צו לעבן דאָ, צו אָטעמען דאָ. דאָס איז אַזאַ געפיל וואָס פיל מענטשן, דערזעענדיק דעם ים, לעבן דאָס איבער.

דאָרט ווייט, ווייט איז אַ שיף געשווומען, אַ באַלויכטענע שיף, וואָס די פייערן האָבן אַזוי פאַנטאַסטיש אַהערגעוווּנקען צום ברעג, גערופן, געצויגן. און בנימין מינץ, פאַרזונקען אינגאַנצן, איז אין דמיון מיטגעשווו־מען מיט דער שיף, מיט דער באַלויכטענער שיף, וואָס באַוועגט זיך אויף אַזאַ בלאָען וואַסער־שליאַך.

ער האָט זיך אויסגעטאָן פון אַלע קוועלן, וואָס רינגלען אים אַרום און ער איז מיטגעשווומען מיט דער שיף, געשווומען און — צוגעקומען צו אַ ברעג. ער בלייבט שטיין ביים אומבאַקאַנטן ברעג און טראַכט: וווּהין? וווּהין זאָל ער זיך לאָזן? ער וויל שטעלן אַ טריט און — אַ פרעמד־קייט נעמט אים אַרום. גיין אויף די ערטער, ווו מען האָט זיין משפחה פאַר־ברענט? די היים — צעשטערט? און עפּעס אַן בליקן שטויסט ער זיך אָן, אַן שפּיזיקע בליקן, פול מיט שנאה און חוזק: אַהאַ, אַ ייד, אַ ייד. אַזוי אומעטום: אין טראַמוויי, אין טעאַטער, אין גאַס. די מער סאָלידערע פון זיי האָבן אַ באַציונג צו אים ווי צו אַ הויז־חיה: אַ גאַנץ ווילער ייד.

בנימין מינץ האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ פון ים און זיך אַריינגע־לאָזט אין שפּאַציר צווישן די כאָפּטעס יונגוואַרג, וואָס מאַכן פול דעם ברעג ים.

ציפרעסן

אויפן פּלאַץ, ווו דער בוי האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן, איז ביי דער זייט געשטאַנען אַ גרופּע פון פינף ציפּרעסן.

איין בוים פון דער גרופּע איז געשטאַנען אַרויסגערוקט פון דער ריי, פאַרלאָפן עטוואָס פאָראויס, אויסגעקומען ביים סאַמע ראַנד פון אָנהייב בנין.

דערצו זענען די ביימער געשטאַנען צו דער זייט פון כביש פון־וואַנעט מען וועט דאַרפן צופירן די מאַטעריאַלן צום בויען.

די גרופּע ביימער זענען געוואָרן אַ שטערונג און ס׳האָט געדראָט מען זאָל זיי אויסהאַקן.

אַז מען האָט אַ בליק געוואָרפן צו די ביימער, ווי דער שטייגער איידער מען באַשליסט אויף זיכער וואָס צו טאָן, איז אַ שאָד געוואָרן, אַ שאָד געוואָרן זיי אויסצורייסן.

אַלטע ציפּרעסן, גלייכע, וואָס האָבן זיך איינדערמיט געגרונדיקט און ביים סאַמע עק זיך געשפּיצט, געכאַפּט די פאָרעם פון אַ לולב. זיי האָבן געוויגט מיט די שלאַנקע גופים אין בלענדיקן אוויר און געשאָקלט מיט די קעפּ ווי זיי זאָלן זאָגן: אַ שאָד, אַ שאָד, אַ ברכה זענען מיר דאָך, מיר פאַרשטעלן דעם ווינט, די זון.

דער מענטש וואָס לעבט אין ארץ־ישראל ווייסט דעם ווערט פון אַ בוים. נישט איינמאָל אין טאָג שלאָגט די נאַקעטע זון איבער זיין קאָפּ, און אַז ער כאַפּט זיך אונטער אַ שאָטן אַרונטער, פילט ער זיך אויסגעלייזט.

האָט דער ממונה איבערן בוי געהייסן די אַרבעטער, וואָס זענען געקומען גראָבן דעם פונדאַמענט, זיי זאָלן די ביימער דערווייל לאָזן.

נאָר ערשט צוטרעטנדיק בויען האָט זיך אָנגעהויבן די סכנה פאַר די ביימער פון אַלע זייטן.

אַ הויז ווערט דאָך געבויט מיט שאַרפע כלים: מיט קאָפּערס, מיט

רידלעס, מיט זעגן, מיט האַמערס, מיט העק. מען גראַבט, מען שניידט, מען קלאַפּט טשוועקעס, אַז פונקען פליען. די מוסקולן ביי די מענטשן זענען אָנגעצויגן, ווי די סטרונעס אויף אַ בויגן, ביים האַקן, ביים שניידן. נישט איינמאָל ווערן די מענטשן ווי שכור ביים געראַנגל בייצוקומען אַט אַ די שטיינערנע און אייזערנע בוי־מאַטעריאַלן. און דאָ שטייט דיר אונטער די הענט אַ בוים, וואָס מיט אַ שטאַרקן זעץ, מיט אַן איבעריקן גראַב און ער ליגט ווי אַ בר־מינן.

ביים אויפשטעלן די רושטאָוואַניעס פון הויז איז עס דורכגעגאַנגען בשלום. וואָס אַן אמת איז מען ביי דער זייט, ווי די ביימער געפינען זיך, באַגאַנגען זיך מיט גרויס פאַרזיכט. דער איינער בוים, וואָס איז געווען אַרויסגערוקט פון דער ריי, איז ממש אויף אַ קלאָץ געלעגן פון די רושטאָוואַניעס. מען האָט געדאַרפן ביי יעדן מאָל אויפהייבן די הענט מיט אַ כלי זיך דערמאָנען, אַז דאָ איז אַן אײדעלער אָרט, אַז דאָ קען מען נישט צעלאָזן די הענט אויף רעכטס און לינקס, אַז דאָ פאָדערט זיך אַן אַנדערער צוגאַנג, אַז דאָ איז נישט בלויז אַ קלאָץ נאָר אַ לעבעדיקער בוים, וואָס מען קען אים אומברענגען.

אָבער אַ סכנה האָט נאָך אַלץ געדראָט. ביי יעדן מאָל וואָס אַ לאַסט־מאַשין איז אָנגעקומען מיט בוי־מאַטעריאַלן און מען האָט געדאַרפן מיטן גרעסטן אימפּעט אַ הייב טאָן די מאַשין פונעם כביש אויפן פּלאַץ אַרויף, איז געווען אַ געפאַר, אַז די ביימער זאָלן נישט צעטרעטן ווערן. איין נישט פאַרזיכטיקער קער מיטן לענק־רעדל פון דער מאַשין און — אַן עק. נאָר ניין, אונטער יעדער אָנשטרענגונג און די האָנט האָט זיי אויסגעמיטן.

זיי האָבן איצט, וואָס אַן אמת, קיין אויסזען נישט פון קיין ביימער, זיי זענען פאַרשמירט מיט קאַלך, מיט צעמענט. אַרום זיי וואַלגערן זיך קלעצער, קופּעס זאַמד, נאָר זיי שטייען.

און דאָס הויז וואַקסט, יעדן טאָג ווערט עס גרעסער. עס שפּרונגט פון איין שטאָק צום אַנדערן ביז עס וועט אויסוואַקסן צו אַ פיר שטאָקיק הויז.

פונוואַנעט די ציפּרעסן האָבן זיך דאָ גענומען? אַ זכר פון די צייטן

ווען די געגנט האָט געהייסן זאַבלאַווי, אויפן נאָמען פון אַן אַראַבישן עפענדי.

ביימער זענען דעמאָלט געוואַקסן אין דער געגנט אָן אַ סדר, אַרויס־געשפּרונגען צופעליק און נישט אויפן אָרט, עפּעס ווי אַנוווקסן אויף אַ קערפּער.

אַרום האָבן זיך געצויגן וויסטע פעלדער מיט ווילדגעוויקסן, מיט שטעכלקעס, וואָס פלעגן זומערצייט אַליין אויפגיין און שפּעטער־צו — איינטריקענען.

דער איינציקער סימן פון אַ ישוב: אויף אַ בערגל, ביי אַ פּרדס, איז געשטאַנען אַ גראָע שטיינערנע הייזקע.

אינעווייניק, אינעם הויף, אין מזרח־סטיל, זענען געווען האַלב־רונדע איינגאַנגען אין איינצלנע חדרימלעך. און אַ ברונעם איז געשטאַנען אין מיט. טיף און שניידיק איז דער ברונעם געווען, אַז ס'האָט פאַר די אויגן געשווינדלט ווען מען האָט אַריינגעבליקט. מען האָט מורא געקריגן שטיינבלייבן, עפּעס ווי שדים וואָלטן דיך געוואָלט אַריינגאַרן.

דאָ און דאָרט זענען אויף קילאָמעטערס אָפּגערוקט געשטאַנען נאָך איינצלנע הייזלעך.

באַלד ביים אַריינקום אין דער געגנט האָט זיך אַ וואָדי געצויגן, וואָס אין דער רעגן־צייט פלעגט זי פאַרפלייצן די פעלדער און איבערגע־לאָזט סאַזשלקעס אויף לאַנגע חדשים. זשאַבעס פלעגן זיך דאָ ווידמען אין די מענגעס. אין די אָוונטן פלעגן זיי קוואַקן, אויפהייבן אַזאַ ליאַרעם — קוואַ, קוואַ: שאַקאַלן האָבן געוויינט, געיאָמערט, ווי קינדער, וואָס מען לאָזט איבער אָן אַ שמירה.

און געגאַנגען איז מען דאָ אַ פוס־אַריין, אַ פוס־אַרויס, מחמת די בלאָטעס אין וועלכער מען האָט געטאָפּטשעט.

היינט־צו־טאָג, ווען מען בויט דאָס הויז, הייסט די געגנט יד־אליהו.

כבישים, ברייט געפלאַסטערטע, ציען זיך איבער דער לענג און ברייט פון דער שכונה. ווי פאַסן אויף אַ שאַך־ברעט אַזוי ליגט די געגנט אין אַ נעץ פון שוואַרץ בעטאָנענע וועגן.

אַרום די אַלע כבישים פון דער געגנט ציען זיך הייזער. נאָר נישט

ווי אין אַלע גאַסן פון שטאָט — אַ הויז ביי אַ הויז. נייך, דאָ שטייען די הייזער אין בלאָקן, דריי שטאָקיקע ווייסע בלאָקן. איין בלאָק פון צווייטן איז אָפּגעטיילט מיט אַ פּלאַץ פאַר גערטנער, פאַר פלאַנצונגען.

פּאַראַלעל צו יעדן בלאָק שטייט אויף דער צווייטער זייט כביש — ווידער אַזאַ בלאָק. אַזוי שניידן זיי זיך שוין די בלאָקן אין דריי גאַסן אין דער ברייט, אין פיר.

מאָדנע, געפינסט זיך אויף איין אָרט, און דו זעסט די גאַנצע געגנט, עפּעס ווי דו זאָלסט זיך געפינען אויף אַ גאַנצער טאָוול מיט קעסטעלעך.

פאַלט ווער אין דער געגנט אַריין, ווערט ער אַרומגעכאַפּט פון ווינטעלעך, שטיפערישע, וואָס לויפן אַרום צווישן די אָפענע בלאָקן און יעדער איינער גיט אַ טראַכט: אוואַ, גאָר אַן אַנדערע לופט ווי אין שטאָט.

אין אָוונט, ווען די פענצטער אין די ווייסע בלאָקן ווערן באַגאָסן מיט עלעקטרישן שיין, באַקומט די געגנט אַזאַ פאַנטאַסטישן אויסזען. די בלאָקן זעען אויס ווי קאָלאָנעס, באַלויכטענע.

דאָס הויז, וווּ די פינף ציפּערעסן געפינען זיך, האָט געהאַט געפעלט צווישן די רייעס בלאָקן. מען האָט פאַרשפּעטיקט דאָ, ווייזט אויס, מיטן בוי. דאָס אָרט האָט אויסגעזען ווי אַ מויל־קאַסטן ביי וועלכן עס פעלט אַ צאָן.

איצט שטייט דער בנין פאַרטיק. אַרום דעם בנין זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן שתילים. נאָר די פינף ציפּערעסן שטייען ווי אַ זכר פון פאַרגאַנגענע צייטן.

קליידער

פון איר גלאַנץ־לעבן אַמאָל זענען בײַ פּרוי ברין איבערגעבליבן קליידער; פאַרביק געבלימלטע און געשטרײַפטע קאָסטיומען אין וועלכע זי פלעגט אויסטאַנצן שפּאַנישע און ציגײַנער־טענץ; פאַרשידענע כאַראַק־טער־ און פאָלקס־טענץ.

היינט־צוטאָג, ווען זי טרעט מער נישט אויף אויף דער בינע, ליגן זיי בײַ איר פאַרפּאַקט און באַפּטעלירט. זי היט זיי ווי דאָס אויג אין קאָפּ. יעדער קאָסטיום ליגט בײַ איר מיט די כלערליי בענדער און שלייפן, מיט די אויערינגג באַזונדערע, מיט קעם, מיט קאָקאַרדעס פאַר די האָר, מיט בייטשן קרעלן. און אויך מיט די פאַרביקע פאַנטאָפּעלעך, געפּאַסטע צו דעם געגעבענעם טאַנץ. אַ וועלט אַ גאַנצע.

גאָר באַזונדער ליגט בײַ איר דער קאָסטיום צו איר באַליבטן טאַנץ, צו אַ נימפן־טאַנץ מיט די זילבערנע שיפּן, מיט אַן עק פון אַ פיש. בײַ דעם אַ טאַנץ האָט זי באַזונדערע דערפאָלגן געשניטן.

ליגן זיי גלייך, די קאָסטיומען, אויסגעסדרט, פונקט ווי דעמאָלט ווען זי פלעגט זיי אָוועקפירן אין די קאָנצערט־זאַלן צו אירע אויפטריטן.

איצט לעבט זי נאָר מיט דער גאַרדעראָב אירער. די קליידער הויכן דאָך אויף פאַר איר די רוישיקע אָוואַציעס מיט וועלכע זי איז באַשאָנקען געוואָרן. פאַר איר געהער טראָגן זיך נאָך די דאָזיקע ווייטע אָפּקלאַנגען פון די צעצאַפּלטע הענט, וואָס האָבן געפּאַטשט און געזשומעט און גע־פלאַטערט, ווי פליגלען אַרום איר; די צעשפּילטע בליקן, פול מיט ליכט, וואָס האָבן זי באַגלייט; די פאָכנדיקע באַגריסונגען ביים פאַרלאָזן די קאָנצערט־זאַלן.

דאָס לעבן הינטער איר פענצטער האָט איצט מער נישט קיין טעם פאַר איר, אויסגעלאָשן. זי היט זיך ווי ווייט מעגלעך אויס פאַר מענטשן,

פאַר באַקאַנטע. זי פילט אויף זיך דאָס פאַרבאַהאַלטענע שמייכעלע, דאָס שפּיזיק־שפּאָטישע, ווען מען קוקט איר איצט אָן. איצט, ווען איר קערפּער איז אַ געבויגענער, ווען די פיס אירע שטעלט זי קוים. די פיס מיט וועלכע זי פלעגט געשטאַלטן שאַפן: אַ שטעל אַ פוס — אַ פיגור. און זיי פלעגן שוימען פון צעהוליעטקייט, די פיס אירע, ווי אַ ווייַן ווען מען פראַפּט אים אויף.

און איר דאַכט זיך אויס, אַז קוקנדיק אויף איר איצט, לעשט זיך דער אַמאָליקער גלאַנץ, דער שיין, וועלכער האָט זי באַגלייט. די מענטשן, טראַכט זי, האָבן נקמה אָן איר פאַר די יאָרן וואָס די פאַליעס פון דער־פאַלג האָבן זי געהויבן העכער איבער זיי.

פון צייט צו צייט זאַמלען זיך ווייטער מענטשן הינטער איר פענצטער, שטעלן זיך אָפּ רעדלעכווייז.

זי שטייט דעמאָלט אין אַ ווינקל אין איר צימער, מען זאָל זי נישט באַמערקן און זעט מיט הנאה ווי יונגוואַרג, עלטערע מענטשן, רינגלען ווייטער אַרום איר הויז, קוקן פאַרבליפטע צו איר אַרויף.

דאָס געשעט דאַן ווען זי הענגט אַרויס איר גאַרדעראָב צום לופ־טערן. און פאַר דער גאַנצער געגנט ווערט דאָס אַן אַטראַקציע.

זי וווינט אין אַ שכונה פון תל־אביב, וווּ אַרום אויף די באַלקאָנען הענגען בלעכענע וואַנעס צו באָדן קינדער, באַליעס בלעכענע און קעסלען צו פאַרען וועש. אויף שטריק אַרום הענגען קינדער־העמדלעך און מייטקע־לעך. אויף די באַלקאָנען שטייען פרימוסן, וועלכע מען נוצט שוין נישט, צעבראָכענע אָנלען־שטולן און אַנדערע שברי־כלים. און ביי איר — אַ ים מיט פאַרבן, אויסטערלישע שרייאיקע פאַרבן, וואָס האָבן געדאַרפן דאָס אויג רייסן צו דער בינע. דער ווינט, דער שטיפער, כאַפּט זיך אַריין צווישן די בענדער און שלייפן און גיט זיי יעדעס מאָל אַ הייב פאַרן אויג, ווי אַ געשיקטער סוחר, וואָס וויל זיין סחורה באַווייזן: נאַ, זע! כאַפּט זיך אַריין אין די קליידער, אין די קלאָשן, פאַכעט זיי אויף ווי ער זאָל וועלן אַ נייע טענצערין דאָרט אַריינבלאָזן, אַ טענצערין אַ צאַפּלדיקע, אַ פּילבאָ־רע, ווי אַזוי נאָר דער ווינט איז. דאָס גראָע געסל ווערט אָנגעצונדן

מיט קאָלירן. די מענטשן שטייען און קענען זיך זאַט נישט אָנקוקן. און זי, די אַלטע טענצערין, שטייט אין אַ זייט און קוויקט זיך, זי זעט ווידער איר גרויסקייט פון אַמאָל.

אין וואָגל

פליטים

דער פרימאָרגן איז געווען צעגליט. רויטע פּאַליעס זענען געווען צעגאָסן אויפן מזרח־ראַנד פון הימל, און אַ העלקייט איז אין די פּאַליעס געווען, פּונקט ווי אין פלאַמען אין זייער צעשפּילטסטן ברען.

איך האָב זיך געפונען אויף אַן אָפן פעלד. דאָס איז געווען דער פערטער טאָג ווי איך בין געהאַט אַנטלאָפן פאַרן דייטש פון מיין היים־שטאָט וואַרשע, ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די רויטקייט פון הימל האָט ביי מיר אין פאַנטאַזיע אויפגעלעבט די שטאָט, די ברענענדיקע שטאָט, וועלכע איך האָב אַנגעטראָפן איבערן וועג פון מיין לויפן; אַ גאַנצע שטאָט, וואָס די דייטשן האָבן זי אונטערגע־צונדן פון דער הייך מיט צינד־באָמבעס.

די פלאַמען האָבן אין דער דאָזיקער שטאָט געבליט פון אַלע זייטן ווי רויזן. קיינער האָט זיי נישט געשטערט און פאַרהאַלטן זייער גיהנומדיקן גאַנג. גלייך דאָס זאָל זיין אַ פייער פאַר עפּעס אַ רעליגיעזן צערעמאָניאַל.

יעדעס מאָל האָבן זיי מיט זייערע צונגען אַרומגעכאַפּט אַ נייע געביידע און זי האָט אַנגעהויבן בליען אין רויטקייט.

און די מענטשן, וועלכע זענען געלאָפן אין גרויס בהלה פון די פלאַמען האָבן אויסגעזען ווי פון קופּער, צעגליט קופּער — עפּעס פייער־דיקע באַשעפענישן.

שטיל איז געווען אַרום. די אַנטלויפדיקע האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער מעכטיקייט פון דער שרפה און זענען געבליבן פאַרשטומט. ס׳האָט זיך נאָר געהערט דאָס סיקען פון די פלאַמען, פּונקט ווי ציין, ריזיקע ציין וואָלטן געפרעסן די שטאָט.

אַ פּנים, אַז איך האָב געמוזט זייער עמפּינדלעך ווערן אויף פייער, וואָרום איצט, קוקנדיק אויפן רויטן מזרח־ברעג, האָט מיר נאָר אויס־

געדאַכט, אַז דער הימל וועט זיך צעפּלאַקערן, אינגאַנצן צעפּלאַקערן, אויס־ברענען זיך.

מיך אויסדאַכטעניש האָט זיך נישט באַשטעטיקט. די פלאַמען אויפן הימל האָבן זיך געלאָשן אַזוי שטיל, אַזוי צאַרט פאַרגאַנגען, אַז ס'האָט אַזש אַ פאַרדראָס אַרויסגערופן וואָס אין אַזאַ גרוילעכער צייט איז דאָס הימל־קעניגרייך אַזוי רויק. ס'האָט זיך געשטעלט אַ זומער־פרימאָרגן אין פוילן.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט, ווו די נאַכט האָט מיך אַרויסגעלאָזט.

געוויינטלעך פלעגן די אַלע פליטים לויפן איבער די וועגן אַמ־מערסטן ביינאַכט, מחמת עס האָט ווייניקער סכנות געדראָט פון די דייטשע עראָפּלאַנען, און בייטאָג פלעגן זיי זיך ערגעץ־ווו פאַרשטופן אין אַ ווינקל.

איך האָב זיך געפונען ביי אַ דאָרף נישט ווייט פון שטעטל מאַלקין.

די גאַנצע נאַכט בין איך געהאַט געלאָפן מיטן פוילישן מיליטער.

איך האָב נישט געוווסט קיין וועג, נישט געוווסט וווהין איך לויף, איך האָב נאָר געוווסט, אַז איך דאַרף אַנטלויפן פאַרן שונא, פאַרן דייטש. אַזוי ווי דאָס פוילישע מיליטער איז אין גרויס בהלה געלאָפן פון פראָנט טיפער אין טיל פון לאַנד, בין איך מיטגעלאָפן.

איך האָב זיך די גאַנצע נאַכט געקנוילט צווישן ריזיקע רעדער פון האַרמאַטן, צווישן לויפנדיקע מאַשינעס, וואָס זענען געווען אַרומגענומען מיט פינצטערניש, מחמת זיי האָבן נישט געטאָרט געבן קיין פייער־צייכנס דעם שונא אין דער הייך.

און אַ געדראַנג איז געווען, אַ לויפעניש. אַלץ האָט געשפּאַנט, אַלץ האָט געאיילט. יעדער האָט געוואָלט אַריבעריאָגן דעם אַנדערן און זיך געשטעלט דיבאָם קעגן צוויטן. הינטערן רוקן, האָט מען געוווסט, יאָגט דער טויט.

צווישן די גאַלאָפּ־לויפנדיקע מאַשינעס האָט מען געטריבן בהמות, פערד, געשפּאַנטע אין דאָרפישע פירלעך, ציגן, אַלץ וואָס מען האָט גע־קענט ראַטעווען ס'זאָל נישט אַריינפאַלן צום שונא אין די הענט. אַ צונויפ־מישעניש פון די נייעסטע טעכנישע כלי־זין מיט פרימיטיווע האָלצערנע פירלעך, גלייך גאָטס בייטש וואָלט אַלע געשמיסן, אַלע אָן אויסנאָם.

יעדער טראָט, וואָס איך האָב געשטעלט, האָט געקענט זיין דער לעצטער, דער לעצטער אין מיין גאַנג. ווען איך האָב שוין געהאַט אין דער פינצטערניש אָנגעטאַפּט מיטן בליק מיין וועג פאָרויס, האָב איך נישט געקאָנט וויסן ווער עס וועט מיר אונטערלויפן פון הינטן, הינטער מיר. כאַפּן אַ בליק אויף צוריק איז געווען אוממעגלעך ביי דער באַוועגלעכקייט. נישט מער, דריי זיך אַזוי, דריי זיך אין דעם געווירבל, לויף, לויף, און דעם הינטער דיר לאָז אויף דעם איינזעעניש פון גורל.

און עפּעס ווי צו פאַרשטאַרקן דעם פחד, פלעגט יעדעס מאָל די שטילקייט אויפגעריסן ווערן פון רעווען פון אַ בעל־חי, אויף וועלכן מען איז אַרויפגעפאָרן.

גאָר אָפט פלעגן אָנפליען עראָפּלאַנען אויפן הימל. זיי האָבן זיך באַוויזן מיט אַ קאָלירן אייגל, וואָס האָט אויסגעדאַכט, אַז דאָס „אייגל״ אויבן זעט דיך זיכער. און דו האָסט שוין געפילט ווי פייער שיט זיך פון הימל אויף דיין קאָפּ.

אַלץ איז געבליבן פאַרשטייפט, אַלץ איז געבליבן מיט אָן איבער־געהאַקטן אָטעם. דאָס זשומען פון די עראָפּלאַנען אין דער הייך האָט אויף דיר געווירקט ווי מען וואָלט דיר איבער דיין קאָפּ־שיידל געדרעדלט. אַ פּאָר מינוט אַריבער, דאַנקען גאָט, זיי זענען אַוועק. עס בליט אין דיר אויף אַ ניי געפיל. ביזט עפּעס ווי אָן אבר, וואָס מען האָט אים געהאַלטן ביים אָפּשניידן און מען האָט אים צוריק צוגעניית צום לעבן.

דיין גרעסטער שונא איז איצט געוואָרן די לבנה. מיט איר באַווייזן זיך האָט זי דיך אַוועקגעשטעלט אָפן און נאַקעט פאַרן פנים פון שונא. אַ מערכה וואָס איבערן הימל זענען געלעגן כמאָרעס און זי האָט זיך יעדעס מאָל אַרונטערגעגליטשט אונטער זיי, ווי זי וואָלט עפּעס פאַרשטאַנען דעם ווונטש פון די געפּייניקטע מענטשן.

גייען דורך אייניקע מינוט און זי שווימט ווידער אַזוי פאַרעטעריש אָפיר. דו ביזט שוין ווידער אָפּגעדעקט. און זי לאַכט נאָך, און זי שמייכלט, די לבנה, און דו קריצסט מיט דיינע ציין.

איך וויס נישט, איך האָב די גאַנצע נאַכט דאָס געפיל געהאַט, אַז

איך בין איצט אויף דעם וועג אין דער לאַגע פון אַ פּראַש, וואָס איז פון וואַסער אַרויס און האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַזאַ פרעמדער, טרוקענער וועלט, ווו זי קען יעדע מינוט אויסגיין.

די נאַכט האָט אָנגעהויבן ווערן שיטערער, מען האָט שוין געקענט זען עפּעס פאַנאַנדערצושיידן.

ערשט איצט האָב איך אָנגעהויבן זוכן מיטן בליק די צוויי באַקאַנטע יידן מיט וועלכע איך האָב זיך תחילת אָונט געלאָזט אין וועג אַריין.

איינער פון זיי — אַ יונגער בחור פון דער ישיבה. איך האָב אים באַגעגנט אויפן וועג און האָב זיך צו אים צוגעקלעפּט. זיין איידל פּנים, זיין הויכער שטערן, זיינע פאַרטראַכטע בלויע אויגן, האָבן מיך געצויגן צו אים. בפרט זיין גרויסע אמונה אין דער גערעכטיקייט פון גאָטס מעשים האָט מיך געשטאַרקט, פונקט ווי איך זאָל זיין אַ בעל־מום אויף אַ פוס און מען האָט מיר דערלאַנגט אַ שטעקן אָנצולענען זיך.

צו אונדז ביידע איז צוגעקומען אַ ייד מיט אַ שוואַרץ־גראָער באָרד אין די מיטעלע יאָרן. ער וויל גיין איינינעם, ס'וועט זיין הימלעכער. נאָר דער אויסטערלישער גאַנג ביינאַכט אין אַזאַ געדראַנג האָט אונדז צעשיידט. איך זע נישט קיין איינעם פון זיי. יעדער איז דאָך געגאַנגען און געטראָגן זיין אייגן לעבן, ווי אַ וואַנדערער טראָגט זיין פּעקל אויף דער פּלייצע.

אויפן שאָסיי, ווו איך האָב מאַרשירט, זענען די אַלע שווערע כלים: די האַרמאַטן, קוילנוואַרפער, מאַשינעס, געהאַט אָפּגעפאָרן אַ מהלך פאַר־אויס. איך בין געבליבן צווישן היימישע דאָרפישע פורלעך מיט פערדלעך געשפּאַנט.

אויף איין פורל האָבן געשלאָפן אַ גרופּע זעלנער. ווי גרויס דאָס פורל איז געווען, איז עס געווען אָנגעפּיקעוועט און צוזאַמענגעקלעפּט מיט זעלנער. ממש איין גוף מיט אַ סך קעפּ. די ביקסן האָבן ביי אַ טייל געהאנגען אויף די פּלייצעס, אַנדערע — האָבן זיך אָנגעלענט אויף זיי. דער פאָדערשטער זעלנער, מיט אַ בייטש אין דער האַנט, וואָס האָט געדאַרפט אָנטרייבן דאָס פערדל, איז אויך געשלאָפן. אַ גרופּע שלאָפנדיקע מענטשן. דאָס פערדל איז געגאַנגען האַלב פאַרדרימלט און געשטעלט אַ טראָט ביי אַ טראָט.

נאָך דעם ביינאַכטיקן, אַנגסטיקן שפּאַנען, האָט פון דעם פּורל שלאָפנדיקע זעלנער געוויעט מיט אַזוי פיל היימישקייט, מיט רו. אַ שלאָפנדיקער מענטש, וואָס האָט אַרויפגעבראַכט אויפן דמיון אַ היים, אַ שטוב, אַ ווייב, אַ קינד.

דערווייל איז שוין דער פרימאָרגן געשטאַנען אַ רייפער. איך בין אַוועק פון שאָסיי, פון דעם מאַרשירנדיקן מיליטער.

איך האָב זיך דערפילט דערשעפּט, הונגעריק און האָב זיך געלאָזט איבער אַ פעלד אין דאָרף אַריין.

די תבואה איז שוין געווען אָפּגעשניטן פון פעלד. די שטרויעלעך, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט נאָכן שניט, האָבן געשטאָכן ווי שפּיזן און האָבן דערקוטשעט מיינע פיס. אַזוי האָב איך צוגעהאצקעט אין דאָרף אַריין.

ביי דער ערשטער כאַלופּע האָב איך אָנגעקלאַפּט אין אַ קליין פענצטערל. איך האָב אַריינגעבליקט אינעווייניק און האָב זיך צונויפגעטראָפן מיט אַ פּאָר אויגן פון אַ יונגער פּויערטע.

— עפן אויף, בעל־הביתטע, איך בין הונגעריק, איך וויל עפּעס קויפן צום עסן, עפן אויף.

זי האָט זיך איינגעקוקט אין מיר, די פּויערטע, און האָט געעפנט די טיר.

אַ זויערקייט האָט מיר אַ זעץ געטאָן צו דער נאָז. עס זענען ביי איר אין כאַלופּע געשטאַנען אַ סך טעפּ מיט זויער־מילך, מחמת זי האָט נישט געקענט צוליב די באָמבאַרדירונגען אַוועקטראָגן די געמאָלקענע מילך אין שטאָט אַריין. זי האָט מיר אָפּגעשניטן אַ שטיק ברויט, אָנגעגאָסן אַן ערדענע שיסל מיט זויער־מילך. אַז איך האָב איר אַוועקגעלייגט אַ פּאָר מטבעות האָט זי זיך מיטאַמאָל צעוויינט: „וואָס טויג מיר דאָס געלט — האָט זי געכליפּעט — יעזוס מאַריאַ, יעזוס מאַריאַ, מען זאָגט, אַז דער „שוואַב" שטעכט אויס די אויגן ביי די ווייבער און די קינדער, ווו ער קומט אַריין. יעזוס מאַריאַ!"

איך האָב איר געטרייסט: „אין שטאָט זאָגט מען פאַרקערט, אַז

פרויען און קינדער וועט ער נישט טשעפען. איבער דעם לויפן דאָס אַזוי פיל מענער איבער די וועגן".

זי האָט אויסגעווישט די אויגן מיטן פאַרטוך און האָט מיר אָנגעהויבן אַרויפגיסן אַ סך סמעטענע אויף דער זויער־מילך.

איך האָב איר איבערגעלאָזט די מטבעות און בין אַרויס מיט דער שיסל זויער־מילך, הינטער דער כאַלופּע.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ לאַנגן קלאָץ, וואָס איז געלעגן איבערן דאָרפישן הויף אירן מיט. שטאָל אַרום פאַר בהמות, פאַר פערד, פאַר חזירים.

עופות האָבן זיך געדרייט איבערן הויף מיט אַזאַ רויקייט, אַז ס'איז זיי געווען מקנא צו זיין. אָפּגעפּאַרטיקט מיטן עסן האָב איך געזוכט ערגעץ אַ ווינקל, ווו זיך צו קענען צושפּאַרן.

נישט ווייט פון הייפל, צו אַ פעלד צו, איז געשטאַנען אַ בוים מיט בארעלעך. איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אין זיין שאָטן. די אויגן זענען ביי מיר געווען גלאָזיק, די נערוון — שטייף ווי דראָטן. איך בין געלעגן וואַך און סתם אַזוי געקוקט. מיטאַמאָל האָט דער בוים, דער באַרעלעך בוים, מיך פאַרטראָגן אין מיין שטעטל. פון אַזאַ בוים פלעג איך קלאַפּן באַרעלעך, ווען איך בין אַהיימגעגאַנגען פון חדר, מיט שטיינער, מיטן היטל, פלעג איך זיי אַראָפּקלאַפּן. די באַרעלעך פלעג איך אַוועקלייגן אין שטרוי און זיי זענען געוואָרן זיס ווי ראָזשינקעס. זייער ריח דופטעט אַרויס פאַר מיר יענע צייט, אונדזער שטוב.

איך ליג אַזוי אַרומגענומען מיט היימישקייט, פאַרגעס אין דייטש, אין זיינע באָמבעס, פאַרגעס, אַז איך געפין זיך אויף אַן אָפן פעלד און דרימל איין.

ווי לאַנג איך בין געשלאָפן האָב איך נישט געוווּסט. די זון האָט שוין אָנגעהויבן קלעטערן צום מיט הימל. אַפּנים ס'האָט געמוזט זיין אַרום האַלבער טאָג.

איך בין צוריקגעגאַנגען אויפן הייפל.

אויפן קלאָץ זענען געזעסן אייניקע מענער און פרויען, אַלע יידישע פּליטים, און האָבן געגעסן זויער־מילך מיט ברויט.

מיין אָנקום אויפן הויף מיט אַ זייטיקן וועג האָט געצויגן ביי די אַרומיקע אַזאַ אויפמערק.

ביי די פליטים, נאָכן פאַרלאָזן די היימען, די אייגענע, באַקאַנטע, זענען די בליקן פאַרשאַרפטע, בלאָנדזשענדיקע. רק מען זוכט אין יעדן מענטשן עפּעס אַ נאָענטן, אַ שייכותדיקן.

איך גיי צו נענטער צום קלאָץ און הייב אָן פרעגן: „פון וואַנעט? פון וואַנעט קומען יידן?

עס פאַלן ענטפערס: „פון אַלעקסאַנדער", „פון גראָכיוו", „פון קראַשניק".

איינע אַ פריילין רופט אָן: וואַרשע.

ביי מיר האָט אַ סטרונע אַ צאַפּל געטאָן: וואַרשע, די שטאָט ווו איך האָב ערשט געלעבט, געווען געבונדן מיט איר מיט אַלע מיינע נערוון־פעדים.

— פון וועלכער געגנט? — פרעג איך זי, אָבי צו ציען מער פּרטים וועגן דער שטאָט.

— פון דער יידישער, פון מוראַנאָוו — ענטפערט זי.

— און איך בין פון גענשע.

— אַזוי? — האָט זי אַ שמייכל געטאָן מיטן בליק.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, זי וויל אַריינטראָגן דאָס שיסעלע פון זויער־מילך דער פויערטע. און האָט מיך געבעטן כ׳זאָל אַ בליק־טאָן אויף איר טשעמאָדאַנטשיק, וואָס זי האָט געהאַט מיט זיך.

— מיט פאַרגעניגן, גייט, גייט.

די דאָזיקע פריילין האָט אויפגעבליט אין מיין דמיון אַן ענלעכקייט פון אַ פרוי, וועלכע איך האָב ערשט נישט לאַנג געזען.

אויך יענע האָט געהאַט אַזאַ קלאָר רונדיק פנים, באַהויכט קוים־קוים מיט ראָז, מיט העלבלאָנדע האָר און מיט אַ פּאָר אויגן פון אַ הון — אויגן שוואַרץ־גראַנאַטענע, פוכלע, וואָס אין זייער טיף, אויפן דנאָ, שפּיגלט עפּעס אַ גאָלדקייט פון רענדלעך.

קען זיין, ווייל דאָס איז געווען אויף אַ חתונה און זי, די כלה, איז געשטאַנען אונטער דער חופּה מיט ליכט אין די הענט אַרומגערינגלט,

מיטן שלייער אויפן קאָפּ, טרעט דאָס בילד נישט אָפּ פון מיר און זוכט ענלעכקייט. זי איז אַרויסגעקומען פון דער כאַלופּע, גענומען דעם טשעמאָדאַנטשיק און — אָנגעהויבן גיין.

מיט די טריט אירע, האָט מיר אויסגעדאַכט, ווי זי וואָלט מיך איינגעלאַדנט, ווי זי וואַרט אויף מיר מיטן שטעלן דריבנערע שפּרייזן. די שפּיצן פון אירע פּאַנטאָפּעלעך האָבן עפּעס, ווי בליקלעך, געקוקט אין מיין זייט, הגם דאָס פּנים אירס איז געווען געווענדעט אויפן וועג אַרויס.

איך בין איר נאָך:

— אויב איר ווילט, וועלן מיר גיין אינאיינעם?

זי האָט ווייטער נישט געענטפערט מיטן מויל, נאָר געשטעלט די טריט גלייך מיט מיינע. זי האָט דאָס באַשטעטיקט מיט איר גאַנג.

ביי דעם ערשטן פויער וועלכן כ׳האָב אָנגעטראָפן, האָב איך געפרעגט:

— ווהין פירט דער וועג?

— האַלט זיך פּאַזע די פעלדער וועסטו אָנקומען אין שטעטל מ.

— וויפל קילאָמעטער?

— ביי אַן אַכצן.

זענען מיר געגאַנגען. איך האָב איר אייניקע מאָל געוואָלט העלפן טראָגן דעם טשעמאָדאַנטשיק און זי: „ניין און ניין, איר האָט דאָך אויך אַ פּעקל צום טראָגן, ס׳וועט אייך זיין שווער״.

דער וועג האָט פאַר אונדז כסדר אונטערגעטראָגן מכשולים, וועלכע מיר האָבן זיי ביידע געמוזט בייקומען.

דאָ איז אונטערגעקומען אַ ראָוו איבער וועלכן עס איז אַמאָל אַ בריקל געלעגן. דאָס בריקל איז צעשעדיקט געוואָרן. קען זיין, אַז גורם געווען דערצו האָט די מלחמה. און מיר האָבן געמוזט דורכקלעטערן, אַריבערוואַרפן אונדזערע חפצים, שפּרונגען און קריכן. דאָ איז אַ הונט געשטאַנען, גרויס ווי אַ קאַלב און האָט אונדז פּשוט אויסגעקוקט, אונדז אַקעגנגעהאַווקעט אויף ווו־וווייט.

אָפּטיילן זיך איינער פון אַנדערן איז שוין איצט קיין פראַגע נישט געווען. יעדן טריט וואָס מיר האָבן געשטעלט אין דער אומבאַקאַנטקייט

האָט אונדז געבונדן און געקנופּט. און דאָ ליגט נאָך איבער די וועגן די שרעק, די סכנה פאַר די דייטשע עראָפּלאַנען, די אויסגעוואָרפנקייט פון די היימען, דאָס אַלץ פירט צונויף.

די זון איז היינט מיט רחמים, באַקט נישט אַזוי ווי די ערשטע טעג, ווען מיר האָבן די שטאָט פאַרלאָזט. אפשר האָבן מיר זיך צוגעוווינט צו דער נאַקעטער זון איבער פעלדער? איבער שליאַכן?

אַז מיר זענען אַזוי געגאַנגען אַן ערך ביי אַ שעה צייט האָט פון צווישן די ביימער אַרויסגעבלאַנקט אַ שמאָל טייכל.

אַך, ווי ליבלעך קוקט צו דיר אַ וואַסער, ווען די ערד איז בייז און צאַרניק אונטער דיינע פיס? עפּעס אַ פרישע אָפּוועקסלונג.

די פריילין האָט זיך טאַקע אָפּגעשטעלט, צו מיר געקוקט.

— וואָס, איר ווילט צום טייך?

— יאָ.

מיר זענען אַריבער אַ פעלד און אָנגעקומען צום טייך.

דאָ איז געווען שטיל און קיל. דער ברעג פון וואַסער איז געווען באַזיימט מיט ביימער.

מאָדנע, ווי נאָר די פריילין, אַדעלאַ איז געווען איר נאָמען, האָט זיך צום טייך דערנענטערט, איז זי אַזוי טעטיק געוואָרן, פּונקט ווי זי וואָלט אַריין צו זיך אין באַלעבאַטישקייט.

עפּעס ווי אונטערצושטרייכן, אַז מיר געהערן צו צוויי מינים, איז דער טייך אונטערגעקומען.

זי האָט דאָ ערשט אויפגעפּאַכלט פאַר מיר ווי אַ פרוי מיט איר גאַנצן רייץ.

זי האָט אַרויסגענומען פון איר טשעמאָדאַנטשיק אַ פּאָר פאַרביקע בלוזקעלעך, אַ פּאָר טיכלעך. אויך מיינע אַ ווייסוואַרג, זיך אָוועקגעשטעלט אין וואַסער, וואָס איז געגאַנגען העכער ווי אירע קני און גענומען זיי איבערשווענקען. די וואַסערלעך זענען אַזוי היימיש געווען מיט איר, מיט אירע הענט. זי האָט זיי געפּלעסקעט און זיי האָבן זיך געבלעזלט, גע־באַמבלט אַרום איר.

פון דעם טייך האָט זי ממש אַרויסגעבליט, אַרויסגעבליט מיט אירע בלאָנדע האָר, וואָס האָבן זיך ביי איר צעלאָזט, מיט איר קלאָרן נאַקן און מיט די פיס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פאַרשווומענע האַלב אין וואַסער.

איר אָפּשפּיגלונג אינעם טייך האָט זי עפּעס געמאַכט פאַר נישט קיין ערדיש באַשעפעניש.

זי האָט איינס־צוויי אויסגעדרענגט די פּאָר שטיקלעך גרעט און זיי צעהאַנגען איבער די ביימער, דאָ ווו די זון האָט דערגרייכט.

מיר האָבן זיך אַרומגעוואַשן, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ טיפן גראָז. די וועש איז געווען צעהאַנגען אַרום אונדז.

נאָך די טעג פון וואַגלען אַליין איבער די וועגן האָט דאָס עפּעס אַזאַ אידיליע געשאַפן.

מיר האָבן אַרויסגענומען עסנוואַרג פון אונדזערע זאַפּאַסן און פאַרגעברייט אַ מאָלצייט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַדעלאַ האָט נאָך פון דער היים פּאָווידלע און שמאַלץ. דאָס האָט מיר עפּעס געלאָזט פילן די באַלעבאַטישקייט פון זייער הויז.

אָפּגעגעסן, האָבן מיר געמאַכט איין פּעקעלע פון אונדזער עסנוואַרג.

מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט, די הענט אונטערן קאָפּ און געוואָלט אַביסל רוען, רוען, פאַרגעסן אין אַלעם. נאָר די זון וואָס האָט זיך געהאַט צעבלאַנקט אין דעם העלסטן בלענד אידער זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף מערב האָט אונדז דערמאנט, דערמאַנט, אַז מיר זענען אויף אַ פעלד, די נאַכט רוקט־צו. און ווו וועלן מיר זיך אַהינטאָן? דערגיין ביז דעם שטעטל איז שוין געווען שפּעט.

מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט, פאַרפּאַקט אַלץ און געלאָזט זיך אויף בלינד זוכן ערגעץ אַ נאַכטלעגער.

אַז מיר זענען אָנגעקומען אין דאָרף האָבן מיר דערזען פאַר זיך אַ שרעקלעך בילד: אַ מוטער איז געשטאַנען, אַ יידישע מוטער און האָט געריסן די האָר פון קאָפּ, געבראָכן קראַמפּהאַפט די פינגער פון די הענט און יאָמערלעך געוויינט. זי האָט בעת אַ געלויף ביי אַן אָנפאַל פון דייטשע באָמבאַרדירער פאַרלוירן איר אַכט יעריק מיידעלע און זי קען זי נישט

געפונען. זי לויפט שוין אַרום אַ גאַנצן טאָג אין דער סביבה און זי האָט נישט דאָס קינד.

די פויערטעס זענען געשטאַנען אויף די שוועלן פון זייערע כאַלופּעס און האָבן געווישט די טרערן מיט די פאַרטוכער.

איין פויערטע, גערירט פון געוויין פון דער מוטער, האָט אונדז אַריינגענומען און אונדז פאַרקויפט אַ לאַנג ברויט, אַ יקר המציאות, פאַרקויפט אונדז שמאַנט.

איבערן וועג האָבן זיך אָנגעהויבן קרייזלען עראָפּלאַנען אַזוי נידעריק, אַז מען האָט געזען די שוואַרצע האַקן־קרייצן. מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן משוגענערווייז הינטער אַ בוים, אונטער אַן אָפּדעכל פון אַ שייער, אַבי נישט בלייבן פּנים אל פּנים מיט די דייטשע מחבלים. בעת דער גאַנצער צייט פון לויפן האָבן מיר געהאַלטן די הענט צונויפגעפלאָכטן, כדי מיר זאָלן זיך נישט פאַרלירן. די שרעק פון דער מאַמען פון איר פאַרלוירן קינד איז אונדז נאָכגעגאַנגען.

די עראָפּלאַנען זענען אַוועק. מיר האָבן ווייטער אָנגעהויבן שפּאַנען און די הענט אַלץ נישט אַרויסגעלאָזט איינע פון דער אַנדערער.

פון דער ווייטנס האָבן מיר געזען אַ וועלדל, אַ יונג בעריאָזע וועלדל. נישט צו זאָגן זיך אַ וואָרט האָבן מירביידע אָנגעהויבן גיין דערצו. די ווייסע שטאַנגען פון די ביימלעך מיט די צעבליטע גרינע קעפּ האָבן אונדז געצויגן, ווי דאָס זאָלן זיין זיילן, ווייסע זיילן פון אַ פּאַלאַץ.

מיר זענען אַריין אין וועלדל און האָבן זיך אַזוי גוט געפילט. אַ פרישער גראָז איז געווען אויסגעבעט צווישן די ביימער.

ביי אַדעלאַן האָבן זיך די אויגן צעלויכטן. איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז זי האָט געמוזט דאָס אָרט באַשטימען פאַר אונדזער אויפהאַלט דאָ. איך האָב איר נישט געוואָלט איבערפרעגן. איך האָב איר נאָר געזאָגט:

— נו, גוט, אַדעלאַ, וואָס וועלן מיר אָבער טון מיט וואַסער? מען דאַרף זען צי עס איז פאַראַן וואַסער אין דער געגנט.

— איך האָב אַביסל וואַסער אין אַ פלאַש.

— איז גוט, אַבי ס׳וועט ס׳טייען איבער נאַכט.

מיר האָבן גאָרנישט גערעדט.ביידע האָבן מיר אויסגעמיטן אַ וואָרט צו זאָגן. אָבער ביידע האָבן מיר שטומערהייט באַשטימט, אַז מיר וועלן דאָ איבערבלייבן אין וועלדל, איבערבלייבן ווען די נאַכט וועט זיך אַראָפּ־לאָזן און אונדז איינהילן מיט איר דעק. מיר זענען געזעסן און געוואַרט, געוואַרט. די הערצער האָבן אָנגעהויבן שטאַרקער קלאַפּן און די בליקן, ניין, מיר האָבן יעדעס מאָל אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט די בליקן, אַזוי צעשפּילט זענען זיי געווען.

נישט ווייט פון אונדז האָבן מיר געזען ווי זעלנער פון דער פּויליש־שער אַרמיי באַוועגן זיך הין־און־צוריק.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט, דערנענטערט זיך צו זיי און באַ־מערקט, אַז דאָ איז אַ מיליטערישער פּונקט.

אויף אַ ווייס צעמענט־הייזל האָט געהאָנגען אַ גרויסע שילד: „מיליטערישע קאַנטינע״. אויפן דאַך פונעם הייזל איז געשטאַנען אַ קוילנ־וואַרפער.

איך בין אַוועק צוריק צו אַדעלאַ און האָב איר דאָס איבערגעגעבן. ביידע האָבן מיר דאָס אָנגענומען פאַר אַ שוץ, זיך זיכערער אָנגעהויבן פילן, נאָך די הפקרע וועגן.

דערווייל האָבן זיך שוין באַוויזן שאָטנס פון די ביימער אויפן גראָז. מיר האָט דאָס אויסגעדאַכט, ווי טיכער וואָלטן זיך געשפּרייט פאַר אונדז.

אַדעלאַ האָט צעלאָזט די האָר, זיי אָנגעהויבן קעמען. מיר האָבן אויסגעקליבן אַ בוים, אַ מער פאַרצווייגטן און אַוועקגעלייגט אונדזער פּעקל צו קאָפּנס.

אַדעלאַ טוט דאָס אַלץ, אויסמיידנדיק צו קוקן אין מיין זייט.

פּלוצלונג האָט זיך געהערט אַ זשומשעריי פון עראָפּלאַנען. מיר הייבן אויף די אויגן, אַן עסקאַדרע עראָפּלאַנען לאָזט זיך, לאָזט זיך, יאָ, צום וועלדל, אין דער ריכטונג. אָט זענען זיי שוין איבער אונדזערע קעפּ.

מיר כאַפּן זיך ביי די הענט, פאַרקוועטשן די אויגן ביז, ביז די געפאַר וועט אַריבער.

נאָר אָט גיט אַ זעץ אַרויס אַ פלאַם, ווי אַ לאַווע פון אַ פייער־באַרג, אַ בוים ברענט, נאָך איינער, אַ דריטער. צונגען, פייער־צונגען שפּרונגען אויף. יעדעס מאָל הערט זיך אַ טראַסק, אַז דאָס וועלדל ציטערט אויף, און פרישע פלאַמען שפּרונגען אַרויס, פּונקט ווי מען זאָל אַראָפּלאָזן דאָס גיהנום אויף אונדזער ערד.

מיר שפּרונגען אויף, לויפן פון איין אָרט צום אַנדערן. מיר לויפן צווישן פלאַמען. דאָס פייער שפּילט זיך מיט אונדז. אָט זענען מיר ערשט געשטאַנען ביי אַ בוים, אַוועק פון אים און שוין איז ער אַרומגעכאַפּט פון פלאַמען. מיר לויפן צו אַ צווייטן בוים, אַ דריטן. פלאַמען פון אַלע זייטן.

דיביימער לייכטן אַזוי ווי קין.

דער קוילנוואַרפער אויפן דאַך פון דער קאַנטינע האָט אָנגעהויבן שיקן זיינע קוילן, שטעפּן, שטעפּן מיט אַ גיכקייט. מיטאַמאָל — טררררראַך, אַ באָמבע איז געפאַלן אויפן דאַך און דער קוילנוואַרפער איז געבליבן פאַרשטומט.

און די ביימער קנאַקן מיט אַזאַ לוסט, ברענען אַזוי העל. עפּעס ווי אַ יום־טוב האָט עס אויסגעזען אין וועלדל.

מיר לויפן זיגזאַגיש אויסצומיידן די פלאַמען און — אַ ברענענדי־קער בוים איז אומגעפאַלן צווישן אונדז און אונדז פאַנאַנדערגעשיידט.

דאָס שיטן די צינד־באָמבעס האָט אויפגעהערט. דאָס וועלדל האָט געברענט שטיל, עפּעס ווי אַ ליכטל צו אַ תפילה. אויף ערטער האָבן די פלאַמען זיך אָנגעהויבן אַראָפּזעצן.

איך לויף און שריי: „אַדעלאַ!", „אַדעלאַ!" קיין ענטפער.

אָט טרעף איך אָן אויף אַ פאַרברענטן מענטשן, נאָך איינעם. די זענען זעלנער. זיי ליגן פאַרקוילט, שוואַרץ.

איך לויף שוין איצט מיט ציטערניש. ניין, ניין, שריי איך צו זיך, נישט מעגלעך, נישט מעגלעך, זי לעבט, זי לעבט זיכער, געמוזט ערגעץ פאַרבלאָנדזשען, מן הסתם ערגעץ־ווו פאַרלאָפן אין וועג.

די פלאַמען האָבן שוין אָנגעהויבן אויסגיין. מיך האָט דאָס אויפסניי געשראָקן. איך וועל אַפילו נישט וויסן, נישט זען. איך לויף, לויף, ווי לאַנג

איך זע נאָך ביי די קוילן עפּעס צו אונטערשיידן און — ביי אַן אויסגע־ברענטן בוים, וואָס איז געשטאַנען שוואַרץ, דראָענדיק שוואַרץ, איז געלעגן אַדעלאַ. זי איז געווען אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג. זי איז געווען שוין אויסגערייכערט. איר הויט האָט באַקומען אַ קאָליר פון לעבער.

אין יענע טעג

קאַפּיטל איינס

ס׳איז געווען אין שפּעטן האַרבסט פון 1941, ווען די וועלט האָט זיך ראַשיק געקייקלט אין אָפּגרונט. די היטלערישע חילות האָבן געהאַט באַצוווּנגען און צעקוועטשט אײן לאַנד נאָכן אַנדערן און זענען איצט געלאָפן איבערן גרויסן און ברייטן שטח פון רוסלאַנד.

הונדערטער טויזנטער יידן האָבן עוקר געווען פון זייערע היימען אונטער דעם שפּייענדיקן פייער פון די דייטשע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן פריי און אומגעשטערט אַרומגעקרייזט איבער די וועגן, און איך — בתוכם צווישן די אַנטלויפנדיקע.

אין דעם געלויף, ווו דער מענטש איז געגליכן געווען צו אַ שפּענדל אויף אַ שליידערנדיקער כוואַליע, אין דעם געלויף בין איך אויסגעשפּיגן געוואָרן אין סאַמאַרקאַנד (אַ שטאָט אין מיטל־אַזיע, וועלכע געהער צו דער גרויסער רוסישער אימפּעריע).

דאָ האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן מענטש גאָר אַ נייער גרויזאַמער שונא — די נויט.

און געאַרבעט האָט זי, די נויט, ווי עפּעס אַ געשיקטער מייסטער — אַ סקולפּטאָר, וואָס האָט מיט דער דליטע געהאַקט איבער מענטשלעכע פּנימער.

די באַקן זענען ביי אַלע געוואָרן אַרומגעטעסעט, די נעז — בולטער אַרויסגעזעצט און די אויגן, אונטער בלאָע צייכנס — טיפער אין קאָפּ אַריינגעהאַקט. און שפּיזיק זענען די אויגן געוואָרן, אַז ס׳איז שווער געווען אויסצוהאַלטן זייער בליק.

אָבער דאָס זענען נאָר געווען אויסערלעכע סימנים. אינעווייניק, אינעם מענטשלעכן אָרגאַניזם, האָבן אָנגעהויבן שפּילן פאַרשידענע מחלות: דיזענטעריע, טיפוס א. א.

גלייך האָבן זיך אָנגעהויבן זען איינזאַמע קברים, אויסגעוואָרפענע פון היים און אייגענע, אויף די ליימיקע בית־עלמינס פון אוזבעקיסטאַן.

דאָ, אין סאַמאַרקאַנד, איז צוגעטיילט געוואָרן ברויט פאַר אַ מענטש לויט אַ וואָג פון גאָלד — אויפן גראַם: 400 גראַם אַ טאָג, וואָס די פּעניצלעך, וועלכע מען האָט געשניטן פון דער ברויט־פּאָרציע, זענען ענלעך געווען צו די בלעטעלעך גאָלד.

איך, דערהאַלטנדיק די פּאָרציע, בין געשטאַנען אין אַן אייביקער מלחמה מיט זיך אַליין. געררייצט תמיד פון אַ נישט געשטילטן הונגער, האָב איך באַין אופן נישט געקענט איינטיילן דאָס שטיקל ברויט אויפן גאַנצן טאָג.

אינאיינעם מיטן דערהאַלטן די ברויט־פּאָרציע זענען ארויסגע־שפּרונגען פראַגן, שפּיזיקע, ווי די שפּרונג־מעסערס: נו, וואָס? וואָס הייבט מען אָן טון? אויפעסן איצט די ברויט־פּאָרציע? שפּעטער? פּאַרן שלאָפן גיין? איך האָב דאָס נישט געקענט צעפּיצלען. און וויפל פאַרוווּרפן איך האָב זיך נישט געזאָלט מאַכן, באשר ביי מיר איז אַ צעבאַלעוועטע נאַטור, אַ צעברויזטער מענטש, קען זיך נישט צוימען, איז צומאָרגנס ווידער גע־ווען דאָס אייגענע: אָדער איך האָב די פּאָרציע איינגעשלונגען באַלד אינדערפרי און זיך דערנאָך אַ קיילעכדיקן מעת־לעת אַרומגעדרייט נישט צו נעמען אין מויל אַריין, אָדער איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט דער ברויט־צוטיילונג אַ שטיק אויפן טאָג, און פאַרקלעמט שוין אינגאַנצן, צונויפגעצויגן פון הונגער, האָב איך זי איינגעשלונגען מיט עטלעכע ביס.

אמת, עס פלעגט זיך אָנרופן אין מיר אַ פאַרטיידיקונג בנוגע מיין האַנדלונג.

איך קען נישט זיין קליינלעך, איך קען נישט אַזוי מעסטן מיט אַ שפּאָ־גאַטל דעם אויקעץ ברויט ווי אַנדערע טוען. איך נעם טאַקע אַוועק די אויגן, זעענדיק ווי אַנדערע טיילן זיך איין די פּאָרציע ברויט לויט אַ מאָס פון אַ שטריקל. איך זע דערין שפלות, אַזוי פיל מענטשלעכע שפלות.

נאָר דער אמת איז געווען, אַז איך בין אייביק געווען אין אַ צו־שטאַנד ווי אַ שכור. דאָס נישט־דערעסנקייט האָט געשפּילט אין מיר, ווי אַ געהעכערטע טעמפּעראַטור, האָט מיך אַרויסגענומען פון דעם רעאַלן צו־

שטאַנד. אַלע חושים זענען ביי מיר אַזוי וואך געוואָרן, אַזוי אויפגעשפּיצט געוואָרן. איך האָב שאַרפער געזען מיט די אויגן, מיין געהער איז געוואָרן וואַכער, און דאָס האַרץ — האָט כסדר געשפּילט. און אַלע חושים האָבן איין באַגער געהאַט: עסן.

ביי דעם מצב איז מיר שווער געווען אַזוי פּעדאַנטיש צו וועגן און מעסטן.

די שעהן פון טאָג פלעג איך נאָך ווי־נישט־איז צעררייבן אום צו פאַרגעסן די שטענדיקע פּלאָג פון הונגער.

איך פלעג אַרומקריכן אויף די באַזאַרן, ווו מען האָט פאַרקויפט עסנוואַרג. קיין געלט צו קויפן האָב איך נישט פאַרמאָגט, אָבער עס האָט מיך שטאַרק געצויגן צו זיין נאָענט, ווו דאָס עסנוואַרג געפינט זיך. דאָ, אויף די באַזאַרן, האָט מען אומלעגאַל, אַז די פּאָליציי זאָל נישט באַמערקן, געקענט קויפן אַ לעפּיאָשקע (אַזאַ אוזבעקיש פּלעצל), אַ געבראָטענעם זיסן בוראַק, אַ מין צוואַרעך אוזבעקישן, קישמיש (ראָזשינקעס). און די גליק־לעכע, די וועלכע האָבן פאַרדינט ביים אומלעגאַלן האַנדל אָדער די וועלכע פלעגן גאַנץ איינפאַך גנבענען אויף די שטעלעס, ווו זיי האָבן געאַרבעט, האָבן טאַקע געגעסן פון דעם רחבות אויף די באַזאַרן. אַזאַ איינער פלעגט קויפן אַ פּלעצל, צוואַרעך, קישמיש און אַריין אין די אוזבעקישע טריבע טשייכאַנאָס (טיי־הייזער) און פראַווען אַ מאַלצייט ביי אַ טשייניקל טיי. אַרום פלעגן זיצן די הונגעריקע, די וועלכע האָבן געלעבט בלויז אויף דער ברויט־צוטיילונג, און פרעסן מיט די ברענענדיקע אויגן דעם בעל־אכילה מיטן עסנוואַרג איניינעם.

אַזוי פלעגן דורכגיין די טעג.

ערגער זענען געווען די נעכט.

אין די ליימענע קיביטקעס (ערדענע הייזלעך), ווו מען איז ס'רוב געשלאָפן אויף דער גאָלער ערד, אָדער אין בעסטן פאַל אונטערגעלייגט די פופייקע (אַזאַ מין וואַטענער שפּענצער, וואָס האָט געדינט פאַר אַן אויבער־מאַנטל מיטן קאָסטיום איניינעם), איז שווער געווען עס זאָל זיך עפענען דער טויער פון שלאָף און דו זאָלסט דאָרט אַנטרינען. דער הונגער פלעגט זיך איצט אָפּרופן פון אַ גאַנצן טאָג און דיך נישט לאָזן פאַרגעסן אין זיך.

אין הארץ פלעגט אזוי נאגן, נאגן פונקט ווי עס וואלט דארט עפעס א באַ־שעפעניש געלעגן און געזויגן פון דיר דאס בלוט, דעם מארך פון די ביי־נער. דו האסט געפילט ווי מען הוילט דיך אויס, דו ווייסט ווערן הוילע ביינער, ממש הוילע ביינער, וואס א דין הייטל וועט זיי צוזאמענ־האלטן — דאס וועט ווערן פון דיר.

אפטמאל פלעגט א היץ מיך באשלאגן, דאס פנים האט ביי מיר אנגעהויבן ברענען. דאס איז עפעס א טרייסט געווען פאר מיר, אז ביי מיר שפילן זיך נאך כחות, אז אין מיר גייט נאך עפעס אויף. איך פלעג אליין שמייכלען צו זיך, זעסט ? האסט זיך צעבליט גאר, באקומען רויטע בעקע־לעך. איך האב די דאזיקע היץ, הגם נישט קיין נאטירלעכע, אלץ ליבער געהאט ווי די אויסגעמאגערטע חלשותדיקע הונגער־בלייכקייט. איך האב די דאזיקע היץ באצייכנט ווי דעם יום־טוב פון הונגער, דער פייערלעכער יום־טוב, דער צעלויכטענער, דער צעשפילטער.

אין אזא מאמענט וואלט איך גערנער געווען געוואלט שטארבן, אידער אן איינגעקארטשעטער אין קראמפן־טויט, עפעס ווי א שרץ.

אין אזא מאמענט איז מיר אויך לייכטער געווען זיך ארויסצוציען פון דער ווירקלעכקייט, פון דער גאנצער ארומיקייט. איך פלעג ליגן וואך און זיך אוועקלאזן אויף די פליגלען פון חלומות. אויף דער דא־זיקער היץ האב איך זיך א הייב געגעבן, און בין פארטראגן געווארן אין א ספערע אריין, ווו עס האט זיך געפונען פון כל טוב, ממש וואס איך האב זיך נאר געווונטשן.

איך פלעג פארשלונגען ווערן פון די אלע זעאונגען ביז צו פארלירן די שליטה איבער זיך און האב זיך גערן אונטערגעגעבן די אלע טרוי־מערייען.

פארשטענדלעך, אז אלע בילדער האבן זיך געדרייט ארום עסן. פאר זיי, פאר די טעפ עסנס, וואס האבן זיך מיר איצט געוויזן אין דמיון, זענען אפגעטרעטן די אמאל אויסגעחלומטע מיידלעך, אין לבנה־נעכט אנגעטאן אין ווייסן, וואס האבן מיט אזוי פיל גראציע זיך געטוליעט צו מיר. איצט איז קיין זכר נישט געבליבן פון דעם. אבער אין די איצטיקע חלום־בילדער איז אויך געווען פארמישט א פרוי. אבער גאר אן אנדערע, גאר אן אנדערע.

ס׳רוב פלעגט זיך מיר ווייזן אַ מיידל, וואָס האָט געאַרבעט אַלס אַ קעלנערקע אין אַ רעסטאָראַן. זי שמועסט זיך מיט מיר אָפּ, איך קום אַריין אין רעסטאָראַן, ווו זי אַרבעט, כלומרשט אַלס גאַסט. איך זעץ זיך ביי אַ טישל און זי דערלאַנגט מיר אין פּאַרציע נאָך דער אַנדערער, און איינע איז בעסער פאַר דער אַנדערער. און דער עיקר, ברויט וויפל איך וויל. און צום אַוועקגיין שטופּט זי מיר אונטער אַ פּאַרפּאַקט פּעקעלע. קיינער זאָל נישט באַמערקן. אַז איך גיב אין דרויסן אַן עפן דאָס פּעקעלע, ווערט מיר ליכטיק אין אַלע אברים; פלייש, געבראָטענע, געהאַקטע, און גאַנצע הורמעס מיט ברויט.

אין אָוונט טרעף איך זיך מיט דעם מיידל אָבער די ליבע־סצענעס זענען אומבאַדייטנד, דער עיקר, זי ברענגט מיט עסן, עסן, עסן, טעפּ, סלאָיעס. און אַלע זענען זיי פול, פול — — —

איך ווער אַזוי מיד, דער קאָפּ ווערט מיר שווער און איך שלאָף איין.

אין איינעם אַ פרימאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען און בין געבליבן שטיין פאַר גאָר אַ נייעם פּראָבלעם: ווי אַזוי גייט מען אַרויס אין גאַס.

אינדרויסן האָט געשיט אַ נאַסער שניי, ער איז אין לופט שוין צעגאַנגען, דער שניי, און איז געפאַלן אויף דער ערד אין אַ קאַלטן פּלעטש.

גראַד האָט דעם ווינטער אין אוזבעקיסטאַן געשנייט, וואָס דאָס איז דאָרט אַ זעלטנקייט. די איינגעבוירענע האָבן טאַקע געזאָגט, אַז די פּליטים האָבן דאָס מיטגעבראַכט פון זייערע מקומות. דאָס איז געווען אַ גורם פאַר אַ נייער שנאה.

איך האָב באַטראַכט מיינע שיך, זיי אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן און בין געבליבן שטיין פאַר דער האַרבער פראַגע: וויאַזוי זאָל איך אַרויסגיין אין זיי?

ביי די שפּיצן האָבן זיך די זוילן געהאַט אַוועקגענומען. און זיי האָבן אַרויסגעקוקט מיט די שפּילקעס, די שפּיצן, ווי אַ חיה מיט אויפגעשאַרצטע ציין. וואָס הייבט מען אָן טון? איך מוז דאָך גיין אָפּנעמען די ברויט־צוטיילונג אויף די קאַרטן, מאָרגן וועט דאָך שוין נישט גילטיק זיין די היינטיקע דאַטע, איך פאַרשפּיל די פּאַרציע ברויט.

איך בין געפאַלן אויף אַן אַלטער המצאה: צובונדן די זויל מיט

אַ שטריקל. איך הייב אָן מייסטרעווען, צי איין, בינד אַרום, וויל אַלץ דאָס חיהשע מויל מיט די שפּילקעס פאַרמאַכן, פאַרמאַכן איין מאָל פאַר אַלע. איך טו אָן די שיך, גיי אַרויס, ביי די ערשטע פּאָר טריט לאָכט זיך דאָס וואַסער אויס פון אַלע מיינע אויפטוען. אַ שניידיקע נעציקייט כאַפּט אַרום מיינע פיס. איך טאָפּטשע, טאָפּטשע אין די קאַלטע שנייען און פיל ווי די קעלט הייבט אָן אין מיר אַרומלויפן, פונקט עפּעס ווי אין אַ חורבה מיט אויסגעהאַקטע פענצטער. אין די ביינער פיל איך אַ שוידער. און מחמת עס זענען אומגעגאַנגען קראַנקייטן, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך באַקום היץ, לייג זיך אַוועק איניינעם מיט די טויזנטער, וועלכע ליגן אין שטאָט. ווער ווייס? מיך האָט נישט אַזוי געשראָקן דער טויט ווי די עלנדע, פאַרוואַרלאָזטע קברים פון די פּליטים, פאַרגעסענע פון גאָט און לייט אויף די כמורנע בית עלמינס פון אוזבעקיסטאַן.

פון דערפאַרונג האָב איך שוין געוווּסט, אַז דאָס וועטער ענדערט זיך אין אוזבעקיסטאַן מיט אַ שנעלקייט, נישט צו דערזען מיטן אויג. נאָך מיטאָג קען שיינען די זון, די וועגן וועלן ווערן טרוקן, פון דעם שניי וועט קיין זכר נישט בלייבן. נו, און דו? וואָס קען פון דיר ווערן? אַליין נישט וויסנדיק, הייב איך אָן שרייען איבער דער גאַס: „מאָרגן וועט שיינען די זון, מאָרגן וועט שיינען די זון, נו, און דו?" איך האָב עפּעס געפילט אַ באַרויקונג, וואָס איך האָב אין דעם האַלבן זאַץ געקענט אויסדריקן דעם גאַנצן צער. מיר האָט געגומען אויסדאַכטן, אַז אדרבא, דאָס שניידיקע וואַסער קרעפּטיקט מיך, נעמט מיך ווי אַ פאַנצער אַרום פאַר אַלע פאַרקי־לונגען, פאַר אַלערליי מחלות, וואָס דער ווינטער ברענגט מיט זיך. און איך האָב אָנגעהויבן שטעלן די פיס מיט הנאה אין די וואַסערן און — זיי האָבן גאָר אָנגעהויבן וואַרעם ווערן, די פיס. די היץ פון די פיס האָט מיך אינ־גאַנצן אַרומגענומען און איך האָב זיך געפילט זייער באַלעבט.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער ברויט־קראָם, באַקומען מיין פּאָרציע און לאָז מיך גיין צו איינער פון די פאָלקס־קוכן, ווו מען קען אַמאָל, נאָך שטיין שטיין אין דער ריי, באַקומען אַ זופּ פאַר אַ קליינער מטבעה.

איך גיי, די פּאָרציע ברויט האַלט איך אין האַנט. ערשט — איך דער־שפּיר, אַז מען האָט מיר דאָס ברויט אַרויסגעכאַפּט פון דער האַנט. איך

גיב זיך אַ דריי־אויס, גרייט זיך צו וואַרפן אויפן שונא אויף לעבן און טויט און זע ווי אַ הונט, אַ גרויסער ברוינער הונט, לויפט מיט דער ברויט־פּאַרציע.

איך וויל פּרוּוון אים נאָכלויפן, אָבער איך זע גלייך איין, אַז ס'האָט קיין זין נישט. אין דער וועלט פון כאַפּן הונגעריק אַ ביסן איז דער הונט פון שעת ימי בראשית געקרוינט מיט בעסערע סגולות פאַרן מענטש. וווהין וועל איך אים נאָכלויפן, אַז ער איז שוין אויף דער דריטער גאַס?

איך בין געבליבן שטיין און אַ פייער פון פאַרדראָס האָט מיך אַרומ־געכאַפּט. מיר לעבן דאָך אין אַ צייט, ווען מען רייסט דעם ביסן ממש פון מויל, ווען מען וועט זיך אָנהייבן עסן לעבעדיקערהייט. נו, וועלן מיר נאָך אַלץ פּלאַפּלען וועגן קולטור? נו, אפשר זאָל איך זיך איצט לאָזן אין ביבליאָטעק אויף פּושקינס נאָמען און זיך אָוועקזעצן ביי שיין געבונדענע ביכער און הנאה האָבן פון פיינע פערזן, וואָס דריקן אויס האַרמאָניע, און וואָג און מאָס. איך האָב געפילט ווי די פויסטןביילן זיך מיר. אָך, די עקלהאַפטע וועלט!

פּלוצלינג האָט מיך עפּעס אַ רחמנות אַרומגענומען אויפן הונט. ער איז דאָך אוודאי גאָט די נשמה שולדיק. זיי הונגערן דאָך דאָ, די הינט, אַז זיי עסן מענטשלעכע צואה. נאָר דער מענטש — — — איך האָב מער נישט געקענט טראַכטן. טרערן האָבן מיך אינגאַנצן פאַרפלייצט. דאָס האַרץ האָט אין מיר געשלוכצט. איך בין געשטאַנען אין דער גאַס און האָב גע־וויינט, געוויינט נישט צו קענען זיך באַהערשן.

נאָר דערווייל איז די היץ, וואָס איך האָב געשפּירט אין די פיס, אָפּגעטרעטן. א שוידער האָט מיך צוריק אַרומגענומען. איך האָב אָנגעהויבן ממש לויפן צוריק אַהיים, אַהיים אין מיין נאַרע אַריין. די גאָס מיט אַלעם אַרום איז מיר אַזוי איבלדיק געוואָרן.

איך האָב אינדערהיים אַראָפּגעוואָרפן די שיך פון די פיס. זיי זענען געלעגן צעוויקעט, די שיך, מיט די אָפענע זוילן, וואָס די לעכער אין שפּיץ האָבן איצט אויסגעזען, ווי די מיילער פון זקנים.

אין די פיס האָט מיך געשטאָכן די קעלט, ווי שפּילקעס וואָלטן אין זיי אַרומגעלאָפן. איך האָב זיי געפּרוּווט נעמען אין דער האַנט אַריין, די

פיס, נאָר די הענט זענען געווען קאַלט און ביינערדיק און האָבן קיין וואַרעמען הויך נישט געהאַט אין זיך.

די איינציקע וואַרעמקייט האָב איך געשפּירט אין אָטעם. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און געפּרוווט, ווי אַ קונצנמאַכער, נעמען די פיס אין מויל. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט, איינגעבויגן דעם קאָפּ, די פיס קאָפּוירגעהויבן און האָב מיט די שפּיצן קוים דערגרייכט צו די ליפּן.

איך האָב זיי געוואַרעמט, באַהויכט, די שפּיצן פיס, די אייז־קאַלט־קייט האָט אָנגעהויבן נאָכלאָזן. אין מיר איז אויפגעגאַנגען אַזאַ שטאָלץ: ביזט דאָך אַ גאַנצע וועלט, האָב איך געשמייכלט צו זיך, און אַזאַ מעכטיקע וועלט. אין דיר לעבט אַזאַ אָטעם, וואָס קען זיך גאַרנישט אויסלעשן, כאָטש דו האָסט שוין פון נעכטן פרי אָן אין מויל נישט געהאַט, כאָטש דו האָסט שוין נישט געשפּירט קיין זעטיקייט חדשים לאַנג.

און עפּעס אַ האָפענונג האָט מיך באַהערשט, אַ האָפענונג, אַז איך וועל זיך נאָך אַמאָל אַרויסקייקלען פון דעם גאַנצן מצב אין וועלכן איך בין אַריין. איך האָב אין יענעם מאָמענט געגלויבט, אַז אין מיר לעבן כחות חוץ לדרך הטבע, אַז איך נער זיך אויך פון גייסטיקע ספערן; אַז אַ זונאונ־טערגאַנג, אָדער עפּעס אַ ווייסער טיול אויפן הימל, פילט מיך אָן מיט זעטיקייט, מיט פרייד, מיט אַ פאַרגעסן זיך אין אַלעם.

דער אינדרויסן האָט זיך אָנגעהויבן אויסלייטערן.

אויפן הימל איז געוואָרן אַ געיעג פון שוואַרצע וואָלקנס, זיי זענען אַזוי אימפּעטיק געלאָפן, אַז ס'האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, ווי עס ציט זיי ווער אַראָפּ, כדי צו ווייזן אַ צווייט בילד, אַ מער פאַרביקס.

די זון האָט זיך טאַקע דורכגעשפּאַלטן אַ וועג און האָט אַ שיין געטאָן. נאָר זי איז שוין איצט געווען אַ רויטע, די זון, צו שקיעה. דער טאָג האָט זיך געגרייט צו פאַרגיין. פון תמיד אָן מאַכט מיך אַ זון, וואָס באַווייזט זיך צום אונטערגאַנג, אַזוי טרויעריק. אין איר רויטקייט זע איך עפּעס ווי ביי אַ גוסס, וואָס די בליטן שפּילן זיך אין אים. נאָך איידער געלעבט — שוין געשטאָרבן, דערמאָנט אַזאַ טאָג.

פונדעסטוועגן האָב איך זיך מיט דער זון געוואָלט שיידן און בין אַרויס אין גאַס. בלויז צוליב מיין שלעכטער נביאות, אַז מאָרגן וועט שיינען

די זון אין איך וועל שוין זיין ערגעץ אויפן עולם־האמת, בלויז צוליב דעם האָב איך זיך געוואָלט פרייען מיט דער זון.

אין מיינע שיך האָב איך שוין איצט געקענט בעסער גיין. די וואַסערן זענען אָפּגעפּלאָסן און ס'איז מעגלעך געווען שוין צו שפּרונגען פון איין טרוקן אָרט צום אַנדערן.

בלויז דער הונגער האָט ביי מיר אויפגעוואַכט ביי דער פרישער לופט, וואָס האָט זיך געטראָגן אין אויר. און ער האָט מיך איצט צעטראָגן, דער הונגער, פונקט ווי ער וואָלט געהאַט געזונטע קולאַקעס און באַרעט זיך מיט מיר. ער האָט פשוט צעריסן מיין גוף. און אין מיר איז דאָך עפּעס געווען צוימען, מעגלעך די ביינער, וואָס האָבן אים פאַרהאַלטן, דעם הונגער, ער זאָל מיך נישט אינגאַנצן איינברעכן. איך האָב זיך געהאַלטן, געשטעלט די פיס פעסט, ס'זאָל הייסן אַז איך ווער זיך, לאָז זיך נישט. נאָר פונדעסטוועגן האָב איך אים גערעכט געגעבן, דעם הונגער. אַי, ווען איך קען אים עפּעס צוּוואַרפן אַ שטיקל ברויט אָדער אַן אַנדער מאכל. איך האָב זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן איבער דער גאַס, אפשר, אפשר וועל איך עפּעס געפינען צו שטילן אים. איך האָב אים אָנגעהויבן באַטראַכטן, דעם הונגער, ווי אַ צווייטן כח אין מיר, וואָס ער האָט אויך זיינע רעכטן, זיינע פאָדערונגען.

איך בלאָנדזשע מיט די אויגן, זוך, זוך. פּלוצלינג כאַפּ איך אַ בליק צו אַ הויז, אַ רויט ציגל־הויז, וואָס די אונטערגייענדיקע זון האָט עס ממש פאַרבלענדט. און פאַר מיינע אויגן וואַקסט דאָס הויז אויס געבויט — פון ברויט. דאָס איז נישט קיין ציגל, נאָר ברויט, אַזוי זע איך אַזעלכע גלייכע לענגלעכע ברייטלעך, איינס אויף איינס ביז — דריי שטאָק די הויך. אַ רגע צעשמייכלט זיך מיין בליק, נעם אַ מעסער און שנייד, שנייד דיר אַזעלכע פּעניצלעך פון דעם גרויסן הויז.

איך האָב זיך אָנגעהויבן רייבן דעם שטערן, דאָס איז דאָך אַ האַלוצינאַציע, זאָג איך צו זיך, אַ הונגער־האַלוצינאַציע. ווי אַזוי קען מען מיט ברויט בויען דריי שטאָק? דאָס איז דאָך נישט מעגלעך, נישט מעגלעך.

נאָר דער הונגער האָט מיך אַזוי געצייפּט, אַז איך האָב זיך גאָר

נישט געוואָלט אויסניכטערן, זאָל זיין אַ פאַרבלענדעניש, זאָל זיין אַז איך נאַר זיך. איך זע דאָך אָבער ברויט, זאָל זיך דאָס אויג זעטיקן.

ביסלעכווייז האָט די זון אַראָפּגעצויגן איר שימער פון הויז. אַרום איז געוואָרן שאָטנדיק. פון די מויערן פון הויז זענען אַרויסגעטרעטן ציגל, ציגל, ציגל.

קאַפּיטל צוויי

מיין לאַגע האָט אָנגעהויבן ווערן ערגער.

דער הונגער וואָס האָט מיר דערקוטשעט, האָט אויפגעהערט צו זיין סתם אַ פּלאָג, אַ פּיין. ער האָט געזוכט וועגן, דער הונגער, אין מיין אָפּגעשוואַכטן אָרגאַניזם און האָט אים אָנגעהויבן איינברעכן.

עס פלעגט מיר אָפּט אָנהייבן שווינדלען אין קאָפּ. נישט מיר נישט דיר האָט זיך מיר דער קאָפּ פאַרדרייט, אַלץ אַרום האָט אָנגעהויבן טאַנצן אין אַ קאַראַהאָד. די ערד פלעגט זיך אויפהייבן נאָענט פאַר מיינע אויגן, ממש אונטער דער נאָז. אַלע קעגנשטאַנדן אַרום האָבן אָנגעהויבן זיך דרייען. אָפּטמאָל האָבן זיי פאַרלוירן זייער נאַטירלעכן אויסזען. איך האָב נישט געקענט אונטערשיידן פון אַ טעפּל ביז אַ טינטער. פלעקן, פלעקן האָבן זיך געמישט פאַר מיין ראיה. נאָר דאָס פלעגט פאַריבערגיין און צוריק פלעגט זיך אַלץ איינשטעלן און באַקומען אַ סדר, אַ פאַרב.

ערגער האָט מיך באַאומרויקט דאָס וואָס מיין זכרון איז געוואָרן בעטראָפן. איך פלעג, למשל, רעדן מיט וועמען און שטיינבלייבן אינמיטן; מיינע געדאַנקען האָבן זיך איבערגעריסן, קיין פרישע זענען מער נישט צוגעשווימען. סטאָפּ, עס גייט נישט ווייטער.

מיך האָט דאָס אַריינגעוואָרפן אין אַ פחד. דאָס האָט מיך מער געשראָקן ווי די קערפּערלעכע פאַרקריפּלונג. איך האָב, צום ביישפּיל, געפילט ווי מיין גוף ציט מיך אַראָפּ, די פלייצע ווערט ביי מיר איינגעבויגן, די פיס שטרויכלען זיך, איך פאַל שיער נישט איבער זיי; די געלענקען — קוים וואָס זיי האַלטן זיך, עפּעס ווי זאַוויאַסעס, וואָס ווערן אַלט און פאַר־

זשאַווערט. דאָס אַלץ האָט מיר נישט אַזוי ווי געטאָן ווי דאָס וואָס מיין זכרון ווערט געריררט.

וואָס קאָן ווערן פון מיר, ווען איך וועל פאַרלירן דעם צוטרוי צו מיינע געדאַנקען? איך וועל זיך דאָך דערקייקלען צום סאַמע אָפּגרונט. וואָס שטייט מיר איצט פאָר?

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז אַן עק געוואָרן מיט די אַלע טראַכטע־נישן.

איך האָב אויפן געלעגער אָפּגעדעקט מיינע פיס און האָב דערזען, אַז ביידע זענען זיי געשוואָלן, אויפגעלאָפן ווי די פּענכערס.

איך האָב אָנגעטאַפּט מיט די פינגער דאָס געשווילעכץ און צו מיין גרויסן וווּנדער האָט דאָס מיר נישט ווי געטאָן. איך קען מיר נישט דער־קלערן די אַנגסט, וואָס מיך האָט אַרומגעכאַפּט, דוקא ווייל די פיס האָבן מיר גאָרנישט געשמערצט. זיי זענען עפּעס געווען ווי נישט מיינע. נישט די פאָרעם זייערע, נישט די וואָג, נישט דער אויסזען פון מיינע פיס. עפּעס אַזאַ חלושותדיקע טויטע מאַסע הענגט מיר נאָך, וואָס איך האָב קיין שייכות נישט דערמיט, איך שפּיר עס דאָך נישט. איך האָב אין יענעם מאָמענט שטאַרק באַדויערט הלמאי איך פיל קיין יסורים נישט. די יסורים וואָלטן דאָך ביי מיין מצב גאַנץ נאַטירלעך געווען. די פיס, דער קערפּער, זענען איצט קראַנק, מען דאַרף זיי היילן. אַזוי אָבער? אַן אומבאַקאַנטע שרעק האָט מיך אַרומגענומען.

איך האָב זיך געפּרוווט אויפשטעלן אויף זיי און האָב געפילט ווי מיין גוף וואָלט געשטאַנען אויף ליים. אַזוי ווייך, אַזוי איבלדיק ווייך.

איך האָב געשטעלט אַ פאָר טריט און האָב זיך געזאָגט: יאָ, ברוי־דערקע, דיין צייט איז געקומען, דאָס איז אַ גאַנג צום קבר.

און ווידער האָב איך נישט באַדויערט נישט דאָס לעבן, נישט דעם טויט, נאָר די עלנדע אויסגעוואָרפענע קברים אויף די אוזבעקישע בית הקברותן.

אפנים, האָב איך געטראַכט, אַז דאָס געפיל פאַר אַ קבר טראָג איך מיט פון דער היים; פון די תפילות פון מיין מאַמען, אַז זי זאָל נישט שטאַרבן אין די ווינטער־חדשים, מען זאָל זי נישט דאַרפן מטהר זיין מיט

קאַלט וואַסער און לייגן אין אַ געפּרוּוירענעם קבר. דער קבר איז דאָך געווען ביי אונדז ווי אַ צווייט חדר, אין וועלכן מען ציט זיך איבער.

איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט ביים אַנלען פון פענצטער און האָב עפּעס אַ הנאה געהאַט וואָס די קליינע פרישקעס שניי צעגייען אונטער דער זון. אַלץ צעגייט, אַלץ צעגייט, דאָס איז דער סוף, דער אומפאַרמיידלע־כער סוף.

און דאָך האָט מיך געקרענקט פאַרוואָס דער סוף זאָל זיין אַזעלכער. פגרן פּשוט פאַר נויט? געשוואָלן ווערן פאַר הונגער? מיט דעם זאָלן זיך ענדיקן די אַלע לופטיקע בנינים, וועלכע איך האָב זיך אויסגעצירט?

איך ווייס נישט, נאָר אין דעם פרימאָרגן איז ביי מיר דער געדאַנק דוקא געווען אַ לויטערער. איך האָב עפּעס דערפילט אַ דערלייכטערונג אין גאַנצן קערפּער, פונקט ווי דאָס געשווילעכץ וואָלט אָפּגעצויגן אַלע מיינע שוואַכקייטן. און דאָך איז ביי מיר געווען אַ געפיל: ס׳איז געשריבן און געחתמעט דיין אורטייל.

אַז איך האָב געהאַלטן ביים אַרויסגיין אין גאַס האָב איך שוין קיין מוט נישט געהאַט אַפילו צו ראַזירן זיך. איצט איז שוין אַלץ אָפן. דו טראָגסט שוין דעם הונגער מיט אַ שילד איבער די גאַסן.

ביז איצט האָב איך נאָך אַלץ געוואָלט פאַרגלעטן, באַהאַלטן פאַר אַ צווייט אויג מיין גרויסן קוועל. איך פלעג מיין אַנטועכץ פאַרן שלאָפנגיין איינלייגן גראָד, די הויזן — אין אַ קנייטש, און זיי אַרונטערלייגן צוקאָפּנס, זיי זאָלן זיך אַזוי־אַרום „אויספּרעסן". איך פלעג זיך פונקטלעך ראַזירן, האַלטן ס׳פּנים אונטער קאַלט וואַסער ס׳זאָל אַביסל „באַלעבט" ווערן. איצט, מיט די צוויי „טויטע פיס" איז שוין גאָר נישט געווען צו באַהאַלטן.

מיט מיין ריטשן ביים גאַנג די פיס, נישט קענענדיק זיי אויפ־הייבן, האָב איך איבער די גאַסן אַן אויפמערקשאַפט אַרויסגערופן. נאָך אַ קאַנדידאַט, האָט יעדער אַ טראַכט געטאָן. ווען־נישט־ווען פלעגט ווער דעם קאָפּ אויסדרייען און מיך באַטראַכטן. אָט האָסטו דיר, גאָר אַ נייעם דערפאָלג, האָב איך געשמייכלט צו זיך.

איינמאָל האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ ייד, אויך איינער פון די פּליטים, אַ מיטליעריקער מענטש, מיט אַ בלאָנד געשוירן בערדל, און זיין ערשטע

פראַגע איז געווען: „וויפל יאָר זייט איר אַלט?" איך האָב אים געזאָגט. „איר מוזט אייך זען צו ראַטעווען — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַ שאָד, איר האָט נאָך יאָרן צו לעבן".

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ „טשייכאַנאַ", באַשטעלט פאַר מיר טיי, געקויפט פאַר מיר אַ פלעצל. נאָר קיין ביסן האָב איך נישט געקענט אַראָפּברענגען, ער איז מיר געבליבן שטעקן אין דער קעל. איך האָב זיך שטאַרק צעוויינט, אַלץ אין מיר האָט געוויינט, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ מאַלצייט פאַר מיין טויט.

דער ייד האָט זיך צערעדט מיט מיר, געהערט אַז איך האָב אַ שייכות צו אַ ליטעראַרישער משפחה, האָט ער מיר געגעבן אַן אַדרעס, ווו איך קען זיך ווענדן נאָך אַרבעט, נאָך הילף. „ביי אַן אַרבעט — האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין — וועט איר קריגן אַ גרעסערע פאַרציע ברויט, איר וועט באַקומען עפּעס אַ געהאַלט, איר וועט ווי־נישט־איז דורכלעבן".

איך האָב זיך געלאָזט גיין אויף דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס, הגם דער מהלך איז געווען אַ ווייטער. מען האָט געדאַרפן גיין פון דער אַלט־שטאָט אין דער נייעם טייל פון שטאָט. איך האָב געוואָלט אויסנוצן דעם מאָמענט, וואָס איך האָב נאָר־וואָס געהאַט עפּעס געגעסן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

איך בין צוגעקומען צו אַ גראָען בנין, ווו עס האָט געהאַנגען אַ שילד: אַרבעטס־פאַרמיטלונג ביי דער שטאָט סאַמאַרקאַנד.

אין אַ לאַנג, הויל צימער, ווו עס זענען געשטאַנען ביי די ווענט אַרום לאַנגע הילצערנע בענק, זענען געזעסן אַרום מענטשן און האָבן געװאָרט אין אַ ריי.

דאָ האָב איך שוין קיין באַזונדערן איינדרוק נישט געמאַכט. די מענטשן, וועלכע זענען געזעסן אַרום, זענען אַלע געווען אין אַ קלעגלעכן צושטאַנד.

אַ מאַמע איז געזעסן מיט דריי קליינע קינדער און ס'איז שווער געווען צו דערקענען צו וואָס פאַר אַ מין זיי געהערן, די קינדער. אָנגעטאָן קריעה־ובלויה, מיט שפּיזיקע האָר אויפן קאָפּ פון נישט לאַנג וואַשן זיי, מיט פאַריסטע פנימלעך.

אַנדערע זענען געזעסן די פּיס אַרומגעבונדן מיט טראַנטעס. נו, וואָס קען איך שוין דאָ פּאַר אַ הילף באַקומען? האָב איך געטראַכט.

ענדלעך, נאָך לאַנג וואַרטן, איז געקומען די ריי אויף מיר.

איך בין אַריין אין אַ צווייטן צימער, וווּ עס איז געשטאַנען אַ טיש מיט גרינס באַדעקט.

איבער אים איז געהאַנגען אַ בילד פון סטאַלינען, וווּ ער איז געשטאַנען מיט אַ שמייכל, אויסגעשטרעקט די הענט אַלעמען אַרומצונעמען.

אין צימער איז קיינער נישט געווען.

איך בין געבליבן שטיין ביי דער טיר, נישט צו וויסן וואָס צו טאָן. איידער איך האָב עפּעס באַשלאָסן איז פון אַ זייטן־טיר אַריין אַ פרוי. זי האָט אפילו נישט אַ קוק געטאָן אין מיין זייט און מיך געפרעגט מיט אַ האַרטער שטים אויף רוסיש: „וואָס פאַרלאַנגט איר?”

איך האָב זיך אַנגעהויבן דערנענטערן צום טיש, וווּ זי איז געזעסן און איבערן וועג באַמערקט ווי פאַר מיר זיצט אַ פרוי אין מיטעלן עלטער, מיט אַ קלאָר רונדיק פּנים, מיט שוואַרצע האָר, גלאַטיק פאַרקעמט. דער שטערן — אַ הויכער, אַ געוועלבטער, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף אַ געוויסער אינטעליגענץ.

זי האָט מיך באַטראַכט, איינגעגעסן זיך מיט איר בליק און מיך געפרעגט אויף רוסיש:

— איר זייט אַ ייד?

— אַ ייד.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, איז צו צו דער טיר, זי פאַרשלאָסן און זיך געוואָנדן צו מיר אויף יידיש, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים:

— נו, וואָס מאַכט איר?

איך האָב איר געענטפערט מיט צוויי אויסגעשטרעקטע הענט:

— איר זעט דאָך.

שאַט נישט, איך וועל אַלץ טון פאַר אייך. איך בין „נאַטשאַלניק אדיעל קאַדראָוו” (אָנפירער פון דער אַרבעטס־פאַרטיילונג). איר האָט עפּעס אַ פאַך?

איך האָב געהאַט ביי זיך אַ פּעקעלע, וווּ עס איז געווען איינגעבונדן

מיינס אַ בוך דערציילונגען, וואָס איז דערשינען אין מינסקער מלוכהשן פאַרלאַג, נאָטיצן אין דער פּרעסע וועגן מיינעם אַ ליטעראַרישן אָוונט אין מאָסקווע אונטערן פאָרזיץ פון דוד בערגעלסאָן, אַ מיטגלידס־קאַרטע פון שרייבער־פאַרבאַנד אין רוסלאַנד א. א. וו.

זי האָט דורכגעקוקט די מאַטעריאַלן און איך זע מיטאַמאָל ווי אירע אויגן ווערן פייכט. זי שעמט זיך גאָרנישט פאַר מיר, נעמט אַרויס אַ טיכע־לע און ווישט־אויס אַ טרער נאָך אַ טרער.

זי זאָגט צו מיר מיט אַ וויינענדיקער שטים: „איך האָב אויך געהאַט אַ שייכות צו דעם, מיין מאַן איז געווען אַ העברעישער שרייבער אין אָדעס".

— ווו געפינט ער זיך?

— ער איז אומגעקומען.

— וויאַזוי?

—פרעגט נישט. איך פאַרנעם אַ הויכן אַמט ביי דער רעגירונג און מען דאַרף וועגן דעם נישט רעדן.

— קען איך וויסן ווי אייער מאַן האָט געהייסן?

— ניין.

זי האָט געוואָלט איבערהאַקן מיט די אַלע פראַגן און האָט זיך צו מיר אָפיציעל געוואַנדן:

— אַלזאָ, איך וועל אייך שאַפן אַן אַרבעט. מען דאַרף אָבער קריגן פאַר אייך אַן אַרבעט, ווו איר זאָלט קענען אָפּעסן: אין אַ בעקעריי, אין אַ שפּיטאָל, אין אַ רעסטאָראַן. נו, גוט.

זי האָט פאַר מיר אויסגעשריבן אַ טשעק אויף אַ סומע פון דרייסיק רובל און צו מיר געזאָגט:

— דעם טשעק וועט מען אייך אויסצאָלן אין צווייטן צימער. די אַלע דאָקומענטן אייערע לאָזט ביי מיר, און 4 אַזייגער, ווען איך ענדיק די אַרבעט, זאָלט איר זיין ביי מיר.

ביי דער טיר האָט זי אַ בליק געוואָרפן צו מיינע האָר און האָט צו מיר געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— די ליטעראַרישע טשופּרינע, פונדעסטוועגן, איז ביי אייך נאָך געבליבן. שאַט נישט, האַלט זיך, איר וועט מער נישט הונגערן.

זי האָט געעפנט די טיר און געזאָגט צו מיר אויף רוסיש, אַז אַלע זאָלן הערן:

— איר מוזט האָבן געדולד, ס'איז מלחמה, דאָס גאַנצע לאַנד ליידט. און שטרענג מיר געזאָגט: „דאָסווידאַניאַ".

איך האָב איינקאַסירט דעם טשעק און בין אַראָפּ מיט אַ הויפן געלט אין דער האַנט.

פון דער פּראַקטיק האָב איך שוין געוווּסט, אַז מען טאָר אין דער האַנט אָפן גאָרנישט האַלטן. האָב איך דאָס געלט אַריינגעלייגט אין טאַש. אַזוי ווי צו די טאַשן קען מען אויך נישט האָבן קיין צוטרוי, ווייל מען שניידט זיי אויס, האָב איך אין דער טאַש דאָס געלט געהאַלטן אין דער האַנט.

די פּיס מיינע זענען עפּעס געוואָרן איצט אויס קלאָציק, אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט, און איך האָב געשפּאַנט צו אַ באַזאַרל עפּעס אָפּצועסן.

איך פּיל, נאָך חדשים לאַנג, אַז איך ווער עפּעס צוריק באַהאָפטן מיט דער אַרומיקייט. די וואַרעמע זון אין חודש יאַנואַר האָט מיר אַזוי געגלעט איבער מיינע אברים, ווי אַ ליבע האַנט. מיין איינגעבוירענע איינגעשאַפּט צו אָבסערווירן, באַטראַכטן אַלץ, וואָס קומט מיר אונטער, האָט זיך צוריק ביי מיר דערוועקט.

איך האָב איצט אַלץ געוואָלט טון, כדי ביז 4 אַזייגער, ווען איך וועל זיך דאַרפן זען מיט דער פּרוי, צו מילדערן מיין קלעגלעכן אויסזען. איך האָב זיך געלאָזט אַרומשערן, געגאַנגען אין באָד, געלאָזט אויספּוצן מיינע צעלאַטעטע שיך. פּינקטלעך 4 אַזייגער בין איך דערשינען אין דער קאַנצעלאַריע פון דער פּרוי.

זי האָט שוין געוואַרט אויף מיר.

— איר זענט דאָך אַזוי עלעגאַנט — האָט זי מיך באַגעגנט מיט אַ שמייכל: זי האָט מיר אַ סך גוטס צו זאָגן. זי האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט אַ דירעקטאָר פון אַ ברויט־קאָמבינאַט און איך וועל אָנקומען אַרבעטן אין אַ בעקעריי. זי האָט שוין באַוויזן דורכצולייענען אייניקע דערציילונגען

פון מיין בוך און זי האָט קיין ווערטער נישט. זי וויל איינע איבערזעצן אויף רוסיש, כדי דער דירעקטאָר, אַ רוס, זאָל זי קענען לייענען. דאָס קען מיר אַ סך נוצן־ברענגען ביים באַקומען אַ בעסערע אַרבעט.

נאָך דעם דורכפירן אַ ריי פאָרמאַליטעטן, בין איך טאַקע אַנגעקומען אַרבעטן אין אַ בעקעריי.

ס'איז געווען אין די מיטאָג־שעהן, ווען איך האָב באַקומען דעם אָרדער צו גיין צו דער אַרבעט.

אין די לעצטע טעג בין איך צוריק אַריין אין דעם הונגער־צושטאַנד, אין וועלכן איך האָב זיך די גאַנצע צייט געפונען. פון די פּאָר רובל, וואָס איך האָב געהאַט באַקומען, איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן. ווייטער דער אַלטער געראַנגל וויאַזוי אָפּצונאַרן דעם מאָגן מיט דער ברויט־צוטיילונג.

הגם די פרוי האָט מיר בפירוש געזאָגט, אַז איך זאָל זיך ווענדן צו איר, ווען עס וועט מיר נויטיק זיין, האָב איך דאָס נישט געטאָן. איך האָב נישט געקענט פועלן ביי זיך עפּעס צו בעטן ביי איר. איך האָב אין יענער צייט אין זין געהאַט, אַז ביי מענטשן, שלעכטע, ווידערשפּעניקע, ביי זיי פאָדערן מיר, מיט זיי קריגן מיר זיך, רייסן זיך פאַר אונדזער קיום, אינדערצייט וואָס ביי גוטע מענטשן קען מען אָפט זייער גוטס נישט פאַרטראָגן.

בכלל בין איך דאָך געשטאַנען פאַר גרויסע דערוואַרטונגען. אַ קלייניקייט — אַרבעטן אין אַ בעקעריי! איך האָב מיר דאָס באַין־אופן נישט געקענט אויסמאָלן, עפּעס העכער פון מיין פאַנטאַזיע איז דאָס געווען. איך וועל טאַקע זיין אַזוי אַרומגערינגלט מיט ברויט? שטרעק אויס די האַנט און — עס? עס פלעגט מיך ביים האַרץ פאַרכאַפּן, בעת איך האָב זיך דאָס פאַרגעשטעלט.

דעם טאָג פון גיין צו דער אַרבעט בין איך ווייטער געבליבן אָן אַ ביסן. מען האָט מיר דעם אָרדער צו דער אַרבעט צוגעזאָגט צו געבן אינדערפרי. פון דער קאַרטע האָב איך מיט אַ טאָג פריער אויפגעגעסן די ברויט־צוטיילונג פון צוויי טעג (מען האָט געקענט נעמען די ברויט־פּאַרציע אויף אַ דאַטע פון מאָרגן). סיי־ווי וועל איך דאָך שוין זיין אין דער בעקעריי, האָב איך אויסגערעכנט. דערווייל ביז־וואָס־ביז־ווען, ביז

איך האָב פאַרטיק געהאַט די פאַפּירן אין דער קאַנצעלאַריע, ביז דער דירעקטאָר האָט זיי אונטערגעשריבן, האָט זיך דער זייגער צוגערוקט כמעט צו האַלבן טאָג. איך האָב קיין הונגער נישט געשפּירט דאָס מאָל. לויפנדיק פון אָרט צו אָרט, אין דער דערוואַרטונג צו באַקומען דאָס פּאַפּירל, האָב איך ממש געהאַט פאַרגעסן אין דער אכילה.

אָט האָב איך דאָס פּאַפּירל אין האַנט און גיי צום טויער פון זעטיקייט. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר פאַרשידענע מאָמענטן פון מיין לעבן זענען ביי מיר דורכגעלאָפן. דאָס געשעט שטענדיק אין אַ טאָג פון אַ באַשטימטער דאַטע.

איך גיי איבער די שמאָלע ליימיקע געסלעך פון סאַמאַרקאַנד, גיי אַרויס פון דעם תחום, וווּ די יידישע פּליטים האָבן זיך אויפגעהאַלטן.

די געגנט ווערט אַ ריין אוזבעקישע. ביי אַ ליימיק פעלד, אַרום מיט גריבער, געפינט זיך די בעקעריי.

אויפן וועג בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז נישט קיין בעקעריי פון ברויט, נאָר פון ווייס געבעקס, פון „לעפּיאָשקעס".

וואָס די פרוי האָט אַלץ געטאָן פאַר מיר — האָב איך געטראַכט.

ביי דער נאָענט האָט די בעקעריי מיר אויסגעוויזן ווי אַ תפיסה. אַ שטיינערנער בנין, די פענצטער אַרום מיט אייזערנע דיקע קראַטעס. אַ טויער — אַ הויכער, מיט אַ קליין „אייגל", דורכצוקוקן ווער עס קלינגט אָן אַריינצוגיין אין הויף.

איך בלייב שטיין אַ ווײַלע ביים טויער. די גאַנצע אומגעבונג רופט ביי מיר אַרויס אַ שווערקייט אין האַרץ. די פאַרשטעלונג מיינע וועגן גן־עדן התחתון מיטן שור הבר און לויתן, וואָס ביי מיר שטייט פאַר, איז עפּעס צעקלאַפּט געוואָרן ביים אָנקוקן די בעקעריי.

מיין שטיין ביים טויער פון דער בעקעריי האָט אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט ביי די דורכגייענדיקע מענטשן און איך האָב אַ צי געטאָן ביי אַ גלאָק.

אַ שומר מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע האָט געעפנט דאָס „אייגל" אין טויער און מיך געפרעגט צו וועמען איך דאַרף. איך האָב אים דער־

לאַנגט מיינע פּאַפּירן. נאָר ווייזט אויס, אַז ער איז נישט געווען שוה בשוה מיט די דריבנע אותיות, דער אוזבעק מיט דער ביקס אויף דער פּלייצע, און ער איז אַוועק ווייזן מיינע פּאַפּירן.

שטענדיק, ווען מיר קומט אויס צו וואַרטן הינטער אַ טיר, פּיל איך זיך באַליידיקט. דאָסמאָל איז נאָך צוגעקומען שרעק, אומבאַוווסטע.

ענדלעך האָט דער שומר פאַר מיר געעפנט אַ טירל און איך בין געבליבן שטיין אין אַ בודקע, וואָס האָט דערמאָנט די וואַך־בודקעס ביים מיליטער.

איך האָב זיך געוואָלט לאָזן אויפן הויף, נאָר דער שומר האָט מיך צוריקגעהאַלטן און מיר געזאָגט אויף אַ צעקאַליעטשעטן רוסיש, אַז דער פירער פון דער בעקעריי איז נישטאָ איצט, און ביז ער וועט נישט קומען, טאָר איך נישט אַרויס פון דער בודקע.

בין איך געבליבן זיצן.

צו מיר האָט אַ הויך־געטאָן אַ ריח פון וואַרעם געבעקס, וואָס האָט מיך אינגאַנצן צענומען. איך האָב גאָרנישט געזען, אַרויסקוקנדיק פון מיין זיך־אָרט אין דער בודקע, חוץ אַ ליידיק־אויסברוקירטן הויף. און דאָ שווי־מען צו מיר אויף ריחות פון זיסן געבעקס. איך האָב געפילט יענעם מאָמענט, אַז מיין חוש הריח איז אַזוי שאַרף געוואָרן, ווי ביי אַ הונט. און זיי צערייצן מיך, די ריחות, צעשרויפן מיר די נאָז־לעכער, די קעל. וואַסערן, זיסלעכע, קומען מיר אין מויל. איך זיץ באַרוישט ווי איך וואָלט געטרונקען אָפּיום. איך זע גאָרנישט, נאָר אַרום מיר, ווי האַלב אין שכרות, וויקלען זיך געבעקסן, מיט מאַנדלען, מיט ראָזשינקעס געפּילטע.

איך האָב געפרעגט דעם אוזבעק:

— איז דאָ נאָענט די בעקעריי?

— יאָ, דאָ, אַ פּאָר טריט פון דער בודקע.

איך האָב נישט געוואָגט מיך אויפצושטעלן.

אינדעם באַווייזט זיך אַ יונגער אוזבעק פון אַ יאָר אַכצן, אַן אויסגעצ־פּולטער, מיט אַ רונדיק פּנים, מיט אַ פּאָר טרוימערישע שוואַרצע אויגן, מיט הויכע ווייס איבער זיי. אָנגעטאָן — עלעגאַנט, אין אַן אויסגעהאַפּטענער טוביטעיקע (אַן אוזבעקיש נאַציאָנאַל היטל) און זאָגט צו מיר בלשון איר:

„איר זייט אַ שרייבער?" איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט מיך אָנגעקוקט און פרעגט מיך: „איר האָט שוין היינט געגעסן?" איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך געוואָנדן צום שומר: „גיב אים טיי". אַליין איז ער אַוועק אויף אייניקע מינוטן און מיר דערלאַנגט אַ גרויס פּלעצל, אַ וואָרעמס. „עסט" — האָט ער מיר געזאָגט, און איז אַוועק.

דער שומר האָט מיר אָנגעגאָסן אַ קאָכעדיק גלאָז טיי. איך רוק זיך צו צו אַ טיש, וויל אָנהייבן עסן און דערפיל ווי די קניען הייבן־אָן ביי מיר ציטערן. איך וויל צונעמען דאָס פּלעצל צום מויל און די הענט וואַרפן זיך מיר. איך ציטער אינגאַנצן. איך וויל זיך צוריקהאַלטן דער שומר זאָל נישט באַמערקן, נאָר דאָס גיט זיך מיר נישט איין. איך קען, חלילה, פאַרשפּילן די אַרבעט, גייט מיר דורך אַ געדאַנק.

דער שומר האָט מיך טאַקע געפרעגט:

— אַזאַ קראַנקייט ביי דיר?

— ניין — בין איך געוועזן מיט אים אָפן — דאָס איז פון הונגער, איך האָב שוין לאַנג נישט געגעסן.

— נו, איצט וועסטו שוין עסן וויפל ס'וועט אין דיר אַריין.

איך וויל זיך באַהערשן, הייב־אָן עסן און פלוצלינג, אָן צו פילן פריי־ער, הייבן ביי מיר אָן רינען טרערן פון די אויגן. נאָך קיינמאָל ביז דעמאָלט האָבן זיי נישט געריגען אין אַזאַ מאָס. עפּעס אַלע קוואַלן פון טרערן האָבן זיך ביי מיר געעפנט. זיי האָבן געפלאָסן אין דער טיי אַריין, אויף די ביסנס, וואָס איך האָב צום מויל גענומען. און איך, דערפילנדיק דעם טעם פון פרישן געבעקס, האָב מיר געשלונגען דאָס פּלעצל אינגאַנצן נישט אַכט־לייגנדיק אויף די טרערן. פּונקט עפּעס ווי צוויי באַזונדערע טיילן, וואָס יעדער טוט זיך זיין טעטיקייט.

ס'איז לאַנג נישט אַריבער און דאָס פּלעצל, די וואָג פון אַ האַלבן קילאָ, איז פאַרצערט געוואָרן צווישן מיינע ציין. דער שומר האָט זיך בגנבה די גאַנצע צייט צוגעקוקט צו מיר. זעענדיק ווי דאָס פּלעצל איז פאַרלענדט געוואָרן, האָט ער מיך געפרעגט:

— ביזט נאָך הונגעריק?

— יאָ — האָב איך אַ מליאַסקע געטאָן מיט דער צונג.

ער האָט אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ פון דער בודקע און צו וועמען אַ געשריי געטאָן אויף אוזבעקיש. אין אַ רגע אַרום האָט ער מיר דערלאַנגט נאָך אַזאַ פּלעצל. ער האָט פאַר מיר אָוועקגעשטעלט אַ טשייניקל טיי און איך האָב געפּראַוועט אַ מאַלציית כיד המלך.

נאָכן עסן האָב איך דערפילט אַ גרויסע מידקייט, די אויגן האָבן זיך מיר געשלאָסן.

ווי לאַנג איך האָב אַזוי געדרעמלט זיצנדיקערהייט האָב איך נישט געוווּסט. דער שומר האָט מיך אויפגעוועקט מיט אַ צי ביים אַרבל און מיר געהייסן גיין אין קאַנצעלאַריע, דער אַרבעטס־פירער איז שוין געקומען.

איך בין אַריין אין קאַנצעלאַריע און בין געבליבן שטיין פאַר אַן עלטערן אוזבעק, אַ רונדיקן ווי אַ פעסל, מיט גרויסע טאַרבעס אונטער אַ פּאָר שוואַרצע אייגלעך, מיט אַ פּאָר מאָנגאָלישע אַראָפּהענגנדיקע וואָנסעס.

— זיצט — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול — איך האָב דער־האַלטן אַ בריוו וועגן אייך, אַז איר זייט אַ שרייבער. איר שרייבט אין די צייטונגען אויך?

— יאָ — האָב איך געענטפערט.

— וועגן וואָס שרייבט איר? וועגן דער ווירטשאַפט אין לאַנד? וועגן דעם פינף־יאָר־פּלאַן?

— ניין.

איך האָב געזען וווהין ער צילט, האָב איך אים פאַרשפּאַרט רייד:

— איך שרייב ראָמאַנען, נאַטור־שילדערונגען, שרייב וועגן אַ צו־שטאַנד פון אַ מענטשלעכער נשמה.

— דאָס איז ריכטיק, עטאָ פּראַווילנאָ, דאָס איז ריכטיק — האָט ער זיך איינגעגאַנצן צעשמייכלט.

ער האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין פּלייצע: — „מירן טרינקען, טרינקען פאַר אונדזער ערשטער קאַנטשאַפט. דערהאַלטן אַ בריוו, אַז עס דאַרף קומען צו מיר אַ שרייבער אויף דער בעקעריי, איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע אויף דער נשמה. געמיינט, אַז איר זייט פון די שרייבערלעך, וואָס שרייבן וועגן קאָלכאָזן, וועגן פינף־יאָר־פּלאַן. איר פאַרשטייט, אַלייך פרעסט דאָס און זויפט און אומעטום שטעקט דאָס אַריין די נאָז, און גלייך

באַשרייבן זיי דאָס אין די ציַיטונגען. אַזוי, דאָס איז ווויל, וועגן אַ צושטאַנד פון אַ מענטשלעכער נשמה, עטאַ כאַראַשאָ״.

ער האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיט די הענט און גלייך איז סערווירט געוואָרן אַ טיש פון געבראָטענע פליישן, פון פּרוכטן, פון געטראַנקען. — „מיר וועלן היינט שכור זיין — האָט ער געשריגן — בחינם זיך דערשראָקן אויף טויט. אַזוי, וועגן אַ צושטאַנד פון אַ מענטשלעכער נשמה. טרינקט!״

איך האָב אָנגעהויבן טרינקען און פאַרבייסן, טרינקען און פאַרבייסן. איך האָב שוין נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר.

דער אוזבעק, שטאַרק בגלופין, איז צו, מיך גענומען אונטערן אָרעם און אַזוי שטייענדיק אויפן אָרט האָט ער געטאָפּעט מיטן רעכטן פוס, ווי פערד טוען דאָס:

— איר האָט רעכט, וואָס אַ שרייבער, וועגן אַ צושטאַנד פון אַ מענטשלעכער נשמה, איר האָט רעכט. נו, אויף היינטיקס מאָל איז גענוג. קומט, איצט פיר איך אייך אין בעקעריי אַריין. היינט זייט איר נאָך פריי פון דער אַרבעט. איך וועל אייך בלויז פאָרשטעלן פאַר די אַרבעטער.

איך בין מיט אים געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון בעקעריי און ער האָט זיך געוואָנדן צו אַלע:

— רעביאַטאַ, דאָס איז אַ נייער מענטש, ער וועט דאָ מיט אונדז אַרבעטן. דו, אַכימאָוו, האָט ער זיך געוואָנדן צו אַן אוזבעק, דו וועסט אים לערנען זיין אַ בעקער. היינט טשעפּע אים נישט, היינט איז ער נאָך פריי, און ער איז אַוועק.

איך האָב זיך אָנגעהויבן דרייען אין דער בעקעריי, אין שכנותדיקן מאַגאַזין. אין אַלע זייטן שטייען אויף פּאָליצעס שטויסן מיט גלייכגעשטעל־טע פלעצלעך. די שטויסן זענען אַלע גלייך. איך צייל אויף טשיקאַוועס איבער אַזאַ שטויס, צען פלעצלעך, צען אין אַ שטויס. נאָר די שטויסן — נישט צום דערציילן, בייטן גאַנצע, אַ פעלד מיט געבעקסן.

דריי אויוונס ברענען אַזוי צעגליט און שפּייען אַרויס פלעצלעך, פלעצלעך, קאַכעדיקע, אויסגעברוינטע.

אַרום די אויוונס שטייט מען ביי טייג־ברעטער, מען קנעט, מען

וועגט, מען רעדלט, מען שיבט אין איוון אַריין, מען נעמט פון איוון אַרויס געבעקסן, געבעקסן, געבעקסן.

א חלום אויף דער וואָר.

ברויט, ברויט, ברויט, אומעטום ברויט.

אַ געפיל ביי מיר ווי ביי אַ טרינקנדיקן אויף אַ שיף, וואָס כאַפּט זיך אויף דער יבשה אַרויף.

ברויט, ברויט, ברויט, נעם, עס, עס, עס וויפל דו ווילסט!

קאַפּיטל דריי

ביי די ערשטע טעג פון מיין זיין אין דער בעקעריי האָב איך באַמערקט ווי יעדן אָוונט שטעקט אַ ריזיקער הונט אַריבער דעם קאָפּ דורכן טויער פון בעקעריי. ער באַוועגט כסדר מיט די נאָז־לעכער און שמעקט זיך איין אין דעם ריח פון פרישן געבעקס.

דאָס טויער איז געווען אַ הויכס, מיט שטעכיקע דראָטן אַרומגעצוימט, כדי ס'זאָל נישט מעגלעך זיין אַריבער איבער אים. דער הונט האָט זיך אָבער געפונען אַן אָרט בלויז פאַר זיין קאָפּ פון אונטן, אין אַ חלל, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן טויער און דעם באָדן.

שעהן אויף שעהן פלעגט דער הינטישער ברוינער קאָפּ אַזוי שטעקן אינעם טויער, קוקן טריב מיט אַ פּאָר גרויסע אומעטיקע שוואַרצע אויגן. ער האָט קיין ברום נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל. בלויז אינעם בויך, האָט מען געהערט, ווי עס בורטשעט אים, מן הסתם פון הונגער. ער פלעגט כסדר שפּילן מיט די אויערן, אַראָפּגעלאָזט און קאָפּוירגעהויבן די אויערן־לאַפּן.

מען זאָל נישט באַמערקן, פלעג איך זיך מאַכן עפּעס אַ תירוץ צו צוגיין נאָענט צום טויער און האָב אים צוגעוואָרפן אַ שטיקל געבעקס.

ער האָט געכאַפּט דעם ביסן, פאַרשוווּנדן אויף אייניקע מינוטן און צוריק זיך באַוויזן מיט זיין קאָפּ.

אָבער מער ווי געבעקס פלעגט ער באַקומען קלעפּ מיט שטיוול איבערן קאָפּ. דער רוב פון די בעקערס, איבערהויפּט די יונגעלייט, ווען עס

פלעגט זיי אויסקומען דורכצוגיין דעם הויף, האָבן זיך אונטערגעגנבעט, דער הונט זאָל נישט באַמערקן, און אים אַ זעץ דערלאַנגט מיטן שטיוול איבערן קאָפּ. דער הונט האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן געשריי, איז פאַרשוווּנדן אויף אַ קורצער צייט, און האָט זיך ווידער באַוויזן.

ווּעמען זוכט ער דאָ, דער הונט?

איך האָב שוין חרטה געהאַט, וואָס איך וואַרף אים עפּעס צו. קען זיין, אַז איך בין דאָס דער חייב, אַז צוליב מיר טרעט ער נישט אָפּ און באַקומט אַזעלכע זעץ איבערן קאָפּ.

צוזעענדיק ווי דער אומשולדיקער הונגעריקער נפש ווערט דאָ אומברחמנותדיק געטרעטן פון די מענטשן, האָט מיך ביים האַרץ פאַרצויגן. איך האָב אים געוואָלט מיט עפּעס פאַרגיטיקן און אים צוגעוואָרפן נאָך אַ גרעסערע פּאַרציע. איך פלעג נעמען אַ שטיק פּוטער, אַריינלייגן עס אין אַ פלעצל און בין צו צום טויער. ער האָט מיך שוין געקענט, דער הונט, און האָט זיך אָנגעהויבן אינגאַנצן וואַרפן, זעענדיק מיך דערנענטערן צו אים. ער האָט מיר געוואָלט אָפּדאַנקען ווי נאָר אַ הונט קען דאַנקבאַר זיין. ער האָט זיך נישט געקענט לאַשטשען צו מיר, מחמת דער גוף זיינער איז געווען אויף יענער זייט טויער.

דער דאַזיקער הונט האָט עפּעס אויפגעריסן פאַר מיר דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס האָט אַרומגערינגלט די בעקעריי; די דאַזיקע טעמפּע זעטיקייט, וואָס האָט זיך געריסן צו זינד, צו הוליען, צו פאַרגעסן זיך אין אַלץ.

בעת איך פלעג קוקן אויף זיין ברוינעם קאָפּ מיט די אומעטיקע אויגן, ווי ער ציט דאָס אַין מיט זיינע נאָז־לעכער דעם ריח פון ברויט, האָט ער מיך דערמאָנט אין דעם גרויל פון נויט, פון קוועל, וואָס עס הערשט אינדרויסן פאַר דער בעקעריי.

ביי דעם ערשטן שריט, וואָס איך האָב געשטעלט אין דער בעקעריי, זענען מיר עפּעס אויפפאַלנד געוואָרן די יונגע שיינע פרויען, איינס און איינס זוי צוגעקליבן, וועלכע איך האָב דאָ געטראָפן.

איך האָב מיר דאָס געפּרוּווט אויסטייטשן: מלחמה, מן הסתם זענען די מענער אויפן פראָנט. דער אמת דערפון איז נאָר געווען אַ האַלבער. ביי

דעם רוב פרויען זענען טאָקע די מענער געווען אויפן פראָנט, נאָר צו דעם צו האָבן זיי נאָך געמוזט באַזיצן ווייבערישע איינגשאַפטן, וואָס זאָלן קענען רייצן דעם אַלטן אוזבעק, דעם פירער פון בעקעריי.

צווישן אַ צוויי צענדליק פרויען, וועלכע האָבן דאָ געאַרבעט, האָבן זיך אויך געפונען אייניקע יידישע.

זייענדיק נאָך זייער אָפּגעשוואַכט, מיט צוויי אויפגעלאָפענע פיס, וואָס איך האָב מיט שוועריקייטן געקענט זיי באַוועגן, איז איינע פון די יידישע פרויען מיט מיר נאָענט געוואָרן און מיט אַלע מיטלען מיך געהאָלט גלייכשטעלן.

איך פלעג די ערשטע טעג פון מיין זיין אין דער בעקעריי שטייענדי־קערהייט איינדרעמלען ביי דעם טייג־ברעט, ווו מען האָט מיך אָוועקגע־שטעלט קנעטן פלעצלעך.

צו דער זעט האָב איך זיך געהאַט אָנגעגעסן, געטרונקען טיי געצו־קערטע. אַ היץ האָט געיאָגט פון די אויוונס און מיך איז אַ מידקייט באַפאַלן, אַזאַ זיסע מידקייט, וואָס האָט מיך איינגעשלעפערט ווי אַן אַלקאָ־האָל. איך פלעג ווי אַ שכור שטיין און שלאָפן. די גאַנצע שוואַכקייט מיינע האָט זיך דאָ אָפּגערופן. דאָס האָט זיך געקענט פאַר מיר טרויעריק ענדיקן. באַמערקנדיק דאָס, פלעגט די יידישע פרוי, מאַניע האָט זי געהייסן, אונטער־לויפן, מיך פאַרטרעטן, טון די אַרבעט פאַר מיר.

זי פלעגט מיך צופירן צו אַ קופּע זעק, וואָס זענען געלעגן אין אַ ווינקל אין דער בעקעריי, מיך אַוועקלייגן. דערביי פלעגט זי אויפפּאַסן, טאָמער קומט דער פירער פון בעקעריי, זאָל זי מיך אויפוועקן און איך זאָל זיך געפינען ביי דעם טייג־ברעט.

איך האָב זיך טאָקע אָנגעהויבן קרעפטיקער פילן. איין טאָג אַזוי, אַ צווייטער און מיין אָרגאַניזם האָט זיך אָנגעהויבן איבערווינדן און שטאַרקן זיך.

איך האָב דער פרוי מאַניע צו פאַרדאַנקען געהאַט, וואָס איך בין געבליבן אין בעקעריי. איך האָב איר כסדר געזאָגט: „אַ שוועסטער קען דאָך מער נישט טאָן, מיט וואָס זאָל איך אייך אָפּדאַנקען, זאָגט?"

איינמאָל, ס'איז געווען גראָד אַן איבערייס ביי דער אַרבעט, האָבן

מיר זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און זי האָט געעפנט פאַר מיר איר האַרץ.

— איר ווייסט — האָט זי מיר געזאָגט — איר זייט מיר גוט אונ־טערגעקומען. ס׳איז אַזוי פּאַסקודנע אויף דער נשמה, און דאָ קומט גראָד אונטער אַ מענטש, וואָס מען דאַרף אים אַ טובה טאָן, העלפן מיט עפּעס. איר זייט מיר ווי פון הימל אַראָפּ.

— פאַרוואָס דאַרפט איר דען באַזונדערס טובות טאָן — האָב איך זי געפרעגט.

— איר זעט דען נישט, ווו מיר געפינען זיך? איר מיינט, אַז די אַלע פרויען האָבן זיך דאָ אַריינבאַקומען בלויז צוליב זייער פעיקייט צום בעקער־פאַך? איר האָט דאָ פרויען, וואָס זענען געווען אַזעלכע בעקער, פונקט ווי איר.

איך האָב איר אָנגעקוקט.

— יאָ — האָט זי באַשטעטיקט מיין בליק — פאַר דעם שטיקל ברויט צו דער זעט מוז מען אַ סך באַצאָלן. נישט איין מאָל מאַכט מען נאָס מיט טרערן דאָס קישן ביינאַכט. נו, וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט פאַר מיר — צוויי קינדערלעך, אַן אַלטע מאַמע, דער מאַן איז פון ערשטן טאָג אָן פאַרלוירן געגאַנגען אויפן פראָנט, קיין שום ידיעה נישטאָ פון אים. האָב איך אַ מאָך געגעבן מיט דער האַנט, כאַפּט עס דער טייוול, נאָך לאָזן די צוויי קינדער אויסגיין פאַר נויט?

— אַזוי אָפן גייט עס?

— נו, וואָס? איר וועט אייך גיין באַקלאָגן, ס׳וועט ווערן אַן אויספאָרשונג, וועט מען אייך פון דער אַרבעט אַראָפּזעצן, און אפשר אַרעס־טירן. ער האָט דאָך מיך נישט באַצוווּנגען, דער אוזבעק. איר וועט אָבער ביי דער אַרבעט אין בעקעריי לאַנג נישט אויסהאַלטן. אייער אָרט וועט פאַרנעמען אַן אַנדערע. אַך, ווי מיך עקלט פאַר אים, פאַר דער אַלטער זשאַבע. ער איז נאָך אַזוי פרעך, אָן שום געפיל, אָן שום אַפּהאַלט. ווען עס איז מיר נישט אַ שאָד די צוויי קינדער, וואָלט איך אים דערוואָרגן און — אַן עק.

איך האָב איר געוואָלט מיט עפּעס טרייסטן, מיט עפּעס אויסריידן, כאָטש כ׳האָב אַליין נישט געוווּסט וואָס איר צו זאָגן.

— איר זייט דאָך נאָך אַזוי יונג, און באמת אַ שיינע פרוי — האָב איך געקוקט אויף איר אַליוו טונקל פּנים, אויף אירע ברוינע אויגן, — איר פאַרמאָגט דאָך אַ סך רייץ, אַ סך חן. איר וועט סוף־כּל־סוף אַרויס פון דער שווערער לאַגע.

— ניין — האָט זי געפּרוווט זיך שפּאַרן — אָט אַ דער אַלטער אוזבעק האָט מיר פאַרסמט דאָס לעבן אויף שטענדיק, מיך עקלט פון יעדן מאַן.

— נו, פאַרוואָס האָט איר מיר אַרויסגעוויזן אַזויפיל צערטלעכ־קייטן ? — האָב איך זי געפרעגט.

— ניין, דאָס איז דאָך אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. איך האָב איך פּשוט געוואָלט ראַטעווען, איך האָב געזען איר פאַלט. מען וועט אייך אַרויסשיקן פון בעקעריי און איר זייט אַ פאַרפאַלענער. דאָס איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש.

— און איך בין גישט מסכּים מיט אייך — האָב איך איר געזאָגט — איך קען דעם צושטאַנד. וועט קומען אַ מאַן אַן אײדעלער, מיט אַ גוטער באַנעמונג, מיט אַ צאַרט געפיל און ער וועט אייך אויסהיילן.

זי האָט געשוויגן, און איך האָב געהאָט אַן איינדרוק, אַז טיף ביי זיך פילט זי אויך דאָס אייגענע.

איצט זענען פאַר מיר דערשינען אַ סך זאַכן אין בעקעריי גאָר אונ־טער אַ ניי ליכט. איך האָב נאָך אָבער אַלץ ספקות געהאַט בנוגע אַ טייל פרויען, וועלכע האָבן געאַרבעט אין בעקעריי, דער עיקר האָב איך אין זין געהאַט אַ יונג יידיש מיידל.

זי האָט געמוזט זיין ביי אַ יאָר 17 — 18, דאָס מיידל. אַ דינינקע, מיט אַ פיגור, וואָס אירע טיילן האָבן זיך אַרייַנגערונדיקט אין איר שמאָלער טאַליע. האָר — בלאָנדע, וואָס האָבן געהאַט אַ קאָליר פון אויסגעבאַקן ברויט. גאָר אויגן — גרינע, האַלב געעפנטע, פּונקט ווי זיי וואָלטן געבליט, די אויגן, און זיי וועלן זיך די רעשט צעעפענען, ווי אַ בלומען־בעכערל.

איך ווייס נישט, דאָס דאָזיקע מיידל האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ געפיל פון פרילינג. ווען איך האָב זי געזען, האָט אינדרויסן געמעגט זיין

אַ טריבער הימל, האָט זי מיך דערמאָנט אין פרילינג. לעבן מיט איר, האָב איך אין זין געהאַט, הייסט לעבן אין אייביקן אויפבלי.

איר אַרבעט איז באַשטאַנען אין צונעמען די פלעצלעך פון אויוון. דאָס איז אַן אַרבעט אַן איילעקע, אַ געשיקטע. קאַכעדיקערהייט דאַרף מען זיי אויסדרן אויף אַ טראַג־ברעט, אַריינשטעלן זיי אין דערנעבנדיקן מאַגאַזין. און אונטער די געציילטע מינוטן וואַרט שוין אויף דיר אַ פרישער שטויס פלעצלעך פון אויוון.

נאָר זי, צפורה האָט זי געהייסן, פלעגט ווי אַ שמעטערלינג אַרומהושען הין־און־צוריק.

זאָל אָט אַ דער אוזבעק די יונגע פרוכט אויך צעפרעסן?

איך האָב געזוכט אַ געלעגנהייט מיט דעם מיידל זיך פאַנאַנדערשמועסן.

איך האָב איר אַמאָל צוגעוואָרפן אַ פראַגע:

— האַ, צפורה, אַ סך בחורים יאָגן זיך נאָך אייך, זאָגט?

— ביי די מענער שפילט עס אַ ראָל, לאָז זיי נאָר צו צו זיך.

— אַזאַ דערפאָרונג שוין ביי אייך? איר זייט דאָך נאָך אַזוי יונג?

— מען ווערט פרי אַלט — האָט זי מיט אַן ערנסטער מינע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

איצט האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין די בהלה, וואָס געשעט צווישן די אַרבעטערינס, ווען דער אוזבעק, דער פירער פון בעקעריי, פלעגט זיך באַווייזן.

יעדע איינע האָט אָנגעהויבן אַרבעטן מיט אַ מאַשינאַלער שנעלקייט, לויפן פון איין ווינקל צום אַנדערן, און אַלע האָבן זיי די בליקן איינגעקנאָטן אין די פלעצלעך, כדי זיך נישט צו באַגעגענען מיט זיינע אויגן. דאָס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן. ער פלעגט זיך סיי ווי דערנענטערן צו איינער, צו דער וועלכער ער האָט געוואָלט און איר עפּעס אַריינשעפּטשען אין אויער.

איינע נאָר פלעגט בלייבן שטיין אין זיין אָנוועזנהייט און האָט כסדר געשמייכלט צו אים. דאָס איז געווען אַ רוסישע פרוי, אַ דיקלעכע, מיט אַ פול גלאַנציק פנים, ווי אַרויסגענומען פון אַ בעקן. זי האָט אויסגעזען צו זיין ביי די פּופּציקער. זי פלעגט זיך כסדר דרייען אַרום אים. אָבער ער,

ווי אויף להכעיס, האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך. „גיי צו דער אַרבעט, מאַרישאַ — פלעגט ער איר זאָגן אויף דו — וואָס פּלאָנטערסט דו זיך, דאָ ווו מען דאַרף דיך נישט, גיי!"

די פרוי, ווערנדיק אָפּהענטיק, מורא האָבנדיק זי זאָל נישט ווערן דער ערשטער קרבן ביים וועקסלען די אַרבעטער, האָט זיך דאָך מיט עפּעס געוואָלט נוצלעך מאַכן ביי אים. „גיב, „דיאַדינקאַ" (פעטערל), די שטיוועלעך, איך וועל זיי דיר אויספּוצן, ווי אַ שפּיגל, גיב, גיב". און זי פלעגט זיך אַראָפּקיטשען אויף דער ערד, רייניקן און פּוצן די שטיוול, דאָס מלבוש.

דאָס אייגענע איז אויך געווען בנוגע דעם עסן אין דער בעקעריי. אַלע גרענעצן פון דער אכילה זענען דאָ געוואָרן אויפגעבראָכן, אָן שום אָפּהאַלט.

די פלעצלעך, למשל, האָט מען פון אויבן באַדאַרפן שמירן מיט אייער. די בעקערס האָבן אָבער אויסגעפונען אַ מין שטרוי, האָבן דאָס איינגעווייקט אין וואַסער. און פון דעם וואַסער האָט זיך אויך באַקומען אַ געלער גלאַנץ פון אויבן אויף די פלעצלעך. די אייער פלעגט מען אָפּפרעגלען פאַרן אייגענעם געברויך. מאַכן אַ פאַנקוכן פון אַ האַלבן שאָק. און מיט לעפל, די אוזבעקן מיט די הענט, פלעגט מען עסן פון דער פאַן די געפרעגלטע אייער.

דאָס אַלץ האָט מיך עפּעס דערמאָנט אין רויב, און אַן עקל פלעגט מיך אַרומנעמען.

נישט איינמאָל האָט זיך מיר דערמאָנט צום גוטן דער שטילער צאַנקנדיקער הונגער, דער אומשולדיקער, דער פילאָזאָפירנדיקער.

גאָר אָפּט, אין די טיפע נעכט ביי דער אַרבעט אין דער בעקעריי, האָב איך געהאַט מיינע באַזונדערע אָנגענעמע מינוטן.

די אַרבעט האָב איך שוין געהאַט אויסגעלערנט. זי איז באַשטאַנען אין וועגן די טייגלעך אויף אַ וואָג, אויסקנעטן די טייגלעך, אַן אַרבעט נישט קיין שווערע נאָר אַ געשיקטע. די טייגלעך מוזן פליען אונטער די הענט. דו מוזט האָבן די מאָס אין אויג, דאָס געפיל אין די הענט, אָפּצורייסן דאָס טייגל פון דער פודיקער ראָשטשינע און עס זאָל פּינקטלעך וועגן.

אָרום דיר איז וואָרעמקייט, איז זעטיקייט. אין די דריי אויוונס אין

בעקעריי בליען די פּיערן. דער קאָקס אין די אויוונס גליט זיך אויס, ווי־ רויטע רויזן. דער רויך פון די קוילן איז שוין אַוועק, דער געשטאַנק אַוועק, און דאָס פּייער איז לויטער, איז קלאָר. צונגלעך, בלאָע, רויטע שטעקן אַזוי פאַנטאַסטיש אַרויס פון פייער. זיי באַוויזן זיך און פאַרשווונדן, באַוויזן זיך און פאַרשווונדן. איך וועל פאַרטראַגן אויף די דאָזיקע פייערן, פאַרשווונדן אינגאַנצן פון דער בעקעריי. עפּעס זיך איך צוריק אין אַ יידי־ שער שטוב אין וואַרשע. ס'איז ווינטער אין אַוונט. דער ווייסער קאַכליע־ אויוון גיט פון זיך אַרויס אַ באַטעמטע וואַרעמקייט. אין שטוב איז ליכטיק. איך זיץ אַרום אַ טיש ביי פּשוטער טיי, נאָר די טיי האָט אַזאַ גאָלדענע מראה, און דער אַראָמאַט איז אַ שטאַרקער, פאַרטראַגט דיך אויף אומבאַקאַנטע טיי־פעלדער.

מיט מיר זיצט אַ פרוי, זי איז אין די מיטעלע יאָרן. זי האָט זיך אַמאָל באַקענט מיט מיר, געלייענט מיינס אַ דערציילונג און זיך באַקענט מיט מיר. למען השם מיך געבעטן איך זאָל זי באַזוכן, זי וויל מיך באַקענען מיט אירס אַ טאָכטער. די פרוי אַליין האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַזאַ אַנגענעם געפיל. הגם זי איז זייער אַ באַשיידענע, אַ צוריקגעהאַלטענע קען זי זיין אַזוי דרייסט, אַזוי געוואַגט, ווען איר אינטערעסירט עפּעס. נעמען און אויפזוכן דעם מחבר, וואָס זיינס אַ זאַך האָט ביי איר אַרויסגערופן אינטערעס, קומען צו אים און זאָגן: „אַזוי און אַזוי, געלייענט און נאָך אַמאָל געלייענט, און געפונען פאַר מיין חוב איך דאָס זאָגן". און דאָס שוין אַ פרוי פון אַ דער־ וואַקסענער טאָכטער. „נאָר איר האָט מיך געדאַרפן קענען צו 18 יאָר, צו 20 יאָר — האָט זי מיר געזאָגט — אַפוואַרטן אויף אַ פּראָסט, נאָך אַ טעאַ־ טער־פאַרשטעלונג, נאָך אַ בענעפיס, ביז דער אַרטיסט וועט אַרויס פון טעאַטער; ס'איז שפּעט ביינאַכט, אַ מיידל אַליין, און צו אים צולויפן און דריקן די האַנט: „איר האָט מיך היינט באַגייסטערט, איך וויל אייך אויס־ דריקן מיין דאַנק".

איצט זיץ איך מיט איר ביים טיש. זי איז יום־טובדיק אָנגעטאָן, טראָגט אַ גאָלדן קייטעלע אויפן האַלדז; די פריזור, דאָס פּנים — פאַרפוצט. זאָל דאָס זיין לכבוד מיר?

די טאָכטער איז אין צווייטן צימער, זי דאַרף גלייך אַריינקומען,

מן הסתם גרייט זי זיך פֿאַר. נאָר וואָס האָט זי געקענט מיינען, די פּרוי, מיטן באַקענען מיך מיט איר טאָכטער, פּשוט פֿאַרקנסן מיך מיט איר? מיך צובינדן צו איר הויז? אָבער ניין, דו זעסט דאָך שוין די משפּחה, טראַכט איך, זי וויל פּשוט די טאָכטער זאָל מיך קענען. די שטוב איז דאָך אַ פֿאַרמעגלע־כע לויטן אויסזען, די טאָכטער איז אַן איינאיינציקע. וויל זי דאָס אויף אַזאַ וועג געפֿונען אַ שידוך פֿאַר איר? ניין, נישט מעגלעך. אָבער איך זיך געשפּאַנט. דער נייגער וואַקסט, וואָרום ווער קען ביישטיין אַזאַ נייגער? און וואָס לענגער זי באַוויזט זיך נישט, די טאָכטער, אַלץ אַ בעסער געפֿיל רופֿט דאָס אַרויס ביי מיר. זיכער גרייט זי זיך, דאָס באַווייזט דעם אינטע־רעס, וואָס זי האָט.

איך ווייס שוין דורך וועלכער טיר זי דאַרף אָנקומען. און איך פֿאַר אַלץ מיט די אויגן איבער דער הויכער ווייסער טיר מיט דער מעשענער קליאַמקע.

די מוטער זעט מיין צעטראָגנקייט און טרייסט מיך, זי קומט די מינוט. זי גיט לעקציעס אויף קלאַוויר און זי מוז פֿאַרענדיקן די לעקציע מיט אַ שילערין. איך בין עפּעס אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך פֿון דער דאָזיקער מיט־טיילונג. נישט צוליב מיר זוימט זי זיך. מיינע פֿאַנטאַזיעס זענען אָפּגעהאַקט געוואָרן. מאַלע, מען פֿאַרבעט אַ מענטש אויף אַ גלעזל טיי? זיצן, ריידן אַ האַלבע שעה צייט און זיך געזעגענען. מער נישט. אַזוי האָב איך איצט געפֿילט. איך האָב צו דער ווייסער טיר מער נישט געקוקט.

פּלוצלינג, שוין גאָרנישט ריכטנדיק זיך, האָט זיך די טיר געעפֿנט. די טאָכטער איז דערשינען.

איך האָב זיך אינסטינקטיוו אויפגעשטעלט. איך שטיי פֿאַרבליפֿט. איך ווייס נישט וואָס פֿריער צו באַוואונדערן ביי איר, דעם העלן שמייכל, וואָס איז צעגאָסן איבער איר קיילעכדיק פּנים און דערגרייכט ביזן האַלדז. יאָ, דער האַלדז ביי איר שמייכלט אויך, ער שמייכלט נישט מיט קיין מויל און דאָך זעט מען אַ שמייכל אויף אים; אויף דער קליינער דעקאָלט לייכט מיט אַ שמייכל פֿון איר שוואַרץ ויידענער בלוזע אַרויס; דערנאָך לויפֿט ער, דער שמייכל, אויף איר לייב אַראָפּ, וואָס איז פֿאַרהילט מיט אַ זיידן געפֿעלדלט שוואַרץ קלייד.

זי גייט אַזוי גראַציעז מיר אַנטקעגן. האָר האָט זי שוואַרצע, נישט קיין זיידענע, נאָר אַטלעסענע, אַזוי גלימערן זיי. און אויגן — אויך שוואַרצע, נאָר דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדערער שטאָף, דאָס איז אַ שוואַרץ פייער, וואָס ברענט ווי אונטער קוילן, וואָס ווען זיך באַלד צעפלאַקערן און אַרומכאַפּן אַלץ אין אַ שרפה.

זי שטרעקט מיר אויס די האַנט און זי לאָזט זי לענגער אין מיינער.

— מיר רעדן דאָ אָפט פון אייך, זאָגט זי מיר, קוקנדיק מיר אין די אויגן.

איך וויל איר עפּעס ענטפערן אַ וואָרט, אַ וואָרט וואָס זאָל אויסדריקן מיין אַנטציקונג. פּלוצלינג הער איך אַ געשריי אין בעקעריי, און דער געשריי איז געווענדן צו מיר:

— דו האָסט דאָך איבערגעפירט דאָס געבעקס, האָסט דאָך נישט צוגעדעקט די טייגלעך, ביי דיר אַרבעט האָך דער קאָפּ נישט, — שרייט צו מיר דער אוזבעק אכימאָוו, דער מייסטער איבער מיר.

אַ גליק נאָר וואָס איך האָב ווייניק טייגלעך געהאַט געמאַכט. פונדעסטוועגן האָט מיך דאָס געקאָסט מיין קאַריערע צו ווערן אַ קנעטער, און מען האָט מיך צומאָרגנס אַוועקגעשטעלט ביי אַן אַרבעט אין מאַגאַזין.

קאַפּיטל פיר

דער טאָג פון גערעכטיקייט איז געקומען.

בעת מיר זענען אַמאָל אין אַן אינדערפרי געקומען צו דער אַרבעט, האָט אין בעקעריי געהוזשעט ווי אין אַ בינשטאָק. דער אוזבעק, דער פירער פון בעקעריי, איז אַרעסטירט געוואָרן.

אָבער נישט פאַר זיינע מעשים אין בעקעריי האָט מען אים אַרעסטירט.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געהאַט עטלעכע ווייבער און צענדליקער קינדער. און לעצטנס האָט ער גאָר אַריינגענומען אין שטוב צו זיינער אַן עלטערער פרוי א יונגיטשקע מיידל, אַן אוזבעטשקע, פון אַ יאָר זעכצן.

דאָס האָט שוין נישט געקענט איבערטראָגן זיינע אַ טאָכטער, אַ דערוואַקסענע, איז זי אַוועק אין פּאָליציי און געמאָלדן, ווו ער באַהאַלט אויס מלוכהשע פאַרמעגנס.

פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז, און האָט געפונען אויפן הויף אַן אונטערערדישן מאַגאַזין, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעאַרבעט, אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען אַן אוצר מיט פּראָדוקטן, אַלץ זאַכן, וואָס דער בירגער קריגט דאָס צוגעטיילט. פינף לאַסט־אויטאָס מיט זעק מעל האָט מען אַוועק־געפירט אין פּאָליציי; צוקער, רייז, טיי אין גרויסע קוואַנטומס.

דער מאַגאַזין איז פון אויבן פאַרמאַסקירט געווען מיט ערד. אויף דער ערד האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ בודע און אַ גרויסער הונט איז געווען צוגע־בונדן צו אַ קייט.

דאָס אַלץ זענען מיר געוואָר געוואָרן אויף דער שוועל פון דער בעקעריי.

די אַרבעט אין בעקעריי האָט זיך ווייטער געפירט. די נאָרמעס געבעקס, וואָס מען האָט געדאַרפן צושטעלן, דאָס פייער אין די אויוונס, וואָס קילט זיך גלייך אָפּ, דאָס אַלץ האָט געצוווּנגען די אַרבעט פאַרצוזעצן.

אָבער זי איז געגאַנגען, די אַרבעט, ווי ביי פערד, ביי וועלכע מען לאָזט אָפּ די לייצעס.

איבער דער בעקעריי איז געהאַנגען די פראַגע: ווער? ווער וועט פירן די בעקעריי?

ווי עס פּאַסירט אָפט, איז ער אין יענעם פרימאָרגן גאָר אַ שאָד גע־וואָרן, דער אוזבעק. מחמת זיין פרעסן און זויפן, זיין אַרומהוליען מיט פרויען, האָט ער אַוועקגעקוקט ביי אַנדערע. אַז ער פלעגט עפּעס פּאַקן ביי אַן אַרבעטער אַרויסטראָגן פון בעקעריי, האָט ער עס צוריקגענומען, עס אַוועק־געלייגט און צו אים נאָר געטייטלט מיטן וויַז־פינגער.

דער באַגריף גנבה איז ביי אים נאָר געווען אַ פראַגע פון נישט כאַפּן ביי דער האַנט. ביזט אַ יונג אַ כוואַט, קענסט אַרויסטראָגן מען זאָל דיך נישט פּאַקן, ביזטו עס ווערט.

נאָר די פרויען האָבן זיך אַרומגעדרייט דעם פרימאָרגן מיט אַ שפּל געפּיל. זיי האָבן עפּעס פאַרלוירן פון זייער ווערט.

דערצו האָט נאָך זיי דערקוטשעט די אַלטע רוסישע פרוי, מאַרישאַ, וועלכע דער אוזבעק פלעגט אָפּשטופּן פון זיך. זי האָט זיי גאַרנישט געזאָגט, נאָר געשמייכלט זיי כסדר אין די אויגן. אָבער דער שמייכל האָט געהאַט געגוג באַדייטונג. און זיי פלעגן אויסמיידן, די פרויען, זיך נישט צו באַגעגענען איינע מיט דער אַנדערער.

לאַנג האָט דער צושטאַנד נישט אָנגעהאַלטן.

אַ קעגן מיטאָג איז אָנגעקומען אַ נייער פירער פון בעקעריי. מיט אים איז מיטגעקומען אַ גאַנצע סוויטע: דער הויפּט־דירעקטאָר פון דעם ברויט־קאָמבינאַט, אַ הויכער מאַן ווי אַ ריז, אַ רוס; דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי פון דער שטאָט סאַמאַרקאַנד, אַ פּאַליטרוק, פאַרשטייער פון נ.ק.וו.ד. א. א.

דער נייער פירער פון דער בעקעריי איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק. ער איז געווען גלייך געבוים, אַ פולער, אַ געזונטער, מיט ברוינע געדיכטע קאַשטאַן־האָר, וואָס זענען געווען אונטערגעגאָלט „פּאָ קאַצאַפּסקו" אויף אַ פעטן קאַרק. פון פאָרנט זענען ביי אים די האָר געלעגן אין אַ געמאַכטן קאַרב אויף דער לינקער זייט שטערן. ער איז געווען פריש ראַזירט און אַ טונקעלע ראָם פון דער באָרד האָט אַרומגענומען זיין קיילעכדיק פּנים.

געטראָגן האָט ער אַ פּאָר גראַנאַטאָווע בוף־הויזן, אַריינגעשטעקט אין אַ פּאָר עלעגאַנטע שטיוועלעך. די בלוזע, דער קאַשקעט — אויך גראַנאַטאָווע. דאָס היטל איז ביי אים געלעגן אין אַ זייט, אויפן קאַרב פון די האָר. ביים גאַרטל איז ביי אים אַראָפּגעהאַנגען אַ שיידל אין וועלכן עס האָט געשטעקט אַ רעוואָלווער, וועלכער האָט אַזוי נאַכלעסיק געבאַמבלט אויף אַ רימען. ווי איינער זאָגט, שפּילט אַ ראָלע צו שיסן?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער בעקעריי מיט אַ פּאָר גרויע אויגן און האָט צו קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט, נישט געפרעגט גאָר.

אַלע האָבן גלייך דערפילט, אַז עפּעס שלעכטס רוקט זיך אָן אויף דער בעקעריי.

ביים איבעררייס פון דער אַרבעט האָט מען צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע אַרבעטער.

די גאַנצע סוויטע מיטן נייעם פירער פון בעקעריי האָבן זיך אָוועק־געזעצט ביי אַ טיש און איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי גערעדט צו די אַרבעטער.

ווערטער זענען געפאַלן פון זייערע מיילער, ווי קוילן פון אַ ביקס:

„אויסקערן מיט אַן אייזערנעם בעזים דאָס שלעכטס פון דער בעקע־ריי", „פאַרניכטן די שונאים", „אַן אומברחמנותדיקן קאַמף מיט די שעדלעכע עלעמענטן".

די הויט האָט זיך אויף אַלע געשרומפּן, ווי אויף פערד, ווען מען פּאַכעט איבער זיי מיט אַ בייטש.

אין וואָס דאָס אַלץ וועט זיך אויסדריקן האָבן מיר נישט געוווּסט. לאַנג וואַרטן האָבן מיר נישט באַדאַרפט.

די אַרבעטער האָבן זיך גענומען גרייטן אַהיימצוגיין פון דער אַרבעט. די הכנות צום אַהיימגיין זענען געווען דער אייגנטלעכער ציל פונעם טאָג אַרבעט.

יעדער איינער האָט שוין געהאַט זיינע ערטער, ווו ער פלעגט פאַר־שטופּן אַ שטיקל געבעקס, כדי עס מיטצונעמען אַהיים. דאָס שטיקל געבעקס האָט באַדאַרפט צושמעלצן דעם מאָגערן געהאַלט, וואָס מען האָט געקריגן פון דער אַרבעט; אָפּטמאָל פאַרטרייבן אויך די נויט פון אַ משפּחה־מענטש. דאָס געזעץ האָט אָבער געזאָגט: פאַר גנבענען אַ האַלבן קילאָ ברויט — דריי יאָר תפיסה.

וואָס שאַרפער דאָס געזעץ, מער תחבולות האָט מען צוגעטראַכט. ס'איז געווען צו באַוווּנדערן, ווו די מענטשן איז אַלץ געלונגען צו פאַר־גראָבן דאָס שטיקל געבעקס אין זיך גופא. (קיין שום כלי האָט מען נישט געטאָרט אַריינבעמען אין בעקעריי).

די אויבעקן, למשל, טראָגן ברייטע פאַרביקע גאַרטלען אַרום די אויבערשטע כאַלאַטן. די דאָזיקע גאַרטלען פלעגן זיי אויספּילן מיט גע־בעקס. אַ יידישער בחור פון וואַרשע פלעגט נעמען און אַריינלייגן אַ פלעצל אין דעם רונדן ציקליסטן־היטל, וואָס ער האָט נאָך געטראָגן פון דער היים, רונד אַרום דער דענקע, און אַזוי אַרויסגיין מיטן היטל אויפן קאָפּ.

ער פלעגט זיך דערביי וויצלען: — פונוואַנעט האָבן דאָס די אוזבעקן געוווּסט צו באַקן פּלעצלעך פּונקט די גרייס פון מיין היטל?״

די פּרויען — זיי האָבן דאָך פּריווילעגירטע ערטער, רונדע ערטער, וואָס דאָס באַשטימט נאָר די נאַטור אַליין ווי פול און רונדיק דאָס אָרט דאַרף זיין.

אַזוי אַרום, אַנגעלאָדן יעדער אויף זיין שטייגער, זענען מיר דורך ביים טויער די וואַך אין דער בודקע, ווו יעדער אַרבעטער האָט געמוזט זיין גרייט צו דערלאַנגען דעם גוף פאַר יעדער רעוויזיע.

הייַנטיקס מאָל ביים אַהיימגיין האָבן זיך אַ סך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זיי זאָלן עפּעס פאַרשטעקן אין זייערע פאַרבאָרגענע ערטער.

נאָר וויאַזוי זאָגט מען זיך אָפּ פון דעם? דאָס אַרויסגעטראָגענע שטיקל געבעקס האָט דאָך באַדאַרפן פאַרשטעקן אַזוי פיל לעכער אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן? ס׳איז דאָך נישט מעגלעך געווען אָן דעם צו קענען טרינקען אַ טשייניקל טיי, צו קויפן אַ דרים פאָדים. חוץ מזה האָט דאָך יעדער געהאַט אַרום זיך נפשות, וואָס האָבן אינדערהיים אויסגעקוקט ביז דער „מענטש פון דער בעקעריי״ וועט קומען און וועט „אַרויסגראָבלען״ פון ערגעץ דאָרט אַ שטיקל געבעקס.

פונדעסטוועגן זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן נישט געוואַגט צו נעמען עפּעס. די רייד פון בייטאָג אויף דער פאַרזאַמלונג וועגן „פאַרניכטן די שונאים״, „אומברחמנותדיקן קאַמף מיט די שעדלעכע עלעמענטן״ זענען נאָכגעגאַנגען ווי אַ דראָונג.

ס׳איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, ווען די אַרבעטער האָבן פאַר־לאָזט די בעקעריי.

מען גייט צו צו דער בודקע, דאָ ווו ס׳ווערט דורכגעפירט די רעוויזיע, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, אָבער דווקא גאָרנישט קיין באַזונדערס. דער שומר מיט דער ביקס גיט אויבערפלעכלעך אַ טאַפּ דאָ, אַ טאַפּ דאָרט און דאָס טויער עפנט זיך אויף, ביזט אויף דער פריי, אַזוי מיינסטו.

אַרום איז אַ פינצטערניש. קיין שום באַלייכטונג איז נישטאָ אין די געסלעך, און די אַרבעטער האַלטן זיך גרופּנווייז, כדי עס זאָל זיין היימלעכער.

מען גייט, מען גייט, קיינעם פון די אַרבעטער הערט מען אָבער

נישט ער זאָל גיין פאַראויס, הגם מען האָט דאָך בפירוש געזען אַרויסגיין אַרבעטער פריער פון טויער.

אייניקע פרויען הייבן אָן רופן איינע די אַנדערע, קיין שום תשובה קומט נישט. גייסט נאָך אַ פּאָר טריט און פּלוצלינג — ווערסטו אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער און אַ שלעפּ־געטאָן אויף אַ פעלד אַרויף. דערביי ווערט דיר געפּליסטערט אויפן אויער: „קיין וואָרט, אַז נישט ווערסטו דערשאָסן". דו זעסט שוין, אַז דו געפינסט זיך אין אַ צעפּ אַרום מיט פּאָליציי. ערשט דאָ אויפן פעלד זעסטו, ווו די פאַראויסגייענדיקע אַרבעטער זענען פאַרשוואונדן. דאָס ווערסטו אַזוי אַרום געכאַפּט, כדי די הינטערשטע אַרבעטער זאָלן פון גאָרנישט וויסן, זיי זאָלן נישט קענען אַרויסוואַרפן דאָס באַהאַלטענע געבעקס אָדער אַנטלויפן ערגעץ אויף אַ פעלד אין אַ צווייטער ריכטונג.

אין געציילטע מינוטן האָט זיך די גאַנצע בעקערײַ אַרבעטער געפונען אויפן פעלד.

פּאָליציי — אָן אַ שיעור. אויף יעדן אַרבעטער — אַ פּאָליציאַנט. ס'ווערט אונדז שטרענג אָנגעזאָגט, נישט צו באַוועגן מיט די הענט.

אַזוי ווערן מיר אויסגעשטעלט צו פיר אין אַ ריי, אַרום אונדז אַ קייט פון אויפזעער און מיר ווערן צוגעפירט צום צענטראַלן בנין פון דער פּאָליציי.

די מענער ווערן אַריינגעפירט אין אַ זאַל, די פרויען — אין אַ באַזונדערן. ס'ווערט געגעבן אַ באַפעל זיך אויסטאָן מוטער־נאַקעט און גלייכצייטיק די מלבושים. די קופּקעלעך מלבושים ווערן אַריינגענומען אין אַ צווייטן צימער.

מיר שטייען נאַקעטע, ווי אין אַ שוויץ־באָד און קוקן זיך אָן איינער דעם צווייטן פאַרשעמט.

ביטאָמאָל גיט אַ פּראַל אויף די טיר פון צימער, ווו דאָס אָנטוּעכץ געפינט זיך. איינער, אַ מאַיאָר אין דער ראַנגע, מיט אַ פּאָר בלאָנדע וואָנסעס, מיט אַ פּאָר לאַכנדיקע ציין, אין האַנט אַ רייט־שטעקעלע, וואָס ער קלאַפּט דערמיט כסדר איבער די כאָלעוועס פון די שטיוול, ווייזט אָן אויף אַ הורמע געבעקט וואָס איז געלעגן אויף אַ טיש. ער שרייט מיט די

לאַכנדיקע ציין: „וואָס, סוואָלאַטשי, פאַר סוד וועט איר גיין", און קלאַפּט אַלץ מיט דעם שטעקעלע איבער די שטיוול.

באַקומענדיק דאָס אַנטועכץ, ווערט באַפוילן שנעל זיך אָנטאָן.

דער מאַיאָר האָט אָנגעהויבן אַרויסלייענען פון אַ רשימה די נעמען פון די אַרבעטער און זיי איינטיילן אין צוויי גרופּן.

ענדלעך הער איך אויסרופן מיין נאָמען און מען ווייזט מיר אַז אַ גרופּע צו וועלכער איך זאָל געהערן.

איך האָב גאָרנישט געהאַט באַהאַלטן קיין געבעקס און דאָך בין איך געשטאַנען מיט אַ פלאַטער. שוין אַזאַ נאַטור ביי מיר, קוים באַשולדיקט מען ווען און איך געפין זיך אויפן אָרט, פיל איך זיך דער שולדיקער. דעם אמת מוז איך זאָגן, אַז הגם אין אַנטועכץ האָב איך גאָרנישט געהאַט באַהאַלטן, האָב איך אָבער אַריינגעלייגט אין אַ קליין בלאָ טעפּעלע, וואָס איך פלעג מיטנעמען צו טרינקען אין בעקעריי, אַ קליין שטיקל געבעקס, די גרויס ווי דער באָדן פון טעפּעלע. דאָס טעפּעלע האָט מען מיר אפילו צוריקגעגעבן גלייך מיטן אַנטועכץ, דאָס שטיקל געבעקס ליגט דערין. טאָ וואָס זאָל דאָס באַדייטן? וואָס איז דער גורל פון דער גרופּע צו וועלכער מען האָט מיך אַוועקגעשטעלט?

איך בין געשטאַנען און האָב מיך געעסן פאַר פאַרדראָס. נאָך וואָס, נאָך וואָס האָסטו דאָס געטאָן? אמת, נאָך דעם שטיקל געבעקס פון טעפּע־לע פלעגט אַלע טאָג קומען צו מיר אַ ייד פון לאָדזש, וואָס זיינס אַ זון איז געלעגן אין שפּיטאָל און ער פלעגט אים דאָס צוטראָגן. ער פלעגט מיר ברענגען דערפאַר, דער ייד פון לאָדזש, אַ ביסל קישמיש (ראָזשינקעס) צו דער טיי, אָדער אַ ביסל צוואַרעך. דאָס לעצטע מאָל האָט מיר דער ייד געזאָגט, אַז זיין זון איז שוין נאָך דער אָפּעראַציע, אויסגעהונגערט ווי אַ וואָלף, און פון דעם וואָס ער באַקומט אין שפּיטאָל קען ער זיך אויף די פיס נישט שטעלן. מעגלעך, אַז טיף אין מיר האָט געלעבט דאָס געפיל און איך האָב דעריבער אַריינגעלייגט דאָס שטיקל געבעקס אין טעפּעלע.

ס'האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין צווישן דער גרופּע וואָס איז פריי, פריי אַהיימצוגיין. איך בין נישט אַרעסטירט. די אַנדערע גרופּע האָט מען ערגעץ אַוועקגעפירט.

איבערן וועג אהיים האט מיך אלץ געמוטשעט דער געדאנק: וואס האט געקענט זיין? האבן זיי טאקע נישט דערזען דאס געבעקס אין טעפע־לע? זיי האבן דאך עס געהאלטן אין דער האנט?

נאר ווען דער לאדזשער ייד האט פארטאג אנגעקלאפט ביי מיר נאכן שטיקל געבעקס און איך האב אים דערציילט אלץ וואס עס איז גע־שען די נאכט און דאס שטיקל געבעקס דאך בשלום אהיימגעבראכט, האט ער מיר געזאגט: „דאס איז אין זכות פון מיין זון. איך גאראנטיר אייך, אז איר וועט בשלום איבערלעבן די מלחמה".

צומארגנס האט די בעקעריי אויסגעזען ווי נאך א שלאכט. א העלפט פון די ארבעטער האבן געפעלט.

די ווייבער מיט די קינדער פון די ארעסטירטע האבן זיך אנגע־הויבן זאמלען פארן טויער פון דער בעקעריי. זיי זענען צעטריבן געווארן דורכן שומר.

א שווערע דריקונג האט זיך אראפגעלאזט אויף דער בעקעריי. נישט נאר וואס מען האט קיין געבעקס נישט אהיימגעטראגן, נאר אין בעקעריי גופא האט מען ווייניק געקענט עסן, די מיילער זענען פארוואקסן געווען. שטיל האט יעדער געטאן זיין ארבעט, נישט רעדנדיק איינער צום אנדערן אויסער דאס נויטיקסטע.

נאך דער ארבעט האט זיך יעדער ארויסגעשארט פון דער בעקע־ריי שטיל, באזונדער, ווי עפעס נאך א לויה.

א באליידיקונג האט געברענט ביי יעדן און א מורא האט געפרעסט דאס הארץ.

פארשידענע קלאנגען זענען ארומגעגאנגען וועגן גורל פון די ארעסטירטע. מען האט דערציילט, אז מען האט זיי געשיקט אויפן פראנט צו די געפערלעכסטע ארבעטן, צו רוימען מינעס. אנדערע האבן געזאגט, אז מען האט זיי פארשיקט אין צוואנגס־לאגערן.

די פרויען און משפחה־מענטשן זייערע פלעגן אפווארטן די ארבע־טער, ווען זיי זענען ארויס פון דער בעקעריי, און ביי זיי פארשן וועגן גורל פון זייערע נאענטע. זיי פלעגן אויך בעטן א שטיקל געבעקס פאר די קינדער. אבער סיי דאס ערשטע, סיי דאס צווייטע האט מען זיי נישט

געקענט נאָכקומען. נישט מען האָט עפּעס געוווּסט אויף דער בעקעריי וועגן די אַרעסטירטע, נישט מען האָט געהאַט זיי צו געבן עפּעס פאַר די קינדער. דערצו האָט מען נאָך מורא געהאַט צו געפינען זיך אין זייערע ד׳ אמות און מען פלעגט זיי פשוט אויסמיידן.

דער נייער פירער פון בעקעריי פלעגט זיך איצט דרייען גאַנצע טעג אין בעקעריי. מיט קיינעם האָט ער נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, מיט קיינעם זיך פאַרבונדן, חוץ וואָס האָט אַ שייכות געהאַט מיט דער אַרבעט. און אויף אַלעם איז געלעגן אַ שווערקייט, אַז מען האָט קוים באַוויגן מיט הענט־און־פיס.

אַזוי האָט זיך געצויגן אַ טאָג נאָך אַ טאָג.

איינמאָל, ס׳איז געווען אין די נאָכמיטאָג־שעהן, זיצט דער פירער פון בעקעריי אויף איינעם פון די טייג־ברעטער, די פיס אין די געפוצטע שטיוועלעך אַראָפּגעלאָזט. ער זיצט, קענטיק, אַז ער לאַנגווייליקט זיך, רעדט נישט מיט קיינעם און האָט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. פּלוצלונג האָט ער אַ שטאַרקן נאָס געטאָן. קיינער האָט נישט געוואָגט אים אפילו צו ווונטשן: צום געזונט. ער זוכט אַ נאָז־טיכל אין די הויזן־טאַשן און ביז וואָס־ווען, ביז ער געפינט עס, וואַרפט אים צו אַ מיידל איר נאָז־טיכל. ער האָט עס אַ נעם־געטאָן און — זיך שטאַרק צעשמייכלט. דאָס טיכעלע, אַ טיפּיש מיידלשע, מיט רויטע שפּיצעלעך אַרומגעזוימט, האָט אים שטאַרק דערפרייט, זעט מען. ער נעמט עס צו דער נאָז און קוקט זיך אַרום ווער עס האָט אים צוגעוואָרפן. און אַז ער האָט דערזען דאָס מיידל האָבן זיינע אויגן באַקומען אַ פלעמל, פונקט ווי מען קוקט אין פייער.

דאָס איז געווען אַ יונג מיידל, דוסיא האָט זי געהייסן, פון אַ יאָר צוואַנציק. זי איז געווען העל־בלאָנד, מיט אַ קלאָר פּנים, מיט אַ פּאָר בלאָע אויגן, מיט אַ פאַרשפּיצט נעזל. אַ טיפּיש רוסיש מיידל.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און —ביידע פּנימער האָבן זיך צעשמייכלט.

ער איז גלייך אַראָפּ פון טיש, און איז צוגעגאַנגען צו איר. און ביידע, האָט מען געזען, ווי זיי צינדן זיך איינס ביי סאַנדערע.

ער איז שוין נישט אָפּגעטרעטן פון איר אָרט, און זי, דוסיאַ,

אַ קנעטערקע, האָט איצט געוואָרפן טייגלעך פון זיך ווי פונקען, מיט אַזאַ שנעלקייט.

אין בעקערייַ האָט מען נאָכגעקוקט יעדע באַוועגונג זייערע, ווי עס וואָלט געווען אַ ליבע־סצענע אויף דער בינע. און ס'האָט זיך געפילט ווי נאָך אַ טריבן טאָג באַווייזט זיך די זון.

דוסיאַ האָט זיך צום אַהיימגיין מער געפּוצט היינט ווי שטענדיק. געוואַשן דאָס פּנים, די הענט, געפּאַרבט די ליפּן, פאַרקעמט די פריזור און ער, דער פירער פון בעקערייַ, איז אַלץ געשטאַנען און געוואַרט אויף איר.

זיי זענען אַוועק אינײַנעם.

צומאָרגנס האָט שוין דוסיאַ אַלעמען מבשר געווען: מען קען אַהיימטראָגן פון בעקערייַ, נאָר נישט קיין סך.

דער פירער פון בעקערייַ האָט זיך צומאָרגנס אָנגעהויבן דרייען צווישן די פרויען, ווי אַ האָן צווישן די הינער. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען, אַז ס'איז פאַראַן פרויען אין בעקערייַ.

און אַלע טאָג איז אַן אַנדערע פרוי געקומען און האָט געטראָגן מיט זיך דעם זיסן סוד, וואָס נאָר איר, האָט זי געמיינט, האָט ער דאָס פאַרטרויט. ביי דעם דאָזיקן דרייסיקיעריקן יונג, מיטן פעטן קאַרק, האָבן זיך די כחות צעשפּילט, ווי ביי אַ יונגן ביק. ער האָט צו דער אַרבעט כמעט נישט קיין בליק געטאָן.

איצט זענען אויפגעבראָכן געוואָרן אַלע טאַמעס אין דער בעקערייַ.

די אַרבעטער האָבן זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן ביזן פאַרענדיקן די אַרבעט און פלעגן אין מיטן טאָג מיט עפּעס אַ תירוץ זיך אַרויסכאַפּן פון בעקערייַ און מיטנעמען גאַנצע קופּעס געבעקס. מען פלעגט איצט פרייַ און אָפן צוטראָגן געבעקס צו די שומרים אין דער וואַך־בודקע און יענע פלעגן דאָס אַרויסטראָגן אויף דער פרייַ.

עפּעס אַ שכרות האָט אַרומגעכאַפּט די בעקערייַ, אַ שכרות פון נעמען בשתיקה, פון הוליען מיט ווייבער, פון פרעסן און זויפן.

איך האָב געפילט, אַז דאָס וועט זיך שלעכט ענדיקן.

אַזוי איז טאַקע געווען.

דעם נייעם פירער האָט מען אין דער בעקערייַ אַרעסטירט. די

בעקעריי איז פארחתמעט געוואָרן אויף אַ קורצער צייט. קיינעם פון די
אַלטע אַרבעטער האָט מען מער צו דער אַרבעט נישט צוגעלאָזט.

איך האָב זיך צוריק אָנגעהויבן שליידערן אויף די פּאַליעס פון די
הונגער־טעג.

אין א קאלכאז

ביי מיין אַרומלויפן בעטן אַ ביסל זאַלץ אין קאָלכאָז א. נ. „אַכים באַבייעוו" אין אוזבעקיסטאַן, האָב איך מיך באַקענט מיט אַ יונגן אוזבעק און בין געוואָרן מיט אים היימיש.

עס איז געווען אין די „גוט באַטעמטע" יאָרן 1942—1941. און מיר, אַ גרופּע פון אַן ערך 15 „ביעזשענצעס", זענען געשיקט געוואָרן אין קאָלכאָז אַריין אַראָפּצונעמען „כלאָפּאָק" — רויען ביינוול פון די פעלדער.

אַלע פאַרנאַכט, ווען מיר זענען געקומען פון דער אַרבעט, האָבן מיר באַקומען צוגעטיילט פון „פּרעדסעדאַטעל" פון קאָלכאָז 400 גראַם מעל, די איינציקע דערנערונג אויפן מעת־לעת.

דאָס מעל איז אָפט־מאָל נישט געווען געזיפּט, געווען געמישט מיט שעטשקע, נאָר ווער האָט געקוקט אויף אַזעלכע „קליניקייטן", אַבי אָפּצונאָרן דאָס אויג, אַז עס ליגט פאַר דיר אַ נישקשהדיק הייפעלע מעל.

באַקומענדיק דאָס מעל — כאַטש נעם און שיט עס דיר אין מויל אַריין, פּונקט ווי מען פלעגט אַמאָל שטאָפּן גענדז — נישט קיין כלי אין וואָס צו קאָכן, נישט קיין האָלץ מיט וואָס צו קאָכן און דער עיקר — נישט קיין זאַלץ מיט וואָס באַטעמט צו מאַכן דאָס מאכל.

מילא, מיט האָלץ פלעגט מען זיך ווי־נישט־איז אַן עצה געבן. מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבערן קאָלכאָז און האָבן געהאַקט און גע־ריסן וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט: אַ פּלויט, אַ בוים, סתם אַ דראָנג. און מיט דער צייט איז טאַקע געוואָרן אַזאַ פּרייקייט, אַזאַ אָפּנקייט אַרום דעם קאָלכאָז — אַ מחיה. אין וואָס אָפּצוקאָכן דאָס „געמעל" איז אויך געפונען געוואָרן אַן אויסוועג — אַ יידישע משפחה, וואָס איז באַשטאַנען אויך פון אַ פרוי, האָט מיטגענומען אויפן ווייטן וואַנדער אַן אייזערנע דיניצע (אַ נידריקער טאָפּ מיט צוויי אויערן אין וועלכן מען פלעגט שטעלן טשאָלענט אויף שבת). און די דאָזיקע דיניצע האָט געראַטעוועט

די גרופּע מענטשן פון אַ זיכערן אונטערגאַנג. די דיניצע איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט לויט אַ שטרענגער ריי. און אַזוי האָבן מיר, יעדער לויט זיין „געשמאַק", יעדן טאָג זיך געמאַכט קלוסקעס, געציפּטע, געשני־טענע אָדער איינגעלייגטע, און דערהאַלטן די נשמה, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שפּיץ נאָז.

ערגער איז געווען מיט זאַלץ, מיר האָבן קיין זאַלץ נישט באַקומען. און מיטאַמאָל האָסטו דערפילט: פּע, די וועלט איז ביי אַלע סאָציאַלע רעפאָרמעס איין חלושית. האָסט פאַרלוירן דעם טעם פון עסן, דעם טעם פון לעבן. די גאַנצע וועלט איז געוואָרן אַן אומגעזאַלצענע קלוסקע — אַ שרעק.

איין מאָל אַזוי, אַ צווייט מאָל און מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער די קיביטקעס פון קאַלכאָז בעטן אַ ביסל זאַלץ.

נישט אַלע קאַלכאָזניקעס האָבן אויף דער שוועל אַרויפגעלאָזט, אַנדערע האָבן געטריבן די „ביעזשענצעס" פּשוט פון זייערע טירן.

נישט באַקומענדיק קיין זייף, קיין העמד, קיין וואַרעם וואַסער אין וואָס עפּעס איבערצושוווענקען; שלאָפנדיק אין אַנטועכץ אויף שטרוי, אויף וועלכן מען האָט אַ גאַנצן טאָג אַרומגעטראַטעוועט, — האָבן זיי אַלץ גע־שריגן, די קאַלכאָזניקעס, אַז מיר האָבן די „קריכנדיקע באַשעפענישלעך" מיטגעבראַכט פון אונדזערע היימען צוגלייך מיטן טיפוס און דיזענטעריע, וואָס האָט געפּאַנעוועט צווישן אונדזערע לייט.

נאָר אויף איינעם פון די קאַלכאָזניקעס האָב איך זיך אָנגעשטויסן, וואָס האָט מיך אויפגענומען מיט אַ ברייטן הכנסת אורחים'דיקן מזרח־זשעסט, צוטוענדיק די רעכטע האַנט צום האַרץ.

איך האָב אים געזאָגט מיין בקשה און ער האָט מיר אַרויסגע־בראַכט אַ הויפן זאַלץ אויף דער האַנט־דלאָניע און מיך פאַרבעטן „נאַ טשיי" ווען איך וועל פאַרענדיקן דאָס מאַלצייט.

דאָס איז געווען אַ יונגער אוזבעק אין די דרייסיקער יאָרן, מיט אַן אויסגעפּילט פּנים, מיט פּעט שוואַרצע מאָנגאָליש אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס, און מיט אַ פּאָר שפּיציקע אויגן, עפּעס ווי דער גלאַנץ זייערער וואָלט צוגעשאַרפט געוואָרן אויף אַ שאַרפשטיין, ווי אַ שטאָל.

געטראָגן האָט ער אַן אוזבעקישן טראַכט: אַן אויסגעהאַפטענע טובּיטעיקע און אַרומגענומען אין אַ געבלימלטן טשאַפּאַן (אַ וואַטענער כאַלאַט).

געווען איז ער אַ „פּיסאַר" (אַ שרייבער) אין קאַנצעלאַריע פון קאָל־כאָז און האָט גערעדט אַביסל רוסיש.

איך האָב גערן אָנגענומען זיין איינלאַדונג צו קומען צו אים „נאַ טשיי".

כ'בין שנעל אַוועק אַהיים מיט דער מציאה (מיטן ביסל זאַלץ), זיך דערוואַרט לויט דער ריי אויף דער דיניצע. און מחמת איך בין געווען אויסגעהונגערט נאָך דעם טעם פון זאַלץ, האָב איך שוין דאָס מאָל אויס־געגליכט דעם בילאַנס, זאַלצנדיק פאַר אַלע מאָל.

אַז איך בין געקומען צו אים, איז ער געזעסן אַנידערגעקאַטשעט אויף די פיס פאַר זיין הייזל און האָט, ווייזט אויס, מיך אָפּגעוואַרט.

— סקוטשנאָ — האָט ער מיר געזאָגט דאָס ערשטע וואָרט — און געקוקט צו מיר מיט זיינע שפּיזיקע אויגן.

— וואָס איז, ביזט אַליין? — האָב איך אים געפרעגט.

— אַליין — האָט ער מיר אַ וויז געטאָן אויף זיין ליימענער קיביטקע.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַראָפּגענומען די מעשענע קריג, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ פייערל פון אַ פּאָר אונטערגעלייגטע שפּענדלעך, זיך אַנידערגעזעצט לעבן מיר, אָנגעגאָסן אַ פּיאַלע טיי (אַ געבלימלט שיסעלע), וויטער צוגעטאָן די האַנט צום האַרצן און מיך מכבד געווען מיט דער טיי.

זאָג מיר — האָט ער מיט מיר אָנגעהויבן אַן ערנסטן שמועס — דו ביזט דאָך פון „זאַגראַניצי", ווי אַזוי איז דאָרט ביי אייך מיט שדוכים?

איך האָב אים דעם ערשטן מאָמענט נישט געוווּסט וואָס צו ענט־פערן. גיי, פיר אים אַריין אין דעם פּלאָנטער פון אייראָפּעאישע שדוכים. נאָר פון דעם אַלעם איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דעם אוזבעק מוז דריקן עפּעס אַ שדוך. און דאָס מוז זיין די סיבה פון זיין איבערגעטריבענער גאַסטפריינטלעכקייט.

— האסט שוין א כלה? א ווייב? — האב איך אים געפרעגט, אנשטאט צו ענטפערן.

— דרוג מוי — האט ער אנגעהויבן — אט דאס איז עס.

ער האט זיך צוגערוקט צו מיר נענטער, זיין אטעם איז געווארן א הייסער.

— זעסט? — האט ער מיר געוויזן מיט דער האנט — אט א דארט אין א דארף האב איך געזען א מיידל און — ער האט זיך געקלאפט מיט דער האנט אויפן הארצן — א לאך האט זי מיר דא אויסגעברענט.

און ער האט מיר געגומען דערציילן, אז ער האט שוין איבערגע־רעדט מיטן פאטער פון דעם מיידל וויפל רובל ער דארף אים ברענגען נדן. און ער האט געקליבן א רובל צו א רובל. פלוצלונג איז אויסגע־בראכן די מלחמה, דער רובל האט פארלוירן פון ווערט און דער פאטער אירער וויל נישט הערן פון קיין געלט, ער וויל אלץ זאל געסילוקט ווערן אין שעפסן און ציגן.

האט זיך פאר דעם יונגן אוזבעק איבערגעקערט די וועלט, ער האט געדארפן אנהייבן בויען זיין צוקונפטיק גליק אויפסניי — שעפסן און ציגן וואס זענען מיט גאלד גלייך.

— אלץ בעסער ווי ביי אונדז — האב איך אים געטרייסט — ביי אונדז וועסטו דאס מיט א פאר ציגן נישט מאכן.

אזוי זענען מיר געזעסן פאר זיין הייזל, דער הימל איז געווארן בלויער און בלויער. די מלחמה האט אין דער צייט געברענט, לענדער זענען צעשטערט געווארן איבער נעכט, שטעט — אפגעמעקט געווארן פון דער ערד. און מיר האבן „געשפראכן דעם אייביקן געשפרעך”, וואס האט זיך אנגעהויבן צווישן אדם און חוה און ציט זיך איבער אלע דורות: וועגן זיווג.

פון יענעם אוונט אן בין איך געווארן אן אפטער איינגייער ביי דעם אוזבעק.

א שטארקער פריינטשאפטס־בונד האט אונדז געהאלטן: מיך — דאס זאלץ און אים — דאס אראפרעדן זיך וועגן שדוך.

איינמאל בעת איך בין געקומען צו אים, האב איך אים געטראפן

אין אַ פרייליכן צושטאַנד. ער איז געווען אַנגעטאָן אין אַ נייעם כאַלאַט, פריש ראַזירט, די וואָנסעס — שטייף אַראָפּ ווי די בערשטלעך. די שטיוול זענען ביי אים געווען אויסגעשמירט מיט טראָן. פיר ציגן זענען געשטאַנען געפּענטעטע מיט אַ שטריקל די הערנער. שעפּסן, פינף שטיק, מילדערערע ברואים, ווי די קאָזעס, זענען געשטאַנען פריי צום אָפּמאַרש. ביי דער שוועל איז גערולדיק געשטאַנען אַן אייזעלע און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן געוואַרט אויפן בעל הבית.

דער אוזבעק איז טאַקע באַלד אויפגעריטן אויפן אייזעלע, דאָס שטריקל מיט די ציגן געהאַלטן אין דער האַנט און די שעפּסן געלאָזט אויפן וועג אַרויף.

ער האָט מיר שוין גאָרנישט געדאַרפן זאָגן. זיינע אויגן זענען געווען צעפּייערט ווי די שטורקאַצן.

איך האָב אים געפּאַטשט מיט דער האַנט, געווונטשן אים גליק און ער איז אַראָפּ אין דעם ווייסן שטויב פון וועג, וואָס האָט געפירט פון קאַלכאַז אין דאָרף אַריין.

פון דעם מאָמענט אָן איז דאָס הייזל זיינס ביי מיר געוואָרן אַרומגענומען מיט אַ באַזונדערן רייץ. איך האָב זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן דעם מאָמענט ביז איך וועל פון פעלד אַראָפּ און בין געלאָפן צו זיין קיביטקע. אָבער די קיביטקע איז געשטאַנען אַ פאַרקלאַפּטע, קיין לעבעדיק נפש האָט מען דאָ נישט געזען.

מיך האָט אַן אומעט אַרומגענומען, גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ נייע צרות דער אוזבעק האָט אויסצושטיין פון דעם האַרטנעקיקן פאָטער פון דעם מיידל.

אַזוי איז דורך אַ טאָג נאָך אַ טאָג און קיינער איז אַרום דער קיביטקע נישט געווען.

ביי מיר האָט זיך שוין ווידער אָנגעהויבן פילן אַ מאַנגל אין זאַלץ.

איינמאָל, איך גיי אַרויס קוקן אויפן וועג און זע ווי מיין אוזבעק רייט אויפן אייזעלע און אויפן פאָדערשטן געזעס זיצט אַ פרוי פאַרהילט דאָס פּנים מיט אַ פאַראַנזשע.

איך האָב זיך געשטעלט אין אַ זײַט, דער אוזבעק זאָל מיך נישט זען און באַוואָרפן מיט מײַנע בליקן די פרוי.

ווי אַזוי זעט זי אויס? און בכלל, ווער איז זי וואָס האָט אים אַ לאָך אויסגעבערענט אין האַרצן?

מילא, ווען פּנים איז דאָך אָפּגערעדט, דאָס פּנים קען איך נישט זען. איך האָב געפּרוווט מיר זי פאָרשטעלן לויט די פיס אירע, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון איזעלע, פון אירע גלידער, וואָס האָבן זיך געשניטן פון איר פאַרביקער הלבשה. איינס וואָס איך האָב פעסטגעשטעלט: זי איז דין און מיטלוואוקסיק.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך האָב עפּעס אָפּגעפילט, אַז זי מוז זײַן אַ יונגיטשקע, אַ צעבליטע, ווי אַ פריש צווייגל.

דערנענטערן זיך צו דער קיביטקע האָב איך מורא געהאַט. איך בין אַ פרעמדער מאַן און דאָס קען זיך שלעכט ענדיקן פאַר מיר.

אָבער שטילערהייט האָב איך באַשלאָסן, אַז איך מוז זי זען. אַן אומגעשטילטער דורשט האָט מיך אַרומגעכאַפּט אָנצוקוקן די דאָזיקע פרוי.

איך האָב אַלע פאַרנאַכט געטשאַטעוועט אויף זייער קיביטקע. און מאָדנע, דעם אוזבעק אַליין האָב איך אויך אויפגעהערט צו זען אינדרויסן פאַר זײַן הייזל. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מײַן נײַגער. דאָס גאַנצע הייזל איז עפּעס אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ זיסן סוד, וואָס האָט גע־מאַכט אויפציטערן דאָס האַרץ.

און עס איז געשען, איך האָב זיך דערוואַרט אַמאָל און געטראָפן דעם אוזבעק אָוועקרייטן אויפן איזעלע.

איך בין צו צום הייזל מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, פּונקט ווי איך זאָל זיך גרייטן צו מאַכן אַן איבערפאַל; בין צו צו דער טיר אין וועלכער ס'איז געווען אַ שייבל אין דער שטוב אַרײַן, דאָס איינציקע פענצטערל וואָס האָט בייטאָג געגעבן ליכט.

זי איז געשטאַנען אין דער מיט שויב.

ניין, מײַן געפיל האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. זי איז געווען אַ יונ־גיטשקע, אַן עלאַסטישע. דער קאָפּ איז ביי איר געווען פאַרפלאָכטן מיט

אַ סך דינינקע צעפּעלעך, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר נאַקן, ווי געשטריקטע פראַנדזן פון אַ טוך.

אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ לאַנג געבלימלט קליידל, וואָס האָט אויסגעדאַכט, אַז די בלומען האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון איר קערפּער. נאָר דער עיקר, אירע אויגן, זיי האָבן אינגאַנצן קיין ווייסלען נישט געהאַט. לענגלעכע זענען זיי געווען, ווי פלוימען געפּרעגלטע אין צוקער. אַזאַ זיסן גלאַנץ האָבן זיי פאַרמאָגט.

זי האָט מיך דערזען און האָט אַ שמייכל געטאָן. איך בין שנעל אַוועק פון דער טיר, נישט געוואָלט קומען אין קאָנפליקט מיט אַ מענטשן, וועלכער האָט מיר אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט.

אַבעו״ וואָס אַן אמת האָט מיר דער דאָזיקער מזרח־מנהג אָנגעהויבן אימפּאָנירן: אָוועקפירן אַ פּאָר ציגן, אַ פּאָר שעפּסן און אַהיימברענגען אַ פאַרהילט ווייבעלע מיט אַזאַ פּאָר זיסע אויגן.

אין טאג פון נצחון

(דעם 9־טן מאַי 1945, ווען דער היטלעריזם איז געפאַלן)

שוין באַגינען האָבן אָרקעסטערס געשאַלט אין דער וויטער שטאָט פון מיטל־אַזיע — טאַשקענט.

ס'איז דאָך געווען אין די ערשטע ויידענע טעג פון חודש מאַי. און הימל און ערד האָבן זיך אַזוי ליבלעך אויסגעשפרייט פאַר די געפּייניקטע מענטשן צו פייערן זייער נצחון איבער דעם גרעסטן בייז אויף דער ערד — איבער דעם נאַציזם.

פון אַלע היזער האָבן מענטשן געפּראַלט אין גאַס אַריין. ס'האָט נישט געלאָזט איינרוען. די פרייד האָט געשפּאַרט צום האַרצן. מען האָט זיך געוואָלט טיילן מיט פריינט, מיט באַקאַנטע. און די שטאָט איז פאַרפלייצט געוואָרן פון יונג און אַלט.

אַז עס האָט זיך דערטראָגן פון ווו־ווּיט אַ קלאַנג פון מוזיק, האָבן מענטשן צונויפגעשלאָסן די אָרעמס און — געטאַנצט. און געשפּילט האָט מען אויף אַלערליי כלים און אינסטרומענטן.

חוץ די אָרקעסטערס, וואָס האָבן געשפּילט אויף עפנטלעכע פּלעצער, האָט יעדער איינער, וועלכער האָט נאָר פאַרמאָגט אַ מאַנדאָלינע, אַ באַלאַלייקע, אַ האַרמאָשקע, מיטגעבראַכט דעם אינסטרומענט אין גאַס אַריין — געשפּילט און מענטשן אַרום האָבן געטאַנצט. אומבאַקאַנטע האָבן זיך די הענט געדרוקט. ביים באַגעגענען זיך מיט היימישע זענען טרערן געקומען אין די אויגן. פון יעדער באַוועגונג, פון יעדן קלאַנג האָט זיך אַרויסגעהערט: דער שונא איז טויט, דער שונא איז טויט, מיר לעבן ווידער!

אויף איינער פון די באַלעבטסטע גאַסן פון שטאָט האָבן זיך באַוויזן צוויי אינוואַלידן פון דער מלחמה.

זיי זענען געגאַנגען געאָרעמט און האָבן זיך געמוזט, ווייזט אויס, אַרויסשאַרן פון שפּיטאָל שטילערהייט, מחמת זיי זענען געווען אַנגעטאָן אין געשטרייפטע שפּיטאָל־כאַלאַטן.

איינער פון זיי איז געווען בלינד, גענצלעך בלינד אויף ביידע אויגן. ער האָט נישט געטראָגן קיין ברילן, קיין באַנדאַזשן, נישט פאַר־שטעלט די צוויי גרויל־לעכער, מיט זיימלעך רוי־פליישיק אַרום, אַנשטאָט אויגן.

ער איז נאָך געווען יונג, גלייך געבויט, מיט בלאָנדע האָר, וואָס האָבן געבליט אויפן קאָפּ, ווי אויף אַ פעלד.

דאָס פּנים ביי אים איז געווען אַ קלאָרס, אַ העלס, מיט אַ גלייכער נאָז און אַ הויכן שטערן. און די ליידיקע אויגן־לעכער זענען ביי זיין אויסזען נאָך מער פאַרטיפט געוואָרן און האָבן מיט טונקעלער בלינדקייט געמאַכט דאָס פּנים צום אויסזען ווי אַ סטאַטוע.

אין איין האַנט — אַ שטעקן און מיט דער צווייטער — זיך אָנגעהאַלטן אין אָרעם פון זיין חבר, אויך אַן אינוואַליד.

דער חבר זיינער האָט יאָ געהאַט אויגן. נאָר, ווייזט אויס, אַ קויל האָט אים געמוזט טרעפן אין קאַרק און האָט אוממעגלעך געמאַכט, אַז דער קאָפּ זאָל זיך ביי אים האַלטן גלייך. דער האַלדז האָט פאַרלוירן די שליטה און דער קאָפּ האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן לינקן אַקסל, עפּעס ווי אַ צווייטער מענטש וואָלט פון אים אַראָפּגעקוקט.

זיין פיגור איז געוואָרן משונהדיק, אויסגעקרומט, פאַרהויקערט, איין אַקסל אַרויף, דער צווייטער אַראָפּ, און דאָס פּנים — שטייף און פאַרביסן.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער מיט אַספאַלטירטער גאַס, וואָס איז געלעגן ווי אַ שוואַרצער שפּיגל און אויף איר גלאַנץ זענען טראַמווייען, אויטאָבוסן, מאָטאָציקלען געלאָפן מיט אימפּעטיקער שנעלקייט.

דער אינוואַליד מיטן ליגנדיקן קאָפּ אויפן אַקסל איז געגאַנגען פאַר־אויס און נאָך אים האָט זיך בלינד־טאַפּנדיק נאָכגעריטשט דער אַנדערער, ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים וואָס ווערט געשלעפּט.

זיי זענען אריין אין דעם קאָך פון די באַוועגלעכע מאַשינעס, וואָס זענען געלאָפן פאַר זיי און הינטער זיי.

דער ערשטער האָט קרום, ווי דער קאָפּ, וואָס איז ביי אים געלעגן, מיט אָנגעזאַמלטן האַס, אַלכסונדיק צעשפּרייט די הענט מיטן אויפגעהויבענעם שטעקן און אַ געשריי געגעבן צו דער גאַסן־באַוועגונג פון ביידע זייטן:

האַלט! האַלט! שטיין־בלייבן!

ער איז געבליבן שטיין מיט די צוויי אויסגעשפּרייטע הענט, ווי אַ שלאַבאַן, וואָס פאַרהאַלט דעם פאַרקער.

זיין געשריי איז געבליבן שטעקן אין חלל פון דער גאַס און אַלץ איבערגעהאַקט, ווי אַ שווערד זאָל זיך אַראָפּלאָזן. די גאַסן־באַוועגונג איז געוואָרן פאַראַליזירט. טראַמווייען זענען פאַרהאַלטן געוואָרן, אויטאָבוסן — אויפן אָרט געבליבן. ס'איז שווער געווען צו וויסן זייער כוונה, זייער מיין.

אין דער גרעסטער סכנה פון אַ פאָרנדיקער מאַשין לויפן זיי אונטער און מיטן אייגענעם גוף, מיטן אייגענעם לעבן פאַרהאַלטן זיי איר.

קיינער האָט נישט רעאַגירט, די מאָטאָר־פירער פון די טראַמווייען האָבן אפילו נישט געקלונגען ווי זייער שטייגער איז, מען זאָל פון וועג אַראָפּ. מען האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז די צוויי אינוואַלידן זענען אין „טאָג פון נצחון" אַרויס פון שפּיטאָל מאַכן זייער חשבון.

דער בלינדער האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן פאָכן מיטן שטעקן און שרייען און זידלען. מיט יעדן שמיץ מיטן שטעקן האָט מען געזען, ווי ער וויל שלאָגן, ער וויל שלאָגן די וועלט. און ער האָט זיך אַזוי צעשפּילט אין זיין כעס, דער קאַרק איז ביי אים געוואָרן רויט, און דער שטעקן איז געפלויגן רעכטס און לינקס, רעכטס און לינקס. דער מיטן אויסגעקרומטן קאָפּ האָט צו אים אַרויפגעשמייכלט און אים אונטערגעטריבן: „דערלאַנג זיי, דערלאַנג זיי".

די גאַס איז געוואָרן שוואַרץ פון מענטשן, פון די טראַמווייען האָבן קעפּ אַרויסגעהאָנגען. אַ געיעג פון מאַשינעס מיט מענטשלעכע קערפּערס, וועמענס כוח איז גרעסער?

ס'איז געווען צו זען, אַז די צוויי אינוואַלידן ווילן פאַרהאַלטן דעם

סדר פון דער וועלט, זיי ווילן, אַז דאָס לעבן זאָל ווייטער נישט גיין. זאָל אַלץ שטיין־בלייבן, אַזוי ווי דאָס לעבן האָט זיך ביי זיי אָפּגעשטעלט. מן הסתם האָבן זיי זיך אַזוי פאַרגענומען צו טאָן אין זייער לעבעדיקן קבר, אין שפּיטאָל. נאָר ווייזט אויס, אַז זיי האָבן דערפילט זייער גאַנצע אוממעכטיקייט, אַז דאָס איז נאָר אַ שפּיל אויף אַ מאָמענט, אַז דאָס איז נישט דאָס נקמה־געפיל, מיט וועלכן זיי האָבן זיך געגערט אין שפּיטאָל.

דער עיקר האָט דאָס דערפילט דער בלינדער. פאַר אים איז דאָך פאַרדעקט די וועלט. ער שאַרט דאָך בלויז אין דער לופטן מיטן שטעקן, ער טרעפט דאָך קיינעם נישט. זיי זענען דאָך זעעוודיקע, די מענטשן אַרום. זיי קענען דאָך אויסמיידן זיין שטעקן, זיי קענען זיך אויסהיטן. און ער האָט זיך צעוויינט אין מיטן גאַס.

— סוואָלאַטשי ! סוואָלאַטשי ! — האָט ער געשריגן אויף רוסיש — פאַרוואָס האָט איר ביי מיר צוגענומען די אויגן, פאַרוואָס האָט איר ביי מיר צוגענומען די אויגן — — —

הים

דאס ווייסע הויז

צו פערצן־פופצן יאָר בין איך אָנגעקומען אַלס שיק־יונגל אין אַ געשעפט.

דאָס געשעפט אונדזערס, „דאָס ווייסע הויז״, איז געווען אַ העל אינדזעלע אין דער גראָקייט פון שטיינערנע בנינים אַרום.

די שילד, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער לענג פון דריי פענצטער — דאָס געשעפט איז געווען אויפן צווייטן שטאָק, — איז געווען העל אונטערגעשטרייכט און מיט אַ גאָלדענער שריפט: „דאָס ווייסע הויז פון מאַקס אַדלער״.

דער לאָקאַל איז געווען אַ צוואַנציק־מעטערדיקער און גערוימער, אויסטאַפּעטירט אין ווייסן. און דרייקאַנטיק אַרום, אין דער פאָרעם פון אַ „ח״, זענען געשטאַנען ווייס־געפּאָקסטע טאַשעוואַניעס. היגטער זיי — לויפנדיקע, שפּרינגענדיקע און צו יעדער נייטיקער מינוט שמייכלענדיקע מיידלעך, אין ווייסע שירצן אָנגעטאָן, וואָס האָבן פּיסקלדיק גערעדט. אויף די גומי־בענדלעך, אַרום דער טאַליע, האָבן ביי זיי אַרומגעצאַפּלט קליינע שערעלעך, וואָס זענען ביי יעדער באַוועגונג אונטערגעשפּרונגען מיט צעעפנטע שנעבעלעך אין דער האַנט אַריין, גרייט ווי די שטיפערס צו שניידן. און העלע פאַליצעס האָבן זיך געצויגן ביז צום סופיט מיט פאַרשידן אויסגעסדרטע אָפּטיילן פון שאַכטלען, פון פּאַקונגען, און אַלע זענען זיי געווען ווייסע, ווי אַ געלאָשענער קאַלך.

אויב ס׳האָט זיך עפּעס אָפּגעשלאָגן אין דער דאָזיקער ווייסקייט, זענען עס געווען די גאָלדענע עטיקעטן מיט פאַרשידענע פאַרצירונגען, וואָס האָבן דערציילט וועגן גרויסן יחוס פון די וועבענע לייוונטער, גע־שטיקטע גאַרדינען, טישטעכער, האַנטעך־צייגן, וואָס דאָ איז צו באַקומען.

דערצו זענען די דריי גרויסע פרייע פענצטער אַרויסגעגאַנגען אויף

מזרח, און די בלאַנקענדיקע שויבן זייערע, האָבן ביי אַ ליאַדע שפּיל אויפן הימל זיך צעשמאָלצן און אַריינגעטריפט אין ליכטיקן לאַקאַל־רוים פאַליעס גאָלד־־זוניקייט. האָט עס אויסגעזען, ווי פון הימל־אויס וואָלטן זיך די אַלע זון־באַגאָסענע וועבשטאָפן דאָ טאַקע אויסגעוועבט.

אין אַ מאָמענט, ווען וועלכע פון די פּאַרקויפערינס פלעגט פאַר אַ קונה אויפוואָרפן אַ שטיקל וויסוואַרג, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די העלקייט איז אויפגעשפּרונגען, צעפלויגן פון זיך אַליין.

דער שעף מיינער, מאַקס אַדלער, איז ווי אַרויסגעוואַקסן פון דער בראַנזשע. פון אים האָט אַזאַ ווייסקייט אַרויסגעלויכטן, ווי ער וואָלט אָנשטאָט בלוט — מילך געהאַט. דאָס פּנים זיינס איז קלאָריטשקע, אָן אַ פּגם׳ל געוועזן, באַזיימט מיט אַ שוואַרץ לאַפּאַטקע־בערדעלע, וואָס האָט פון דעם שוואַרצן רעמל נאָך העלער אַרויסגעשיינט. הענטלעך — איידל אויסגערוטע, פּוכיקע, ריינע. נאָר ווי די גאַנצע ווייסקייט וואָלט אָנגע־הויבן פעצן אין אים און אָנזעצן זיך, האָבן ביי אים אַזעלכע פּוטערדיקע וויסאָפּלען פון די שוואַרצע אויגן אַזוי מילכדיק אויף דער וועלט געקוקט. ס׳איז גלייך געוועזן צו דערקענען, אַז ער האָט עפּעס אַ שייכות, נישט נאָר אַ געשעפטלעכן, צו די איידעלע ווייסוואַרגן.

אויך בטבע איז ער געוועזן אַזאַ לייכטער, אַ פּוטערדיקער, נישט צופיל געקאָכט, געשוימט זיך. אין דער פרי איז ער רעגלמעסיק געקומען אין געשעפט אַריין. זיין זייער געמיט האָט אויף אַלעם דאָ גערוט. באַ זיין אָנקום איז דאָס געשעפט שוין געוועזן אָפן און אַלץ אויפן אָרט; צוגע־רוימט, אויסגעשטויבט; די פּאַרקויפערינס, די קאַסירערין — אויף זייע־רע פּלעצער. דער בלאָנדער ייִד, דער בוכהאַלטער, מיט דעם צוגעשוירע־נעם בערדעלע און לאַנגער געהאַקטער קאַפּאָטע, וואָס פירט שוין דאָ די ביכער פונעם ערשטן טאָג, ווען דאָס געשעפט האָט זיך געעפנט, איז שוין געזעסן אין דעם קאַנטאָרל אין זיידענעם קאַפּעלע, און איך אין מיין ווינקל — גרייט צו גיין אַ שליחות. אין דער דאָזיקער דיסציפּלין, וואָס צען מענטשן זענען אין איר שפּאַן געגאַנגען, זענען עפּעס די שטריק פון דער צוים געוועזן אָנגעזייפטע, — מען האָט זיך לייכטער אַריינגעגליטשט, נישט אַזוי בעת מעשה דעם עול געשפּירט. הער אַדלער פלעגט זיך אָוועקזעצן

בײ דעם שרײב־טיש און נעמען קוקן אין די השבונות. געזעסן איז ער סאָליד, אַ פוס פאַרלײגט אויף אַ פוס, און אַזאַ רויקע, גאַרנישט פאַרלאַנגענדיקע צופרידנקײט אַרום אים. ס'האָט אַלץ פון אים אַראָפּגעטאָנצט, אַלץ פון אים צופרידן געווען, אפילו די הויזן זענען אַזוי גוט געלעגן אויף אים, אַז זײ האָבן זיך אַזוי גראָד געהאַלטן אין קנײטש, נישט אַ ברעכל זיך צו טאָן. דאָס שטײענדיקע קראַגנדל, די מאַנזשעטלעך, „דאָס הערצל״, האָבן אַזוי ווײסלעך אַרויסגעלויכטן פון אים. דערצו איז ער געווען אַ מאַן אַ הויכער, אַ ברונעטער. יעדע פון די קונהטעס, וואָס איז אַרײנגעקומען, האָט זיך ווירדיק פאַרנײגט פאַר אים און מיט אַזאַ צופרידענער מינע זײן באַגריסונג אויפגענומען. און אַ שפע איז צו יענער צײט געווען — קונים זענען געגאַנגען און געקומען. ס'איז געווען בײם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס לאַנד פוילן, וואָס האָט זיך געוואַקלט צווישן שטענדיקע קריזיסן, האָט זיך גראָד געשטעלט אויף דער גוטער צײט. די קונים — אַלע כמעט פון רײכן שטאַנד. דאָס האָט שוין די בראַנזשע גורם געווען. יוסטע, אַלט־באַזעסענע בעל־הביתטעס מיט שנירלעך פערל אויף די גוידערדיקע העלדזער, מיט שוואַרצע סאַמעטענע הוטן אויף די נגידישע קעפּ, זענען זײ געקומען נאָך די וועבענע ציכן, געהאַפטענע גאַרדינען, טײערע געשטיקטע יועש, וואָס אינדערהײם האָבן בעלי־בתישע פאַרשלאָסענע קאָמאָדעס געוואַרט אויף זײ. אָדער עס זענען געקומען כלות נאָך אויסשטײערס. מיט זײ זענען שטענדיק מיטגעקומען מחותנתטעס פון בײדע צדדים. די כלה, די בעל־הביתישע טאָכטער, פלעגט שטײן אַ האַלב־פאַרשעמטע און זיך נישט אַרײנמישן, בעת מען האָט גערעדט וועגן לײלעכער, בעטצײג. נאָר זײ, די מאַמעס, וואָס טײל זענען שוין אָדער האַלטן בײ באָבעס ווערן און האָבן שוין צו האַלבע טוצן קינדער פון זײערע טראַכטן אויף דער וועלט געבראַכט, האָבן אַזוי פרײ גערעדט וועגן „זײין״ און „איר״ וועש און אַלץ זיך באַראַטן מיטן הער אַדלער.

הער אַדלערס וואָרט איז געווען הענצידירנדיק, האָט לאַנג אינדערהײם צוגעשמײכלט בײם אויפציען און אָפּציען די ווײסוואַרגן. זײן אײביק קלוג ווערטעלע פלעגט זײן: „און איך וואָלט איהנען געראַטן דאָס צו נעמען״. דאָס פלעגט געשען נאָכדעם ווי די מײדלעך, די פאַרקויפערינס, האָבן זיך די

העלדזער אויסגערעדט, שעה'ן מיט די אויסדרעסירטע פיסקלעך געדרייט, ווי די מאַריאָנעטקעס, און אויפגעוואָרפן צענער מוסטערן שטאָפן פאַר די פאַרצויגענע, קאַפּריזנע נגידישע פרויען. אָבער לסוף האָבן זיי די הסכמה פון הער אדלער אויך געוואָלט. פאַרוואָס טאַקע נישט? און ער האָט זיין קלוג מיינונגל, וואָס ער האָט עס געהאַט איינגעגעסטיקט אונטער זיין גלאַטיק־שיינענדיקן שטערן, מיט אַ שמייכל זיי אָקעגנגעטראָגן: „איך ראָט איהנען דאָס", — און זיי זענען צופרידן געווען: עפּעס אַ קלייניקייט הער אַדלער! — ער האָט דאָך אַזוי אימפּאָנירט זיינע קונדן. וואָרום מער פאַר אַלץ האָט ער פאַר זיי פון אַ יחוס געשטאַמט, פון די אַדלערס — אַ משפּחה, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט אויסהיטן יידישקייט אין אַלע אויס־לאַנדן, אין די סאמע קריסטלעכסטע אפילו, ווו עס איז איינעם פון איר אויסגעקומען צו שטודירן אָדער צו פאַרברענגען אין די וואַרעמבבעדער. דערצו האָט ער אַ פרויעלע געהאַט, וואָס האָט אים גרויס אָנזען אין זיין שטאַנד פאַרשאַפט. געווען איז זי אַ ראַבינערס אַ טאָכטער פון אונגאַרן, ווייט געווען פון יידן, — מער ווי אַ דריי מנינים האָט די געמיינדע אין מעזשעהעדע, ווו איר פאָטער איז ראַבינער געווען, נישט פאַרמאָגט. זי קאָן טאַקע עד היום קיין יידיש וואָרט נישט, נאָר אַ למדנית. — זעט מען דאָס נישט! די ביבל — גאַנצע קאַפּיטלען אויף אויסנווייניק, אי אויף לשון קודש, אי אויף דייטש. שיין ——אַ פּריצעטע, נישט צו דערקענען אַז ס'איז אַ יידיש קינד. אַז זי גיט אַ נעם דעם בינאָקל פאַרן אויג, נישט אַנדערש — אַ כראַבינע. וואָס איז דער וווּנדער? ווו זעט מען דאָס באַלד אַזאַ קאָפּ בלאָנדע לאָקן, וואָס איינער קאַרבט זיך אין דעם אַנדערן אַריין? אַ היים האָט זי פאַר אים געשאַפן אַ שטילע, אַ שטרענגע. מיט די משרתים זיך באַגאַנגען, ווי די דרעסירער מיט חיות: געצוימט, געהאַמעוועט און באַוועגט זיי מיט אירע שטרענגע בליקן, ווי מיט פאַכענדיקע בייטשן. אַזאַ שטילקייט איז טאַקע געווען. צוויי קינדער, אַ מיידעלע און אַ יונגעלע, האָט זי אַזוי אויסגעפּיעשטשעט, אַז זיי האָבן מיט זייער דעליקאַטער בלייכקייט געמאַכט דעם איינדרוק פון ספּעקטן־פלאַנצונגען, וואָס ווערן געהאָדעוועט אונטער אַ גלאָז און ווערן קיינמאָל נישט אויסגעצוואָגן פון די נאַטירלעכע לופטיקע ווינטן.

מאַקס אַדלער, דעם מאַן, — הגם ס׳האָט געהייסן, ער איז ווייט הינטערשטעליק לגבי איר — האָט זי אונטערטעניק געשעצט. פלעגט אַלע פּאַרנאַכט, ביים שליסן דאָס געשעפט, קומען נאָך אים. דאָס האָט געהייסן, זי גרויסט זיך נישט קעגן אים, האָט אים אַרויפגעזעצט די קרוין פון איר פאַמיליע, ווייל ער איז דאָך איר מאַן.

און אַז דאָס פּאָרפאָלק אַדלער מיט די צוויי קינדערלעך פּאָרויס איז איבער דער גאַס געגאַנגען, — ווער פון בעל־הבתישן עולם האָט דעם קאָפּ נישט אויסגעדרייט? נו, איז אַ וווּנדער געווען, וואָס די נגידישע ווייבער האָבן אַזאַ פּיעטעט געהאַט פאַרן הער אַדלער און האָבן נאָר גע־צויגן אין „ווייסן הויז״ אַריין? און וואָס מער דאָס געשעפט איז אים גע־גאַנגען, וואָס מער מען האָט זיך אַנדערציילט וועגן זיין רחבותדיק לעבן, אַלץ מער מאַגנעט האָט עס פאַר זיי געהאַט, און יעדע בעל־הביתישע שטוב האָט געניצט ווייסוואַרג נאָר פון „ווייסן הויז״.

איך בין געקומען פון אַ שוואַרץ־צעריסענער היים, און דאָס „ווייסע הויז״ האָט אַזאַ פּאַרדראָס אין מיין יונג האַרץ געצונדן.

אינדערפרי, ווען איך פלעג גיין אַהין אין געשעפט אַריין, האָבן זיך מיר מיט שרעק נאָכגעקאָלערט, ווי דונערן, די קללות און מחלוקתן פון דער היים. יעדער וואָגן אָדער באַן, בעת איך פלעג פאַרבייגיין דעם באַן־פלאַנט, האָט מיר אויסגעדאַכט, יאָגט זיך אויף מיר, ווייל מיך צעדריקן, צעמאַרשטשן אונטער זיך. נישט איין מאָל, פאַרבייגייענדיק, פלעג איך פון אונטער אַ באַלקאָן אַוועקלויפן מיט מורא, צי ער לאָזט זיך נישט אַראָפּ אויף מיר. פון אַזאַ בראַנד פלעג איך אַרויס. אַזעלכער בין איך אַריין אין אַזאַ ווייסער רויקייט, אַז כ׳האָב די ערשטע מינוטן געמוזט די אויגן פאַר־זשמורען, נישט געקאָנט אַריינקוקן אין איר און באַנעמען זי.

אין קעגנזאַץ צו דער פונדאַמענטאַלקייט אין „ווייסן הויז״, האָט זיך אינדערהיים ביי אונדז אַלץ געבראָכן, געקרישלט, ווי אַ פּרוכקע האָלץ.

דער טאַטע מיינער האָט די לעצטע צייט די פּרנסה פאַרלוירן. ער האָט צוגעשטעלט קלאַפּטערס האָלץ אין רייכע הייזער, און מחמת מען האָט אָנגעהויבן נוצן שטיינקוילן, איז האָלץ אַרויס פון געברויך. דאָס ערשטע, וואָס איז ביי דער האַנט געלעגן — זייענדיק באַקאַנט צווישן

פאַרמעגלעכע, באַזיצנדיקע, — ער איז אַ מעקלער געוואָרן ביי היפּאָטעקן, גיטער. חדשים נאָכאַנאַנד האָט מען זיך די אויגן אויסגעקוקט אויף אַ פאַרדינסט. אַלע אינדערפרי, ביים קושן די מזוזה, וואָס מיין טאַטע פלעגט דאָס טאָן דריי מאָל ביים פאַרלאָזן די שטוב, האָט די מאַמע אים נאָכגעבענטשט:

„זיי מצליח, ווער באַגליקט".

דאָס זענען נאָך געווען די איינציקע האָפנדיקע גוטע מינוטן אין שטוב. „אולי, טאָמער וועט שוין גענוג זיין אין גאָטס אויגן צו זען אונדזער פּיין". דער דאָזיקער אָנגעגליטער בטחון האָט זיך ביי דער מאַמען נישט אויסגעלאָשן אין לויף פון יאָרן נויט.

אין די אָוונטן פלעגט דער טאַטע קומען אַ היים, מיט אַ פּנים, וואָס איז שוואַרץ געווען, די קאַרבן נאָך טיפער איינגעשניטן: „פון וואַנעט הייבט מען ווייטער אָן לעבן?"

איבער דער שטוב האָט זיך דאַן אויסגעשפּרייט אַ שוואַרצע כמאַ־רע. די קינדער זענען געזעסן איינגעשראָקענע, ווי די פייגל פאַרן אָנקום פון אַ שטורעם. דער טאַטע האָט זיך געדרייט ארויף און אַראָפּ און האָט געביסן די באָרד פאַר צער. ווען נישט די מאַמע, וואָלטן די קינדער געווען אויסגעגאַנגען, — אַזאַ דערצאָרנטער האָט ער זיך געדרייט, דער טאַטע. אפילו די מאַמע האָט מורא געהאַט אים צו הייסן גיין וואַשן און עפּעס עסן. ער האָט גלייך אָנגעהויבן: „נו, וועמענס פּראַצע וועל איך ווייטער אין מיר אַריינעסן? יעדער ביסן ווערט דאָך מיר בלוט! נע, נע, נע, צו וואָס איך ביז אָנגעקומען" — ווייסנדיק, אַז די מאַמע האָט ביים געוועלבניק אָדער ביי וועמען פון די שכנות אויסגענאַרט אויף אַ ברויט מיטן תירוץ, אַז דער מאַן קומט באַלד אָן פון דער גאַס מיט געלט. דערצו זענען מיר געווען פיר קינדער אינדערהיים, און קיין איינס האָט נישט פאַרדינט. ביי די אויסגעגעבענע צוויי, אַ ברודער און אַ שוועסטער, האָט נאָך דער טאַטע מסחר געפירט. און ווי דער מנהג איז געווען אין אַזעלכע הייזער, איז דער ברודער געזעסן און געלערנט ביז דער חתונה און די שוועסטער האָט געטאָן אין בעל־הבתישקייט און אין דער פרייער צייט זיך געריבן אויף אַ גרויסן כלה־מיידל: אויסגענייט אַ טישטעכל, אַ מאָנאָגראַם. איצט

האָט זיך דאָס אַלץ געבראָכן. די קינדער זענען אַ שווערע לאַסט געוואָרן, איבעריקע. „אָנגעהאָנגען זיך מיר אַ מאַסע אויפֿן האַלדז און שלעפּ דאָס" — האָט דער טאַטע געברומט אין דער באָרד אַריין, קוקנדיק אַרום אויפֿן געזינדל. נעמען און אַרויסשיקן זיי פֿון שטוב צו עפּעס אַן אַרבעט האָט ער אויך מורא געהאַט. ס'איז געווען נישט לאַנג נאָך דער מלחמה: שטרייקן, אויפֿשטאַנדן קעגן מלכות, קעגן גאָט. „זיי וועלן דאָך אויסגיין לתרבות רעות, הפקרות אויף די גאַסן" — האָט ער מיטן קאָפּ געשאָקלט.

אונדזער שטיבל איז מיט דער צייט אין אַ הונגעריקער וואָלפֿן־נאָרע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן. מען האָט זיך געריסן, געוואָיעט, און דערביי האָט אַזוי ווי געטאָן איינעם פֿאַרן אַנדערן, ס'האַרץ געשניטן, ווען מען האָט אַ קינד געזען אין אַ צעריסן קליידל, אין געלאַטעטע שיך.

די מאַמע פֿלעגט קנייפּן, אַז זי האָט שוואַרצע צייכנס געלאָזן, צוליב אַן איבעריקן ביסן, וואָס אַ קינד האָט געכאַפּט. „שלמה דאַרף דאָך אויך, און רייזל האָט דאָך נאָך אינגאַנצן נישט געגעסן, דערוואַרגן זאָלט עץ ווערן!" — און האָט ווידער געקניפּן. נאָר אַז דאָס קינד האָט זיך צעווײנט, איז זי אַרויפֿגעפֿאַלן, אויסגעקושט די שוואַרצע פֿלעקן און צעהעשעט זיך אַן אָפּשטעל: „רבונו של עולם, מיין האַרץ ווערט דאָך מיר צעשפּרונגען פֿאַר מיינע קינדער".

דער טאַטע האָט נישט געשלאָגן, נאָר זיינע רייד האָבן געשניטן. ער האָט זיך שעהן געדרייט אַרויף און אַראָפּ, אַרויפֿגעלייגט די פּאַטשיילע אויף דער אָפֿענער גמרא — דער קאָפּ האָט אים נישט געטראָגן צו לער־נען — און האָט ווי אַ פֿאַרוווּנדעטער אַרויסגעבראַכט אַזעלכע קרעכצן: „„אימממממ! צו וואָס מיין לעבן איז אויסגעגאַנגען!"

די זיפֿצן האָבן זיך פֿאַרשפּרייט איבער דער שטוב און האָבן אונדז די געבליטן פֿאַרסמט.

איך האָב דערפֿילט, ווי די וועלט קראַכט, ברעכט זיך פֿאַר אונדז, און האָב דער ערשטער געוואָלט אַרויס פֿון אונדזער שטוב. איך בין אָנגעקומען אין „ווייסן הויז". אָבער מיין צעוויטיקט געמיט האָט זיך גע־קאָרטשעט אין דעם דאָזיקן הויז, ווי אַ שלאַנג, וואָס מען האַלבירט זי דורך. איך האָב אפֿילו נישט געקאָנט ריידן אין דעם סאַלידן טאָן, ווי מען

איז עס געווינט געוועזן דאָ. אויב ס'איז אויסגעקומען צו שמייכלען, לאַכן, וואָס עס פלעגט אָפט געשען נאָכדעם ווי עפּעס אַ קאָמישער קונה איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך מיין פּנים אַזוי מאָדנע צעקרימט, אַז כ'האָב עס געמוזט אָפּקערן פון מענטשן.

איך בין געהאָרכיג געווען, ווי אַ געשלאָגענער הונט, פלעג שפּרינגען אונטער די נעגל ביי אַ ליאַדע פּיפּס. ביי אַלע האָב איך אָנער־קענונג געהאַט, מען האָט מיך ליב געקראָגן, אָבער איך האָב די לאַסקעס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, מיט קיינעם זיך נישט געקאָנט דערנענטערן. אַז עס פלעגט ווער פון געשעפט גיין מיט מיר איבער דער גאַס און רעדן האָב איך זיינע ווערטער נישט געקאָנט אָראָפּשלינגען, זיי זענען מיר גע־בליבן שטעקן. ווי גלייך מען רעדט דאָס צו מיר, אין סאַראַ פיינעם טאָן! זיי ווייסן גאָרנישט, וואָס ביי מיר גייט פאָר, פון וואָס פאַר אַ היים איך קום. ס'איז גענוג געווען יענער זאָל זיך מיט מיר איבערקוקן, זען מיין צעפּייניקטן בליק, און ער זאָל טאַקע אויפהערן.

נאָר דאָס ערגסטע האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן, ווען מען איז אין געשעפט געוואָר געוואָרן פון אונדזער אָרעמקייט, און דער הער אַדלער האָט מיר געהייסן קומען צו זיך אויף מיטאָג און האָט מיך דווקא פאַר־בעטן אין עסצימער צום טיש מיט אַלע.

איך האָב די אויגן נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן, בין געזעסן, ווי נעגל וואָלטן אַרומגעשפּיזט מיין לייב. כ'האָב נישט געוווסט, צי איך עס, צי איך שלינג אַראָפּ אַזעלכע פילן אין מיין אינגעווייד אַריין. אַלע שלעק פון דער היים האָבן אַזוי גענומען אויפטייען ביים געפינען זיך צווישן די פּעטע, צעשמאָלצענע מענטשן און האָבן מיך פון אָרט געריסן. וואָס מער מען איז צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל זיך היימיש פילן, נישט אַזוי זיצן; וואָס בעסערע חלקים מען האָט מיר צוגעטיילט, אַלץ מער האָט עס גע־ברויזט אין מיר, גאָרנישט איינצונעמען. קוים האָב איך נאָך וויניק גע־האַט, האָט נאָכן מיטאָג די פרוי אַדלער מיר פאָרגעלייגט, כ'זאָל מיך אַביסל שפּילן מיט איר יונגעלע. אַלע האָבן דאַן אָפּגעווישט מיט די סערוועטן די מיילער, אויסגעדרייט די שטולן אין מיין זייט און גענומען קוקן, וואָס פאַראַ שפּיל איך וועל דאָ פאָרלייגן. איך האָב אָנגעהויבן פינטלען מיט די

אויגן. איבערן גאַנצן צימער האָבן שוואַרצע בייטשן גענומען צו מיר פּאַטשן. כ׳האָב געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. דאָס קינד, אַ פּריילעכס, אַ צעשפּילטס, האָט אָנגעהויבן אַרומטאַנצן אַרום מיר, אויף מיר. כ׳האָב שוין גאָרנישט געפּילט, בין געבליבן ליגן ווי אַ צעטראָטענע מאַסע פלייש מיט ביינער. דאָס פּאַרפּאַלק האָט זיך שטאַרק צעלאַכט. אַפּנים, ס׳האָט זיי צוגעקוואָלן די געשיקטקייט פונעם יונגל, זיין קענטן מיך אויף אַלע זייטן, און אפשר מיין שטאַרקע אומבאַהאָלפנקייט? די דינסט, וואָס האָט גראָד צוגעראַמט, האָט זיך אַזש ביי די זייטן געהאַלטן. איך האָב געפּילט, אַז איך וואָלט אויך געדאַרפט לאַכן, דאָס וואָלט מיך נאָך געקאָנט ראַטעווען, — ס׳וואָלט געקאָנט הייסן, כ׳האָב מיך אומישנע אַזוי אָוועקגעלייגט, אבי זיי צו פאַרוויילן. מיין פּנים האָט מיך אָבער אויסגעגעבן. זיי האָבן געזען, אַז איך ליג טאַקע אַזוי נישט זיך צום רירן. זיי האָבן קוים דאָס יינגעלע אָוועקגעשלעפּט פון דעם פעטן ביסן, וואָס ער האָט דערשפּירט אין מיר. און די עלטערן האָבן כסדר געלאַכט אין די הענט אַריין, איך זאָל נישט באַמערקן.

איבער דער גאַס בין איך דערנאָך געלאָפן, ווי פון מיין פלייש וואָלטן זיך שטיקער נאָכגעשלעפּט, — אַזוי פאַרוווּנדעט האָב איך זיך געפילט. איך בין גלייך אַהיים געלאָפן און האָב אין געשעפט אַריין מער נישט געוואָלט גיין. עפּעס אַזאַ באַליידיקונג, אַ בושה האָט געברענט אין מיר, אַז מיין גאַנץ וועזן האָט געצערט דערפון, ווי די קנויט צערט דעם חלב ביים ליכט.

איך האָב אין דער שטיל געקלערט, ווי אַזוי פון דער שטאָט אַוועק, אבי יענע שוועל מער נישט באַטרעטן.

אינאָוונט האָט דער טאַטע, דרייענדיק זיך איבער דער שטוב, אַ פּאָר מאָל זיין האַנט צו מיר צוגעפּירט:

„נאַ, נעם, עס מיין לייב. וואָס ביסטו מיר געקומען אַהיים?"

די מאַמע האָט מיך אָבער דערפילט. זי האָט מיך כסדר אָפּגעוועדט:

„דאָס קינד קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן. אַז איך קום אַמאָל אַרויף צו זיי, פיל איך אויך — כ׳ווער אויס מענטש. וואָס ווילסטו פון אים האָבן? וועט ער הונגערן מיט אונדז אינאיינעם".

צומאָרגנס איז זי געגאַנגען צום הער אַדלער און האָט אים געבעטן, ער זאָל מיך מער אויף מיטאָג נישט אַהיימנעמען, כ'בין אַ שעמעוודיקער. אַזוי אַרום, געטריבן פון טאַטנס רייד, בין איך צוריק אין „ווייסן הויז" אַריין. אָבער פון איצט אָן האָט מען זיך אָנגעהויבן באַגיין מיט מיר, ווי מיט אַן אויסגעשלאָסענעם פון אַלע. מען האָט מיך באַנוצט צו דעם, צו וואָס מען באַדאַרפט און קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט מיט מיר. דאָס האָט מיר ווידער שטאַרק וויי געטאָן. כ'בין געווען זיכער, אַז הער אַדלער האָט דאָס איבערגעשמועסט מיט די מענטשן פון געשעפט. וויפל פון מיינע יאָרן וואָלט איך נישט געווען אָוועקגעגעבן, כ'זאָל וויסן אין וואָס פאַר אַ פאָרעם ער האָט גערעדט וועגן מיר. גאַנצע וואָכן האָט געברענט אין מיר דער נייגער. ביי יעדן ווענד צו מיר האָב איך עס ביי יענעם געוואָלט אַרויספילן פון די אויגן, פון דער מינע, וואָס ער מאַכט. פון דער צווייטער זייט בין איך געווען צופרידן: כ'האָב געקאָנט לעבן אין מיין אויסגעפייניקטער, אייגענער וועלט.

אָבער מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן ביי מיר אַ שנאה צו אַלעם פון „ווייסן הויז".

אין דער שטיל האָב איך געוואָלט, אַז עפּעס זאָל עס אויפרייסן, צעשמעטערט ווערן און — אַן עק. אַז איך וועל אַהין קומען אַן אינדער־פרי, זאָל איך טרעפן אַ באַרג שאַכטלען, פּאַקונגען — אַ מיש־מאַש. די אַלע קונהטעס, די פאַמיליע אַדלער, אפילו דער קליינער פּעמפּיק, וואָס האָט מיך אַזוי געטראָטן, זאָלן זיך קוים מיט צרות קאָנען אַרויסקריגן פון אונטער דער חורבה.

און דאָ, אויף להכעיס, האָט זיך אַלץ אַזוי רויק געפירט. שאַכטלען זענען מיט אַזאַ סדר געשטאַנען איינס אויף איינס, קונים זענען געגאַנגען און געקומען, און הער אַדלער האָט זיי צוגעווונטשן: „פאַרנוצט געזונט", „דערלעבט נחת" א.א.וו.

הקויים זענען געוואָרן זיינע רייד: זיי האָבן טאַקע נחת געהאַט, — האָבן איבערגעלאָזט אַזעלכע קנאַקעדיקע באַנקנאָטן אין געשעפט און אהיים גענומען די פיינסטע וועבשטאָפן.

איין נקמה, וואָס איך האָב יאָ געהאַט אין זיי, — די אָרעמעלייט,

וואָס זענען געגאַנגען איבער די היתער און האָבן אַביסל צעשטערט דייער צעשמאָלצענע רויקייט, איבערהויפּט פון הער אַדלער.

ווי סטאַדעס קראָען אויף אַ שניי־פעלד, וואָס פאַרפלעקן און באַשרייען עס מיט זייער קראָקען, אַזוי זענען מחנות אַרעמעלייט, פאַרפינצטערטע, צעקרימטע, באַפאַלן דאָס „ווייסע הויז".

אין דעם רייכן קוואַרטאַל פון אונדזער געשעפט, (די שטאָט איז פאַר די אַרעמעלייט געווען איינגעטיילט אין באַשטימטע רעווירן), זענען זיי ביי אונדז אויסגעקומען אין די פרייטיקס (ערב שבת, דער בעסטער טאָג פאַר נעמען צדקה).

אויף דעם דאָזיקן טאָג האָב איך אָנגעהויבן אויסקוקן. ס'האָבן זיך מיטאַמאָל אַנדערע טענער אַריינגעריסן, אַנדערע פּנימער, וואָס האָבן דורכגעשניטן דעם רויקן פרידן.

ביים הער אַדלער, וועלכער האָט געשמט פאַר אַ בעל צדקה און וואָס האָט ספּעציעל פאַר די פרייטיקס אָראָפּגענומען אין אַ בלעכן שאַכטעלע אַריין דאָס קליינגעלט פון אַ גאַנצער וואָך לייזעכץ, האָבן די אַרעמעלייט זיך געזאַמלט, ווי די הונגעריקע פייגל ביי זשאַרנעלעך.

זיי פלעגן אָנקומען קאָמפּאַניעסווייז, גאַנצע קרענצלעך, דער רוב — מיט ליידיקע יאַסלעס, וואָס די מיילער האָבן אויסגעזען ווי פינצטערע לעכער, וווהין עס ווערט אַריינגעפּאַקט צעווייקט, פאַרדאַרט ברויט און פון וואַנען עס גייען אַרויס בעטלערישע תחנונים און ביטערע קללות. אַנדערע — מיט רוי־פלייש־געליאַמעוועטע אויגן. די פּנימער זייערע — צעאַקערטע ווי בייטן דורכגעשניטענע, גלייך אַן אַקער־אייזן וואָלט איבער זיי אַריבער. אַלע פון זיי טריפנדיקע מיט סלינע, שנאָרעכצן, וואָס ביי זייער בלייכער דאַרעניש האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי דאָס וואָלטן זייערע איינציקע לעבנסזאַפטן געווען, אויף וועלכע זיי האַלטן זיך אויף. און איינגעהילט זענען זיי געווען אין טראַנטעס, וואָס זענען קופּעסווייז געלעגן אויף זיי און ס'איז נישט געווען צו דערגיין ווי אַזוי טוט מען דאָס אָן און אויס.

כּאַראַויס פלעגן זיי שיקן די קאַליקעס: אפערהינקענדיקע, בלינדטאַפּנדיקע, אָדער מיט קינדער אויף די הענט, וואָס האָבן שטענדיק געוויינט. זיי אַלע, וואָס זענען ווי קויטיקע פלעקן אַריינגעפאַלן אין דעם

זויבערן זאַל, האָבן מיט אַזאַ קרימלעניש אויפן פּנים, מיט פאַרשידענע זיפצערייען, אויסגעשריגן דאָ אין דער לויטערקייט אַריין: „שענקט עפּעס אַן אומגליקלעכן", „אַ קאַליקע", „פאַר אַ יתומל".

דער צדקה־טיילער בין איך געווען. איך האָב לויטן אָנזאָג פון הער אַדלער געדאַרפט יעדן אָרעמאַן געבן פון שאַכטעלע אַ צוויער. אין אַן אויסנאַמפאַל, אַז דער אָרעמאַן האָט זיך איינגעשפּאַרט, אָדער עפּעס אַן אויסטערלישע קאַליקע, האָב איך זיך געדאַרפט אָנפרעגן.

הער אַדלער איז דעם גאַנצן פרייטיק געזעסן ביים שרייב־טיש מיט די הענט אויפן שטערן, די געבעטע שטול געדרייט אין אַלע זייטן, כדי צו באַהאַלטן זיין רויקע צופרידנקייט.

אַז אַ בעטלערין האָט זיך צעוויינט: וואָס וועט זי מאַכן מיט אַ צוויי־ער, אינדערהיים ליגט אַ חרוב קינד — און איך האָב געקוקט צו אים, ווי צו האַנדלען, האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין זיין מילד־קלאָרן בליק אַן אומרויקייט דערזען. ער האָט מיט דער האַנט נערוועז אַ מאַך געטאָן, נישט קוקנדיק אינגאַנצן צו דער פרוי: „גיב איר, גיב איר נאָך".

די פרוי, דערהערנדיק דאָס, האָט זיך ערשט רעכט צעכליפּעט, אַז ס'האָט איר אָטעם פאַרפּעלט. איך האָב כסדר געלייגט גראָשעלעך אויף איר האַנט אַרויף. אָבער וואָס מער זי האָט געקראָגן, אַלץ שטאַרקער האָט זי געהעשעט: „אַן אַ דאָקטאָר... אַן אַ ביסל גריץ... און ס'ברענט ווי ס'גיהנום"...

מיר האָט די גאַנצע זאַך שטאַרק הנאה געטאָן. עפּעס אַזאַ באַאומ־רויקונג אין „וויסן הויז", גלייך מ'וואָלט אַ שטיין געוואָרפן אין אַ גלאַטער וואַסער־פלאַך.

אַן עלטערע דאַמע, פאַר וועלכער מען האָט גראָד אַ גאַרדין אויפ־געשפּרייט פאַרן פענצטער, צו ווייזן דעם מוסטער, האָט יעדער מינוט דעם שווערן קאָפּ אויסגעדרייט אין דער זייט פון דער בעטלערין און זי בייז אָנגעקוקט, מאַכנדיק מיט דער האַנט ביים אויער, וואָס זי שרייט אַזוי. זי האָט גיך געהייסן איינפּאַקן די גאַרדינען, באַצאָלט און איז מיט שנעלע טריט אַרויס פון געשעפט.

אַזוי אַרום האָב איך איצט געפונען אַ וועג פאַר נקמה. אַז אַ צוויי־

טע פּאַרטיע בעטלערס איז אַריין, האָב איך צוגעטראָגן דאָס גאַנצע שאַכטע־לע קליינגעלט פאַר זייערע אויגן און מיט אַזאַ רייץ געקלאַפּט מיט די מטבעות, כדי זיי זאָלן מיר רעדן נאָך געלט. איך האָב נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן. איינער, אַ צווייטער האָבן אָנגעהויבן אַרויסשטעקן פאַר מיר זייע־רע צעבראָכענע אברים און מיך בעטן: „וועסט דיר קויפן עולם־הבא, גיב נאָך אַ נדבה, קליינער"!

איך האָב זיי אין דער שטיל געזאָגט:

„ווײַנט פאַרן בעל־הבית, וועט איר קריגן נאָך, ער איז אַ גוטער".

מער האָט מען נישט געדאַרפט. ס'האָט זיך מיטאַמאָל אַזאַ כליפּע־ריי דערהערט: „אַ וויסטע קאַליקע", „אַ יתום", אַז אַלע אין געשעפט זענען אויפגעשפרונגען.

הער אַדלער האָט זיך אַ שטעל־אויף־געגעבן ביי דעם שרייב־טיש און אַ געשריי געגעבן צו מיר: „גיב זיי דאַרט, און אַן עק זאָל עס נעמען!".

טיילנדיק זיי נאָך געלט, אינגאַנצן שוין לויט מיין איינזען, האָב איך זיי צוגעגעבן חשק: „זעט איר שוין!"

דאָס, ווייזט אויס, האָט זיך פינק־שנעל געמוזט פאַרשפּרייטן צווישן די אָרעמעלייט. וואָרום נאָך איידער די קולות האָבן זיך געהאַט איינגע־שטילט, און דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבן קומען צו זיין סאָלידער רויקייט, איז אַ הויכער בעטלער אַריינגעפאַלן. ער איז געווען שוואַרץ פאַרוואַקסן, מיט ברענענדיקע צעצונדענע אויגן, אַ שטומער, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַזעלכע געהיילישע קולות, ווי איינער, וואָס ווערגט זיך:

„בעעע, ביאאאא, בייייי" — האָט ער געריטשעט און אויסגע־שטרעקט די האַנט.

איך האָב אים גלייך אונטערגעטראָגן דאָס שאַכטעלע געלט, כ'האָב שוין נישט געהאַט ביי וועמען אָנצופרעגן, מחמת הער אַדלער איז געהאַט אַוועק פון דעם שרייבטיש, וואָס האָט זיך געפונען קעגנאיבער דער טיר אין צווייטן עק צימער; האָב אים דערלאַנגט איין מטבע נאָך דער אַנדע־רער, און ער האָט אַזוי ביטער אַרויסגעגאָרגלט: „בעעעע.. ביאאא"....

מיר האָבן די קולות זיינע געגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן. איך האָב שוין אַליין מורא געקראָגן פאַר דער דאָזיקער אָרעמער חברה.

עפּעס האָט מיר אויסגעדאַכט, אַז ער דערציילט פון אַזאַ פיינלעכער, שוואַרצער וועלט, פון אַזעלכע גיהנומדיקע יסורים, ווו מען ווערגט, מען שטעלט זיך מענטשן אויף די גאַרגלען און נישט מען קאָן אויסגיין, נישט קומען צו זיך, נאָר מען בלייבט אַזוי פאַרשטעקט, נישט אַהין, נישט אַהער. און געטאָן ווערט דאָס אין שוואַרצע היילן, פון וואַנען מען זעט קיין אויס־גאַנג נישט. דאָס, האָב איך געזען, האָט נישט בלויז אויף מיר אַזוי גע־ווירקט. וואָרום ביי דעם גוועאַי האָט אַ דאַמע די טיר געעפנט און האָט מיט מורא זיך צוריקגעצויגן, ביז דער שטומער וועט נישט אַרויס. די מענטשן פון געשעפט האָבן אים קוים מיט צרות משלח געווען. אַזוי האָבן אַן אויפהער אָנגעהויבן ציען צו אונדז פאַרשידענע קריפּלען: צע־בראָכענע, צעדרענגטע, הינקענדיקע, בלינדע. אַלע האָבן זיי געוויינט, אַלע האָבן זיי געביאַדעט, אַז מען האָט זיך קוים געקאָנט אויסקויפן.

אַז קיינער איז אין געשעפט נישט געווען, האָט הער אַדלער גע־פרעגט ביי די מענטשן: „וואָס איז מיטאָמאָל געשען? וואָס טוט זיך דאָס אין שטאָט? ס'איז דאָך עפּעס עק וועלט מיט די אַרעמעלייט!"

נאָך מיטאָג איז אַביסל שטילער געוואָרן פון זיי. מען האָט שוין אָנ־געהויבן פאַרגעסן. די רוימערקע האָט גענומען אויסווישן די שוואַרצע צייכנס, וואָס די אָרעמעלייט האָבן נאָך זיך געלאָזן. ביי די קויף־טישן האָבן זיך געפונען עטלעכע קונים, וואָס זענען געקומען מיט אַ כלה נאָך אַן אויסשטייער. אויף די טישן האָט מען אויפגעוואָרפן פאַרשידענע סחו־רות, און די דאַמען האָבן געפּרוווט, באַראַטן זיך, — ערשט עס גיט זיך אַן עפן די טיר, — ווער ס'האָט זי געעפנט, איז נישט קלאָר געווען, — און עס גיט אַ פּראַל אַריין אַ האַלבער גוף פון אַ מענטש. ער איז געזעסן אַן פּיס אויף אַ צוויירעדלדיק וועגעלע, דער מענטש, און מיט אַ האַנט, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעטאָן אַ הילצערנע לאַפּע, האָט ער געכאַפּט דעם שטח פאַרויס און זיך נאָכגערעדלט. דער האַלבער מענטש האָט אַ שוואַרץ קרייזלדיק בערדעלע געהאַט, מיט אַ פּאָר רויטע בעקעלעך און מיט אַ פּאָר שוואַרץ־לאַכנדיקע אויגן, וואָס די מענטשעלעך אין זיי האָבן אַרויסגעלויכטן ווי פון אַ שפּיגל. אין קעגנזאַץ צו די בעטלערס, האָט ער געשמייכלט פון אַזעלכע גרויסע ווייסע ציין אַרויס. עפּעס אַ פריידי, אַ צו־

להכעיסדיקע, אַ נקמה־לאַקנדיקע האָט אַרויסגעפּראַלט פונעם גאַנצן שטיקל מענטש. און ביי יעדן באַוועג פון די גרילצנדיקע צוויי רעדלעך, ביי יעדן פּאַטש פון דער הילצערנער לאָפּע אויף דעם פּאָל, האָט זי, די פריידע, אַזוי אַרויסגעקוואָלן פון אים. און די פריידע האָט דווקא אויפגעגרוילט. ס'איז דאָך נישט מעגלעך, אַז אַזאַ אומגליקלעכער זאָל אַזוי לייכטן, אַזאַ צופרידנ־קייט זאָל אים פון די אויגן אַרויסקוקן, ס'איז דאָך נישט פּשוט, ווער ווייסט — — —

אַלע זענען אויסער זיך געוואָרן. ער האָט כמעט ווי נישט גערעדט. געגרילצט מיט די רעדלעך פון איינעם צום צווייטן, און דורך די ווייסע ציין האָט ער גיכער אַרויסגעלאַכט, ווי אַ נדבה געבעטן:

„כע, כע, כ'על עפּעס בעעטן...״

די ערשטע מינוט האָט מען נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אים. איך האָב מיך געכאַפּט צום שאַכטעלע געלט, אָבער ער האָט די האַנט נישט אויסגעשטרעקט נאָך אַ נדבה.

די קונהטעס, איבערהויפּט דאָס כלה־מיידל, האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפצוזוקן איינע צו די אַנדערע, די מענטשן אין געשעפט זענען פּאַר־שטיינערט געבליבן, יעדערער מיט דעם, וואָס ער האָט אין האַנט גע־האַלטן. הער אַדלער איז געזעסן, ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיט וועמען צו באַגעגענען מיט די בליקן, און האָט דעם קאָפּ אָפּגעקערט. און די קאַלי־קע האָט זיך געריטשעט און געשמייכלט.

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַ טריומף־שמייכל. ער האָט עפּעס מיט אַן אויסערגעוויינלעכן כוח אַלעמען אַנטוואָפנט און באַ־צוווּנגען. כ'בין זיכער געווען, אַז ער וואָלט געקאָנט צונעמען דאָס גאַנצע געשעפט, און קיינער וואָלט נישט געוואָגט אַ פּיפּס צו טאָן.

סוף־כל־סוף האָט ער צוגענומען אַ פּאָר מטבעות, וואָס איך האָב אים אין דער טאַש אַריינגעלייגט, און ער האָט מיטן אייגענעם שמייכל זיך אַרויסגערעדלט. אַז ער איז שוין אויף דער אַנדערער זייט טיר געווען, האָט ער דעם קאָפּ אויסגעדרייט און האָט אַ לעצטן שמייכל אַריין געגעבן, וואָס האָט עפּעס ווי אַ וואָרנונג אָנגעזאָגט.

אַ פּאָר מינוט איז טויט־שטיל געווען, ביז די מיידלעך, די פּאַרקוי־

פּערינס, האָבן אויס פּליכט זייערער אָנגעהויבן צוריק רעדן מיט די קונים. הער אַדלער האָט זיך באַלד נאָכדעם אויפגעהויבן פון דעם שרייב־טיש, עטלעכע מאָל אַ פּיר געטאָן די האַנט איבערן שטערן, געזאָגט אַ „גוטן טאָג" און איז גלייך אַהיים געגאַנגען.

דעם צווייטן פרייטיק איז הער אַדלער אינגאַנצן אין געשעפט אַריין נישט געקומען, אַזוי אויך דעם דריטן און ווייטער. איך האָב גע־טיילט צדקה מיט אַ ברייטער האַנט, און אין „ווייסן הויז" האָבן זיך געהערט געוויינען, ווי צען מתים וואָלטן אויף דער ערד געלעגן.

וועגן

פֿאַרשידענע ווונדער־טירן עפֿענען זיך פֿאַר מיר אָפּט און איך גיי דורך זיי אין מיין יוגנט אַריין.

אַמאָל עפֿנט זיי אַ נגון, וואָס איך האָב אים קליינערהייט געזונגען, און ער האָט זיך איינגעשפּילט אין מיין בלוט. ווען ער ווערט ווען באַרירט דורך די אומזעבאַרע פֿינגער פֿון אַ דעראינערונג, גייט ער אויף און צע־זינגט זיך אין מיר; און ער פּלאַסטערט פֿאַר מיר אַ וועג. שפּרינגט מיט מיר אַ קפֿיצת־הדרך איבער צוואַנציק אָפּגעלעבטע יאָרן און ברענגט מיך צוריק צו דעם אור־אָרט, ווו מיר בידע האָבן זיך באַהאַפּטן — ווידער יונג.

און טיילמאָל, קריכנדיק אַזוי, דערזע איך גראָד אַ געל זון־בלימל. דאַכט זיך — וואָס? איז דאָס דאָזיקע בלימל דער שליסל צו יענער ווונ־דער־טיר. איך בלייב שטיין פֿאַר חיה די קאַוואַלקעס גערטנדל מיטן רייפֿל אין דער האַנט, וואָס כ'האָב מיך דערמיט געקאָלערט איבער מיין יוגנט. דאָס גערטנדל איז באַזעצט מיט בייטלעך פּיעטרושקע, מייערלעך, מאַנדלעך — יעדעס מיט זיין ריח, מיט קרויזן־קעפּלעך און פֿאַרביקע שאָלן אַרומ־גענומען. אין דער מיט גערטנדל — אַ רונדיק בייטל מיט געלע זון־בלימ־לעך. זענען די דאָזיקע בלימלעך פֿון דעמאָלט אָן געוואָרן אייגלעך פֿון מיין יוגנט, וואָס בליקן צו מיר, צעוואָרפֿענע איבער דער גאַנצער וועלט.

אַמאָל איז עס אַ ניי־אויפֿגעקומענע קאַרש, אַ באַרנע, און עס שטייט פֿאַר מיר ווידער מיין מאַמע מיט איר בלאַס אויסגעצערט פּנים און שטופּט זיי מיר אין האַנט אַריין, אַז די איבעריקע קינדער זאָלן נישט באַמערקן.

ס'איז גענוג איך זאָל דערשפּירן דעם ריח פֿון מאַראַנצן, אַז פֿאַר מיר זאָל זיך אויסשטעלן אונדזער פּורים־טיש, מיטן טאַטן אויבנאָן, וואָס זיצט אין סאַמעט און אַטלאַס, טיילט צדקה און פֿאַרנעמט זיך מיט אַ צע־

שמיכלט פנים מיט אַזאַ ווייבערישער אַרבעט: לייגן אין אַ קלאָש אַריין צוקערלעך, לעקעך און טאַקע מאַראַנצן — שלח מנות'ן.

היינט גראָד עפּעס אַ נאַרישקייט: כ'גיי אין גאַס, און פון אַ געל אָפּגעריבן הויז זינגט דורך אַן אָפן פענצטער אַ גראַמאָפאָן־פּליטע אַ באַנאַל לידל. און איך שטיי שוין אויף דעם אָרט, ווו איך האָב דאָס ערשטע מאָל אַ גראַמאָפאָן געהערט.

אָבער דעמאָלט האָט ער מיר אַזאַ נייע וועלט אַרויסגעוויזן.

ס'איז אַ האַרבסטיקער שבת פאַרנאַכט. בלאָטיקע ציען זיך אונדזערע געסלעך אין סוף שטאָט, ווו מיר האָבן געוווינט. אויך דער הימל איז אַ בלאָטיקער, שוואַרצע וואָלקנס שלעפּן זיך איבער אים, ווי איבער אַ קויטיקן דיל. פון די געסלעך, וואָס אַ טייל שאָפן זיי אַ פּאָר נידריקע הילצערנע הייזלעך, אַנדערע — צווי קעגנאיבערדיקע פּלויטן, קריכן איצט יידעלעך אין שוואַרצע קאַפּאָטעס מיט שוואַרצע היטלען, אומעטיקע לאַנגע בערד און צעקאַרבטע פּנימער, אין דעם בית־המדרש אַריין צו שלש־סעודות. זיי גייען איינגעבויגענע. דאָס רוב זענען זיי אָרעמע יידן, דאַרפסגייער, בעלי־מלאכות פון עק שטאָט — ליגט אויף זייערע נאַקנס דער עול פון לעבן, ווי אויף אַן אָקס דער יאָך בעתן אַקערן. יעדער טראָגט מיט זיך אַ שטיקל חלה אין האַנט צו דער דריטער שבת־סעודה, וואָס ווערט געפּראַוועט בציבור.

אין בית־המדרש איז טונקל. אַ שווערע לייגט זיך די נאַכט דערויף ווי אַ טונקעלע מאַסע. האָט טאַקע דאָס פלעמל פונעם יאָר־צייט־ליכט, וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אויפן עמודל, אַ פאַרגעסנס, אַנגעהויבן זיך פאַנאַנדערשפּראָצן אין דער טונקלקייט, געוואָרפן דאָס העלע צעצונדענע קעפּל — כאָטש צו פאַרטיליקן דעם חושך. יעדעס מאָל עפנט זיך דאָס טירל פון בית־המדרש מיט אַ סקריפּ, עס שלייכט זיך עמיצער, ווי אַ שאָטן, אַריין און זעצט זיך אַוועק ביים לאַנגן טיש אויף זיין באַשטימט אָרט. ווי נאָר ער זעצט זיך אַנידער, הויבט ער אָן צוגלייך מיט אַלע יידן זיך וויגן, שאָקלען, פאַרקרימען דאָס פּנים אונטער אַזאַ אומעטיקן נגון, פּאַטשן מיט די הענט, בעטן אַזוי הכנעהדיק: „אוי — ווײ, טאַטע אין הימל, העעעלף״.

ביי מיר זענען די שלש־סעודותן די שווערסטע צייט אין מיין יונג לעבן געווען. אַזוי פילליידן! אויף יענער וועלט עפּנט מען צוריק דעם גיהנום — מען בראָט, מען ברענט; אויף דער וועלט — דעם אינדערוואָכן מיט אַ רבין, וואָס קאַטעוועט; אַ שטיקל ברויט, וואָס פעלט שטענדיק.

אַ גליק נאָר, וואָס מיר, די יונגלעך, פלעגן זיך אַוועקגנבענען פון די טאַטעס און אין דער פינצטערניש אביסל אַרומשטיפן; באַשפריצן זיך מיט וואַסער פון כיור אָדער וואַרפן זיך מיטן האַנטוך.

אין יענעם שבת זאָגט צו אונדז שמואליק, אַ דאַר יונגל, אַ יתום, וואָס האָט געגעסן טעג אין שטאָט ביי רייכע לייט:

— חברה, זאָל מען זיך לאָזן אויף דער קאַלעיאָווע גאַס. דאָרט איז אַזאַ שפּאַציר, און עס שפּילט עפּעס אַ גאַנצע מוזיק פון די וויטרינעס אַרויס. קומט, ביז מעריב עט מען צוריק דאָ זיין.

מיר האָבן זיך אַרויסגעשלייכט אַ יונגלעך זעקס. אָנגעהאַלטן זיך ביי די הענט און געלאָפן פאָראויס ווי די איבערגעשראָקענע העזלעך. די קאַפּאָטקעלעך האָבן אָנגעקלאַפּט אָן אונדזערע פיס, געפּאַכעט, געהויבן זיך, ווי פליגלען וואָלטן אונדז געטראָגן. געגאַנגען זענען מיר דורך אונטערוועגן, דורך וואַלן.

אָבער שוין פונדערווייטנס זע איך — אַזעלכע גרויסע לאָמפּן, אָנגעגאָסענע מיט אַזויפיל ליכטיקייט וואָס כ'האָב קיינמאָל אין אונדזערע סוף־שטאָטישע געסלעך נישט געהאָט געזען, זענען איינגעפּאַסט אינעם גרויען בין־השמשות. זיי הענגען אַזוי איינס און איינס און באַליישן די גאָס מיט זייער גילדענער צעפּלאָסנקייט. אָך, עס שטימט דאָך גאָרנישט מיט דער צייט. דאָ הייבט זיך דאָך ערשט אַ נייער שבת אָן, אַ יום־טוב — צעהאָנגענע קאַנדילאָברעס אונטערן הימל און אַזוי גרויס און אָפן איז ער, דער יום־טוב, און וואָס פאַר אַ הימלעכקייט! צעשמייכלטע פנימער, בלי־ציקע אייגלעך, טאַנצנדיקע טריטלעך.

ס'רוב שפּאַצירער — און די וואַרפן זיך אין מיינע אויגן — זענען גימנאַזיסטן מיט שילער־מיידלעך. די גימנאַזיסטן — אויסגעשניצטע קאַוואַלירישע פיגורן אין מונדירן, מיט צעבלאַנקטע קנעפּ. און זיי, זיי, די גימנאַזיע־מיידלעך, אין ברוין צעלאָזענע קליידלעך, וואָס וויקלען אַרום

אזעלכע גלזסטנדיקע, צעשפראַצטע מיידלשע גופימלעך, אַז יעדער פּוס־טריט זייערער האָט מיר די ברוינע קליידלעך אין אַ פלאַם, אין אַזאַ באַ־גערנדיקן פלאַם געמישט. און דאָ הער איך פלוצלינג מוזיק־טענער פון אַ באַלקאָן אַראָפּ. די גלעזערנע טירן זענען באַגאָסן מיט ליכט. אין דער דאָזיקער ליכטיקייט פליִיצן אַרום טענער, צאַפּלען אַזוי פריידיק אויף דער גאַס אַרויס (אויף וויפל כ׳בין זיך משער האָבן עס געמוזט זיין טענער פון אַ קלאַוויר). זיי האָקעגן זינגט אַ פרוי. ווי! איך האָב איר פּנים נישט גע־קענט זען אפילו אויף די שפּיץ־פינגער. זי פרעגט עפּעס אַזוי זינגענדיק און זיי, די טענער אויף זייער לשון, ענטפערן איר.

נאָר שמואליק רייסט מיך אַוועק פון מיין גאַפונג צו אַ גרויס שוי־פענצטער, ווו ס׳זענען אַרויסגעהאָנגען פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרו־מענטן. אינדערמיט שטייט אַ קעסטעלע, אוודאי פון פּימסן־האָלץ — אַזוי פּאָליטורט גלאַנצט עס. דערפון ציט זיך אַ זילבערנער האָרן מיט פאַרשי־דענע גראַווירונגען. ניין, איך וואָלט מיר קיין שענערן נישט געווונטשן, נאָר פון אים טאָקע זאָל מען שאָלן, ווען משיח וועט קומען און די וועלט וועט אויסגעלייזט ווערן. דאָס קעסטעלע איז נישט מיט קיין צירונג, מיט קיין בריליאַנטן, מיט קיין באַהאַלטענעם אוצר — אָבער נאָך עפּעס בע־סערס: אויף אַזאַ ווונדערלעכן אופן גיסן זיך דערפון טענער. וועגן אַזאַ קעסטעלע האָב איך אפילו נישט געחלומט. און וואָס פאַר אַ טענער — לויטער פרייד. מען זינגט און מען שפּילט אינאיינעם. און אָט שטאַרקט זיך אַזוי דאָס שפּילן, אַז מיר דאַכט זיך אויס — דאָס קעסטעלע וועט צע־שפּרינגען פאַר געזאַנג און עס וועט זיך אַנטפּלעקן דער סוד פון אָט דער נייער וועלט, אַ וועלט פון געזאַנג און פרייד.

צוריק אין בית־המדרשל אַריין בין איך געלאָפן ווי שיכור. מיר זענען אָנגעקומען צו שמונה־עשרה פון מעריב.

איך האָב אויף דער גיך געכאַפּט אַ סידורל, אָבער בלויז מיינע ליפּן האָבן עפּעס געמורמלט. דאָס בית־המדרשל האָט אונטער דער צייט זיך איינגעשרומפּן — אַ נידריקס, מיט אָפּגעריבענע ליימענע ווענט, צווי גראָשענע ליכטלעך פאַרן עמוד בלייכן אַרויס שאָטנס, וואָס באַוועגן זיך, שרייען אַזוי רחמימדיק אויס: „ראה נא בעניינו", „רפאנו". מיין האַרץ

קאָרטשעט זיך, און אין מיין צעהיצטן מוח ווערט געבוירן אַ מחשבה: אַוועק פון דאַנען.

אין אַ יאָר אָדער צוויי אַרום, אַז מיין טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעהויבן רעדן פון די בעטן־אַרויס וועגן אַ תכלית פאַרן צוועלפיאָריקן יינגל, וואָס דרייט זיך אַרום פּועל־בטל, האָב איך שוין געהאַט אַ פעסטן באַשלוס: איך וועל גיין צו יענער נייער וועלט, צו יענער צעזונגענער וועלט.

חודש ניסן

דער חודש ניסן איז געווען געוועבט פון זון און לבנה־געשפּין. בלוילעכע טעג, העלע נעכט.

ביידע ליכטער: זון—לבנה זענען אויפגעגאַנגען אַזוי פריש, און אויף אַזאַ צאַרטן געוועב.

דאָס יאָר איז געווען אַן עבור־יאָר, און אויף פּסח האָט שוין גע־גרינט דער קאַשטאַן קעגנאיבער אונדזער פענצטער; שוועלבעלעך האָבן שוין געבויט זייער נעסט, אונטערן אָפּדעכל פון אונדזער הייזל.

אומעטום, וווּ דאָס אויג האָט נאָר געבליקט, האָבן גרינינקע צעצווי־טעטע קעפּעלעך זיך דורכגעשפּאַרט אויף פעלדער, אויף ביימער.

און די ווינטלעך, די פאַר־פּסחדיקע, האָבן אויפגעכאַפּט זייערע ריחות און אין זייערע פּאַלעס זיי אַרומגעטראָגן איבער די געסלעך.

און מיר, מיר האָט זיך אויך פאַרגלוסט נאָכטאָן דעם גאַנצן אַרום: פליען, בליען. נאָר אַזוי ווי איך בין דאָך אַ מענטש געווען, אַ מענטש פון 16 יאָר, האָט זיך דאָס האַרץ באַין ברירה אויסגעזוכט עפּעס אַ בענקשאַפט.

פון דער העלער הויט האָט זיך ביי מיר אויפגעוועקט אַ געפיל צו חנהלע דאַבזשינסקאַ.

גערעדט האָב איך מיט איר בסך הכל איין מאָל, און דאָס אויך אויף איין פוס.

איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב ליב אַ מיידל מיט אַ פידל. און אויב זי וויל קען איך זי צופירן צו איר מוזיק־לערער.

— פאַרוואָס עפּעס אַ מיידל מיט אַ פידל? — האָט זי געפרעגט אַ בייגעריקע.

— ווייל מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז די טענער קומען פון איר, פון מיידל און נישט פון דער פידל.

זי האָט זיך צעלאַכט, געזאָגט, אַז זי וועט דאָס דערציילן אַלע מיידלעך, וועלכע לערנען זיך מיט איר מוזיק. אַזוי זענען מיר צו ביז אַ נידריק הייזל, וווּ עס האָט געהאָנגען אַ שילדל: „פּראָפעסאָר פאַר מוזיק לודוויק סטעפאַנסקי". און מיר האָבן זיך געזעגנט.

אַוודאי האָב איך זי געדאַרפט אָפּוואַרטן ביי איר הויז, דאָס האָב איך געזען לויט איר שמייכל ביים געזעגענען. איז דאָס אָבער געווען אויף דער שוועל פון אַ בייזן ווינטער.

ס'האָבן זיך גלייך געמאַכט שלאָקס־רעגנס, ווינטן, זאַווערוכעס, שפּעטער — קנאַקעדיקע פרעסט.

דער אינדרויסן איז געוואָרן הפקר.

אונטער אַ בעליק, וווּהין איך זאָל זי קענען פירן האָב איך נישט געהאַט. און נעמען חנהלען צו דער מיל, הינטער דער שטאָט, וווּ די פּאָרלעך פלעגן זיך טרעפן, ביי אַזעלכע וועטערס, האָט מען געדאַרפן האָבן אַ האַרץ פון אַ טאַטער.

איז זיך דער ווינטער, מיט דער צעשויבערטער ווייס־פאַרקאָווע־טער באָרד, אַזוי געקראָכן איבער די קורצע טעג און לאַנגע נעכט און איך האָב חנהלען נישט געזען.

איצט, אינאיינעם מיטן אָנקומען פון די שוועלבעלעך, אינאיינעם מיטן דורכשלאָגן זיך פון די גרינע קעפּלעך, האָט זיך אָנגערופן ביי מיר אַזאַ בענקשאַפט צו איר.

געפילט האָב איך, אַז דאָס האַרץ זוכט זיך פשוט עפּעס — אַזוי ווי איך האָב קיין אַנדער מיידל נישט געהאַט, האָט עס זיך צוגעטשעפּעט צו חנהלע דאַבזשינסקאַ.

און דאָס האַרץ ביי מיר — גלייך צעפייערט עס זיך, פונקט עפּעס ווי קוילן, וואָס צעזשאַרען זיך אין אַ פלאַם.

איך האָב שוין נישט געקענט לעבן אָן איר.

געטראַכט האָב איך: אַזוי ווי דער פסח שטייט שוין ביי דער שוועל, וועל איך זען אין יום־טוב זי צו טרעפן.

אָבער גאָר לאָ, איך קען נישט איינרוען, ס'איז די נאַכט פון בדיקת

חמץ, אין יידישע שטיבער געדענקט מען נישט ווי מען הייסט, און גיי וואַרט היינט אויף חנהלען? זי וועט דאָך מיך אָנקוקן ווי אַ דולן.

און איך בין געגאַנגען.

די דריי פענצטער זייערע, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן קלויסטער־טראַקט, זענען געווען פאַרגאָלדט פון אַ בליץ־לאָמפּ. זיי האָבן געפינקלט פון ריינקייט, נאָר זענען געווען נאַקעט אָפּגעדעקט, נישט פאַרהאַנגען מיט קיין פאָרהאַנגען. דאָס האָט מיר שלעכטס אָנגעזאָגט, מן הסתם פאַרעט מען זיך דאָרט ביי זיי, נישט באַוויזן נאָך די פאָרהאַנגען צו פאַרלייגן.

כ׳בין געקומען אויף דער ריכטיקער צייט.

פון דער צווייטער זייט בין איך צופרידן געווען, די פענצטער זענען נישט פאַרהילט, דער איינציקער נס, וואָס קען געשען: איך זאָל זי זען, אָדער זי — מיך.

איך בין געשטאַנען. בעסער וואַרטן דאָ ווי זיך סתם שלאָנדרעווען איבער די גאַסן מיט אַ נאַגנדיק געפיל.

אין די שטיבער ביי זיי, וואָס געפינען זיך אויפן ערשטן שטאָק, זע איך, דרייען זיך מענטשן הין־און־צוריק נאָר אַלץ נישט זי.

זאָל איך אַוועקגיין? דאָס האַרץ לאָזט נישט. די לבנה, וואָס איז געשטאַנען אין מיט מאַרק, האָט מיך אויך צוגערעדט צו בלייבן. ס׳איז דאָך אַ נאַכט פון לויטער וווּנדער: אַזאַ צעפינקלטער הימל, אין די יידישע שטיבער בלאַנקט אַלץ, גרייט אויפצונעמען דעם יום־טוב.

פלוצלינג, מיר דאַכט זיך אויס, יאָ, ס׳איז חנהלע. זי גייט אַרומגענומען דעם שוואַרצן קאָפּ האָר מיט אַ ווייס טיכל, מן הסתם העלפט זי דער מוטער אירער.

ביי מיר האָט זיך אַרויסגעריסן: „חנהלע!“

זי איז צו צום פענצטער, זי קוקט זיך איין אין דער שויב, זי גלויבט נישט, זי גלויבט די אויגן נישט.

און איך שאָקל צו איר מיטן קאָפּ אויף יאָ, דאָס בין איך.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן. און איך האָב איר איצט געווונקען מיט די הענט: קום אַראָפּ, קום אַראָפּ.

זי איז אַוועק פון פענצטער.

ווען זי אַראָפּ צו מיר? אפשר איז זי סתם אַוועק?

נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט צו באַשליסן, הער איך ווי זי לויפט שוין איוף די טרעפּ, זי שטייט שוין אויף דער שוועל פון הויז.

זי איז געגאַנגען אַנגעטאָן אין אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ, אין אַ ווייס פאַרטוכל און האָט געהאַלטן אין האַנט אַ פלעדערוויש צום רייניקן.

— האָסט זיך גוט אויסגעקליבן — האָט זי מיר געזאָגט — האָסט נישט געקענט קומען אין אַן אַנדער צייט, נאָר צו חמץ־בודקען?

— איך האָב געוואָלט קומען צו דיר יום־טוב, נאָר כ'האָב זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן.

— וואָס עפּעס מיט איינמאָל, וווּ ביסטו געווען די גאַנצע צייט?

— ס'איז דאָך געווען ווינטער.

— און אַז ווינטער איז וואָס?

— ס'איז מיר געווען אַ שאָד דיך אַרומצופירן אין אַזאַ צייט.

איר פּנים אַזאַ העל־קיילעכדיקס, האָט געלויכטן. און אינגאַנצן איז זי אַזאַ דינינקע, אַזאַ געפּאַרעמטע.

— קום אַהער אויף אַ מינוט, חנהלע, כ'האָב דיר עפּעס צו זאָגן.

— אַזוי נייטיקס האָסטו מיר צו זאָגן?

— זייער נייטיקס.

זי איז געגאַנגען מיט דער לאַנגזאַמקייט, מיט דער באַדאַכטקייט פון אַ פרוי, איידער זי גייט אַריין אין דעם תחום פון אַ מאַן.

— נו, זאָג — האָט זי זיך אָנגערופן, ווען זי איז שוין געשטאַנען נאָענט לעבן מיר.

וואָס האָב איך איר דען געהאַט צו זאָגן. כ'האָב גענומען איר האַנט און צוגעטאָן צו מיינע ליפּן.

מער האָב איך נישט געוואָלט, מער איז מיר נישט איינגעפאַלן.

מיט מיין גאַנצן דורשט האָב איך געשלונגען פון איר האַנט. און איר האַנט האָט זיך ווי אַ קוואַל געעפנט פאַר מיר, אַזוי טיף, אַזוי טיף, גאָרנישט צום אויסשעפּן.

עפּעס זוי מען וואָלט אַוועקגענומען פון איר די הויט, די ביינער און זי וואָלט געבליבן לויטער לוסט, לויטער ציטער.

זי איז געוואָרן צוגעשמידט צו מיר, און מיט אַ מאָל זיך אויפגעכאַפּט:

— אוי ווי, כ'האָב דאָך אַלץ געלאָזט שטיין אינדערמיט, נישט איצט.

— ווען, חנהלע? — האָב איך זי געפרעגט.

— דעם ערשטן טאָג חול־המועד — און זי איז פאַרשוווּנדן.

איך בין געגאַנגען אַהיים האַלב־שיכור, האָב נאָך אַלץ געפילט די האַנט אירע.

די צוויי טעג יום־טוב זענען מיר איצט געוואָרן איבעריקע.

ביי מיר וועט זיך דער יום־טוב ערשט אָנהייבן חול־המועד, דעם ערשטן טאָג חול־המועד.

א פאַרטאָג

אין איינעם אַ פאַרטאָג איז מיר אַמאָל אויסגעקומען דורכצוגיין אַ מאַרק פון אַ גרעסערער פּראָווינץ־שטאָט אין פּוילן.

רונד־אַרום דעם מאַרק זענען געווען קראָמען. אין די נאַכט־שעהן זענען איבער די טירן פון די קראָמען געווען אַראָפּגעלאָזט אייזערנע זשאַ־לוזן. דער גאַנצער מאַרק האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי ער וואָלט גע־דרימלט, געדרימלט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן־דעקלעך.

איך בין געגאַנגען און אַן אומהיימלעכקייט האָט מיך אַרומגענומען. קיין סימן נישט פון אַ לעבעדיקן וועזן. בלויז בלינדע געשעפטן אַרום. און אַ שפּעטנאַכטיקער פּחד האָט געהויערט אַרום די פאַרהאַקטע טירן.

מיט איין מאָל איז אין מיין גאַנג עפּעס אויפגעגאַנגען פאַר מיר, וואָס האָט מיך אַרומגענומען מיט היימלעכקייט. פאַרטראָגן מיך צווישן פרייענדיקע און טאַנצענדיקע מענטשן.

אין דער קילער פאַרמאָרגן־לופט האָבן זיך דערטראָגן צו מיר ריחות פון פרישע געבעקסן, געבעקסן דורכגעשמעקטע מיט מאַנדלען, מיט ראָזשינקעס, מיט צימרינג. איך האָב זיך דערפילט שטאַרק באַלעבט. די דאָזיקע אַראָמאַטן האָבן אַרויסגערופן אין מיין דמיון סערווירטע טישן אויף חתונות, אויף שמחות, ביי וועלכע מען פלעגט עסן אַזעלכע געפילטע שטרודלען, מאַנדל־ברויטן.

דער אַפּעטיט איז ביי מיר געוואָרן אַ גערייצטער.

כ׳האָב אָנגעהויבן זוכן מיט מיין חוש הריח פון וואַנעט די דאָזיקע ריחות טראָגן זיך.

און מיין נאָז האָט מיך „צוגעפירט" צו אַ הילצערנעם טויער, וואָס האָט זיך געפונען צווישן צוויי קראָמען; „געפירט" מיך איבער אַ לאַנגן טונקל־פאַרשלאָפענעם הויף און איך בין געבליבן שטיין פאַר דריי ליכ־

טיק צעפּייערטע פענצטערלעך, וואָס האָבן עפּעס ווי די אויגן פון חיות, געקוקט אין דער אַרומיקער פינצטערניש.

די דריי פענצטערלעך, וואָס זענען געלעגן האַרט ביים ברוק, האָבן געהערט צו אַ בעקעריי, וואָס האָט זיך געפונען אַ פינף טרעפּלעך זיך אַראָפּצולאָזן אין אַ קעלער.

איך בין אַריין אין אַ לאַנגן צימער. קיינער האָט דאָ נישט באַמערקט מיין אַריינקום.

אין דעם צימער זענען געשטאַנען דייזשעס אויף ראָשטשינען טייג, זעק מעל, ווייסע, אַז זיי האָבן געבלענדט; בלעכן, פאַרעמקעס אויף פאַרשידענע קוכנס. נאָר פון צווייטן צימער האָט צו מיר געלאָקט אַ פייער, אַזאַ אויסגעלייטערט פייער און איך בין געגאַנגען הערצו.

קען זיין, אַז דאָס פייער איז מיר אַזוי ליב געווען, מחמת מיין אַרומבלאָנקען שעהען אַליין אונטער אַ פאַרטאָגיקן האַרבסט-הימל, וואָס אינגאַנצן רונד איז ער געווען אָנגעטאָן ווי אין אַ שוואַרצער יאַרמלקע. און האָט זיך אויפן מזרח־ברעג הימל געוויזן אַ העלער פלעק, האָט ער עפּעס געשראָקן, פונקט ווי מען זאָל ביי אַ טונקל־באַדעקטן מת אונטערהייבן אַ ברעם פון אַן אויג. נאָר ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, דאָס פייער האָט מיך זייער געצויגן.

איך בין אַריין אין צווייטן צימער.

ביים אויוון איז געשטאַנען אַ פרוי. דאָס האָב איך דערקענט לויטן ווייסן כאַלאַט, וואָס זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן און די ווייסע הויב אויפן קאָפּ, וואָס האָט איר אפּירגעלאָזט פּאַסמעס שאַטינע האָר. איר פּנים האָב איך נישט געזען, מחמת זי האָט דעם קאָפּ געהאַט אַריינגעבויגן אין אויוון, און ווען זי האָט מיט אַ שאָוול אַריינגערוקט אייער־קיכלעך ביי די ברעגעס פייער.

איך בין געשטאַנען שטום. איך האָב נאָר געפילט, אַז די דעמפּיקע אויסגעבאַקענע מעליקייט, וואָס איז געשטאַנען אַ געדיכטע אין צימער, אַז מען האָט זי געקאָנט שניידן, האָט געצונדן מיין בלוט. איך בין צו דער פרוי, נאָך איידער איך האָב זי רעכט געזען, צוגעקלעפּט געוואָרן. זי האָט מיטאַמאָל דעם קאָפּ אַרויסגעבויגן פון אויוון און זיך באַגעגנט מיט מיין

בליק. איר פּנים איז געווען באַגאָסן מיטן פלאָם פון פייער. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי זי זאָל קומען פון אַ פאַנטאַסטישער וועלט, אַ ליכטיקע, אַ צעהעלטע וועלט, וואָס האָט גאָרנישט קיין שייכות צו אונדזער פּלאַנעט.

אירע אויגן, ברוינע אויגן, זענען געווען צעלויכטן ווי וואַקסענע ליכט; דאָס פּנים, אַ רונדיקס — צעפלאַמט. זי האָט אויסגעזען ווי זי אַליין וואָלט פון פייער אַרויס. מיר האָט געגומען אויסדאַכטן, אַז זי וואָלט געקענט אַזוי שפּרייזן איבער דער וועלט און אונטערצינדן אַלע הערצער ביי די מענער.

זי האָט צו מיר אַ שמייכל געטאָן:

— וואָס ווונטשט איר איך?

— איך בין געווען הונגעריק, פריילין, בין איך אַראָפּגעקומען אין בעקעריי.

עסט וויפל אייער האַרץ גלוסט — האָט זי מיר צוגערוקט אַ בלעך מיט קיכלעך.

דעם אמת געזאָגט, פריילין, בין איך שוין זאַט געוואָרן ווען איך האָב אייך געזען.

זי האָט געלאַכט, געלאַכט מיט אַ פול מויל ציין.

— ווען גייט איר פון דער אַרבעט? — האָב איך זי געפרעגט — איך וויל אייך באַגלייטן.

— מיר ווינען נישט ווייט, דריי הייזער פון דאַנען. אַ שאָד אייער מי.

— וועל איך אייך באַגלייטן דריי הייזער.

— איך בין אָבער מיד; איך גיי איצט שלאָפן.

פּלוצלינג האָט זיך ווער אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אויפגעשטאַנען פון צווישן די זעק. די גאַנצע אילוזיע, אַז איך געפין זיך מיט איר אַליין — איז צערונען.

צווישן אונדז ביידע איז געבליבן שטיין אַ ייד מיט אַ פאַרמעלטער באָרד, אין די גאַטקעס, מיט אַ טלית־קטן פון אויבן, מיט אַ פאַרקנעטן קאַפּל אויפן קאָפּ.

— באַלעמוטשע נישט, מירל — האָט ער צו איר געזאָגט, — קוקנדיק אויף מיר — זיי וועלן באַלד קומען נאָכן געבעקס.

דאָס איז געווען איר פאָטער.

איך בין געשטאַנען מען זאָל מיך נאָר נישט זען און הערן. איך האָב זיך טאַקע דערוואָרט. דאָס מיידל האָט אַרויסגענומען פון אויוון די לעצטע קיכלעך, אויסגעטאָן דעם כאַלאַט מיט דער הויב און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— מירל, איך וויל אייך זען, איך וויל מיט אייך רעדן, איך וועל אייך מער נישט קענען פאַרגעסן.

— איך בין דאָך אַזוי מיד. איך גיי איצט שלאָפן.

— גאָט באַהיט, מירל, איך וויל ביי אייך נישט צורויבן אייער שלאָף. און נאָכן שלאָף?

— גיי איך צוריק אין בעקעריי.

— וועל איך קומען בלויז אייך באַגלייטן, באַגלייטן איבער די דריי הייזער ביז, ביז איר וועט אייך קאָנען באַפרייען פון אייער שווערער אַרבעט.

אַזוי זענען מיר אין געציילטע מינוטן געווען ביי דער שוועל פון איר וווינונג. זי איז אַ מאָמענט געבליבן שטיין, אויפגעהויבן איר בליק צו מיר. איך האָב איר געזאָגט:

— גייט אַריין, מירל, גייט אַריין. ס'איז מיר אַ שאָד יעדע מינוט אייערע. איר האָט דאָך נאָך גאָרנישט געשלאָפן. מאָרגן פאַרטאָג וועל איך ווייטער קומען אייך באַגלייטן.

אַזוי איז טאַקע געווען.

אין די האַרבסטיקע פאַרטאָגן האָט איצט פאַר מיר געלויכטן דאָס מיידל ביים אויוון. נישט געקוקט אויף דער פוילקייט, וואָס פלעגט מיך אַרומנעמען, בין איך אַראָפּ פון געלעגער און געלאָפן אין די ערגסטע ווע־טערן, וואָס האָבן זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט. ס'האָט געמעגט כליאָפּען און ווינטן האָבן געקענט אַרומהוליען און שיבן הויפנס שניי אין פנים, בין איך געלאָפן צו איר, באַגלייטן זי, באַגלייטן ביז דער שוועל פון איר וווינונג.

אַ כּישוף, אַ כּישוף איז געלעגן אין איר. עס פלעגט מיר ביים האַרצן ענג ווערן, בעת איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי זי שטייט דאָרט אין דער אָנגעגליטער אַטמאָספערע ביים פלאַמיקן אויוון, איינגעאַנצן אַ צעראָטלטע, אַ צעצונדענע, אָנגעטאָן אין ווייסן כאַלאַט, מיטן הויב אויפן קאָפּ, וואָס לאָזט איר אפיר בינטלעך האָר. די ברוינע אויגן אירע, זעען אויס ביים פייער ווי מאַנדלען, מאַנדלען, וואָס גלימערן אין אַזאַ זיסן געבעקס; דאָס פּנים — ווי אַ צעבליטער עפּל מיט רויטע בעקלעך.

איין זאַך וואָס האָט געשטערט אונדזער גליק — די צייט. מיר האָבן נישט געהאַט ווען צו זיין אינאיינעם. אפילו דער שבת איז פאַר איר געווען דער איינציקער טאָג אויף אויסשלאָפן זיך. מיר האָבן געגנבעט געציילטע מינוטן ביים מעת־לעת. מיר האָבן איצט נאָר געבענקט נאָך פּסח, נאָך דעם ליבן פּסח, ווען די בעקעריי וועט זיין געשלאָסן גאַנצע אַכט טעג. דעמאָלט וועלן מיר זיך קאָנען דורכשמועסן וועגן אַלעם, און אפשר דערפירן עס צו אַ תּכלית?

איך האָב איצט איבערגעלעבט גאָר אַ נייע פרייד פון יציאת מצרים, אַכט טעג זיין אינאיינעם מיט מירלען.

איך האָב אינדערשטיל געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט די ייִדן אַרויסגעפירט פון מצרים, וואָס ער האָט געשפּאָלטן פאַר זיי דעם ים און דער עיקר, וואָס ער האָט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט געבאָטן אויסצוראמען דעם חמץ. איך האָב איצט מיט ליבשאַפט גענומען אויף זיך אַלע חמורות פון חמץ. הפקר זאָל עס זיין כּעפרא דארעא. די בעקעריי וועט זיין געשלאָסן אַכט טעג.

און דער ליבער פּסח איז געקומען.

די ערשטע צוויי טעג האָט מירל גערוט, גערוט נאָך דער פאַרעניש און יאָגעניש ביים אַריינברענגען דעם יום־טוב אין שטוב. און אויף חול המועד האָבן מיר באַשלאָסן אַריינצופאָרן קיין וואַרשע. מירל האָט זיך געוואָלט באַשטעלן אַ הוט ביי אַ וואַרשעווער מאָדיסטקע.

דער טאָג איז געווען אַ בלענדיקער, אַ חול־המועד־פּסח־טאָג.

די וואַרשעווער גאַסן מיט די ברייטע טראָטואַרן, וואָס כ'האָב שוין אַ צייט נישט געהאַט געזען, זענען געלעגן העל ווי די שפּיגלען, און האָבן

„אַראָפּגעכאַפּט" יעדן טריט, יעדע באַוועגונג פון די פאַרבייגייער. אַלץ איז געלעגן אָפּן, זוניק.

די פרויען, די גרויסשטאָטישע פרויען, אָנגעטאָן שוין אין לייכטן, די קאָסטיומען נעט אין די טאַליעס, אין קאָלירן ווי די פרילינגס־הימלען אין דער הייך, האָבן זיך באַוויגן מיט אַזאַ שיק אויף די געהוילטע פאַנ־טאָפּעלעך. די האָר — פריזירט, די ברעמען — פאַרגלייכט, האָבן זיי אויס־געזען געפלעגטע, ווי די ספּעקטן־פלאַנצונגען, וואָס האָדעווען זיך אונטער אַ גלאָז.

איך האָב אין אַ זייט געוואָרפן אַ בליק צו מירלען. גאָט מיינער, עפּעס איז דאָך דער גאַנצער רייץ, דעם רייץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט ביים איוון, אָפּגעטראָטן פון איר. אַוועק. אירע פיס זענען עפּעס אַזוי קלאָציק דיק געוואָרן און זי האָט מיט זיי אַזוי געשטאַלפּערט איבער די העלע טראָ־טואַרן פון די וואַרשעווער גאַסן. און די פיגור אירע? פול און גלייך און אויסגערונדיקט אַרום ווי אַ פעסל. און עפּעס זענען ביי־האָר, וואָס איך האָב געגנישט באַמערקט ביים איוון, אַרויסגעטראָטן אויף אירע באַקן.

אַ רויקייט, אַ רויקייט האָט זיך געטראָגן פון איר.

מירל, אָפּנים, האָט זיך עפּעס געכאַפּט און זי האָט צו מיר געזאָגט:

— וואָס? די וואַרשעווער פאַנפעראַנקעלעך געפעלן דיר? טאָ גיי צו זיי, גיי, גיי.

— אָבער, מירל, ווי פאַלסטו אויס, מירל — האָב איך זי געוואָלט איינבעמען.

זי האָט זיך צעשריגן איבער דער גאַס, אַז מען האָט אָנגעהויבן אויסדרייען די קעפּ. איך האָב זי דאָס ערשטע מאָל געזען אַזעלכע.

— גיי — האָט זי געשריגן, — גיי פון מיינע אויגן.

און איך בין געלאָפן, מיטן גאַנצן אימפּעט געלאָפן.

רעטעכלעך

די יונגע מאָלערין פּ. איז גוט באַקאַנט געווען אין די קינסטלערי־שע קרײַזן פון וואַרשע.

זי איז אויך געווען לערערין פון גראַפיק אין איינער פון די יידיש־װעלטלעכע שולן אין וואַרשע.

איינמאָל, אַ זומער־פרימאָרגן, האָבן מיר זיך באַגעגנט און איך האָב זי באַגלייט צו דער שולע.

אַז מיר זענען צוגעקומען צום באַזאַר, וואָס האָט געגרענעצט מיט די גאַסן נאַוואַליפּיע־לעשנע, האָט זי מיך געבעטן איך זאָל אַרייַנגיין מיט איר אין באַזאַר, זי וויל קויפן אַ בינטל רעטעכלעך פאַר דעם קלאַס צום מאָלן.

מיר זענען צו צו אַ שטעלע, וווּ עס איז געלעגן אַ סך גרינצייג. די מאָלערין האָט גענומען זוכן צווישן אַ גאַנצן פּאַק עפּעס אַ פאַרביק בינטל ראָש־חודש־רעטעכלעך.

זי האָט, פאַרשטייט זיך, געזוכט אַ ביסל לענגער, ווי אַ מענטש וואָס קויפט געוויינטלעך רעטעכלעך.

אַז זי האָט שוין געהאַט אויסגעקליבן, האָט זי דעם בונט רעטעכ־לעך באַטראַכט, האַלטנדיק אים אַ ביסל ווייטער פון אויג; גלייכגעמאַכט די גרינע געקרויזלטע קעפּלעך, די רויט־ווייסע בייכעלעך פון די רעטעכ־לעך, זיי זאָלן האַרמאָנירן מיט דער פאַרב; צוגעגרייט דעם בונט, ער זאָל זיין כאַראַקטעריסטיש צום מאָלן, און יעדעס מאָל באַראַטן זיך מיט מיר ווי ס׳וועט שענער אויספאַלן דאָס בלעטל, די קאָליר פונעם רעטעכל.

פּלוצלינג גיט די הענדלערקע, אַ ברייט־צעוואַקסענע ייִדענע מיט אַ טוך אויפן קאָפּ, אַ געשריי צו אַ צווייטער הענדלערקע אין שכנות:

— אַ בראָך האָט מיך געטראָפן, חנה, זע נאָר וועמען גאָט האָט מיר

היינט צוגעשיקט אויף אַ פּאַטשאַנטעק? קוק נאָר אָן דאָס פּאָרפּאָלק, זיי האָבן דאָך געמוזט אַנטלויפן פון די באַניפראַטן (אַ באַקאַנט משוגעים־הויז אין וואַרשע). זע נאָר ווי דאָס מאַדאַמעלע קוקט מיטן שפּאַקטיוו אויפן רעטעכל, און האלט עצות מיט דעם נאַרישן גאַנער אירן.

און מיט איינמאָל גיט זי זיך אַ דריי אויס אין אונדזער זייט:

— מאַדאַמעשי, לייגן זי אַוועק די רעטעכלעך.

די מאָלערין וויל פּרווון עפּעס ענטפערן, אָבער די יידענע שרייט זי איבער אויפן קול:

— לייגן זי אַוועק די רעטעכלעך, ווייל איך פּאַטש איהן אויס מיט זיי אין מאַנס אויגן.

— איך וועל געבן מער געלט — פּרוווט די מאָלערין שטאַמלען.

— וואָס? פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט וועלן זי שוין די רעטעכלעך נישט קויפן. היידאַ, געגאַנגען. און גיט אַ ריס די רעטעכלעך פון אירע הענט.

מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען און מיר האָבן זיך גענומען אַוועקשאַרן פון הער שטעלע.

די הענדלערקע האָט נאָכגעשריגן:

מאַדאַמעשי, אַז זי וועלן דאָ נאָכאַמאָל קומען אויפן באַזאַר, וועט מען איהן אַרויסטראָגן אין אַ פּלאַכטע. אַזאַ פּאַטשאַנטעק וועט זי מיר שטעלן.

אין א שענק

אין לאָדוש, אין דער אַלטשטאָט, איז געווען אַ שענק, ווו ס׳זענען אויף די ווענט געווען אויסגעמאָלן פאַרשידענע בילדער פון תנ״ך, פון חומש.

צווישן די מאָלערייען האָט מען געקענט זען דניאלן אין לייבן־גרוב, משה רבינו מיט די לוחות און אויך אַ בילד ווי אברהם אבינו שטייט פאַר דער טיר און קוקט־אויס אורחים.

עס זענען געווען היימיש ידישלעכע בילדער, און פון דער מאָלע־ריי איז קלאָר געוואָרן פאַרוואָס, למשל, די לייבן האָבן נישט קיין שליטה אויף דניאלן.

זיי האָבן געהאַט פנימער פון יידישע יונגעלייט מיט בלאָנדע בערדלעך, נישט מער, פון הינטן האָט זיי נאָכגעהאָנגען אַ ווידל פון אַ לייב. טאָ גיי פאַרלאַנג פון אַזאַ לייב, ער זאָל פאַרציקן אַ מענטשן!

אָדער, צום ביישפיל, אברהם אבינו. כדי אַזאַ ייד זאָל זיך מוסר נפש־זיין און אַזוי אויסקוקן אורחים, האָט ער טאַקע געדאַרפט זיין אַן אברהם אבינו.

דאַר, לאַנג, אַרויסגעוואָקסן פון דער הלבשה, דער קאָפּ פאַרוואָקסן, אַ ווייסע צונויפגעקלעפטע באָרד. אַ כאַלאַט האָט ער געטראָגן אַ לאַנגן, שוין אָפּגעבליאַקעוועטן, און די לענדן אַרומגענומען מיט אַ שטריקל. און דאָך אַזאַ מכניס אורח!

דער עולם זיצט אַרום אין שענק און איז עוסק אין אכילה.

מיטאַמאָל האָט זיך איינער פון די עסער פאַרטראַכט אויף די ביל־דער און אויסגערופן צום גאַנצן טיש:

— גיטס נאָר אַ קוק וואָס פאַר אַן אָפּגעשאָסן כאַלאַטל דער אברהם אבינו טראָגט.

שטעלט זיך נישט איינער אויף און גייט צו צו יענעם:

— צו וועמען טשעפּעסטו זיך, צו וועמען, פרעג איך, צו אברהם אבינו? צו מיר טשעפּע זיך, און דערלאַנגט יענעם אַ פּאַטש, אַז ס'האָט אָפּגעהילכט ווי אַ שאָס.

בלייבט יענער נישט שולדיק, כאַפּט אַ טעלער און — גלייך אין פּנים אַריין.

אין איין אויגנבליק איז די שענק צעברויזט געוואָרן, ווי אַ שטורעם־ווינט וואָלט זיך אַריינגעריסן.

מען האָט נישט געוווּסט ווער וועמען שלאָגט. הענט האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט, געהויבן און אַראָפּגעלאָזט. און מען האָט נישט מער געהערט: אברהם אבינו, אברהם אבינו.

די געשרייען האָבן זיך אַרויסגעריסן אין גאַס און — ס'האָט זיך באַוויזן אַ פּאָליציאַנט.

אַז דער ערל מיט די צוויי וואָנסעס האָט געוואָלט צונויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל און גענומען חוקר ודורש זיין פאַרוואָס דער געשלעג איז אויסגעבראָכן, האָבן אַלע יידן געשוויגן, נישט מעגלעך געווען פון זיי אַרויסצוקריגן אַ וואָרט.

גיי פאַרצייל אַ גוי וועגן אַ כאַלאַטל פון אברהם אבינו, ער וועט עס דען באַגעמען, דער גויעץ?

ווייסע חלה

קאַפּיטל איינס

דער פֿאָטער זיינער איז אויף דער עלטער שוין געוועזן, נישט גע־קענט מער פֿאַרגאַרטלען די שטריק אויף דער איינגעמעלטער בורקע און אַרויס אויפֿן מאַרק עפּעס פֿאַרדינען. דעם לעצטן ווינטער האָט ער זיך איינגאַנצן אין בעט געלייגט און געהוסט, געהוסט מיט שטיקער פֿלעגמעס, גלייך דער גאַנצער מעל־שטויב — זינט ער איז טרעגער געוואָרן — וואָלט זיך געזעצט אין אים און איצט ערשט אָנגעהויבן אַרויס אין אַזאַ ווייסער קלעפּיקייט.

סוף ווינטער איז נאָך ערגער געוואָרן: ער פֿלעגט נאָך יעדן הוסט ברוין־און בלאָ ווערן, ביז ער האָט דאָס לעצטע אויסגעקרעקט און גע־שטאָרבן.

איז ער, דער זיבעצן־יאָריקער זיינוול, אויף הפקר געבליבן. וואָרום באַלד נאָך דער „שבעה" האָט זיין אויסגעגעבענער ברודער, חיים, די שטוב אויסגעליידיקט, אַרויפֿגעפּאַקט די זאַכן אויף אַ הויכער לייטער־פֿור און מיטגענומען די מוטער צו זיך אין דאָרף אַריין.

אויף דער פֿור האָט די אַלטע שרה זיך ערשט אַרומגעזען, אַז זיינוול בלייבט ביי קיינעם נישט און האָט עטלעכע מאָל געוואָלט צוריק אַראָפּ. נאָר חיים, פֿאַרנדיק זיך אויף דער קעלניע, האָט יעדעס מאָל אַ שפּיז געטאָן מיט זיינע שוואַרץ־צעברענטע אויגן און ביז אונטערגעברומט:

— מאַמע!

איז די אַלטיטשקע געבליבן זיצן אויפֿן אָרט און אינדערשטיל די טרערן געשלונגען, זי האָט פֿאַרשטאַנען זיין כעס: ווייניק דו, ווילסטו נאָך כ'זאָל אויף דעם יונג אויך אַרבעטן?

קוים אָבער האָט די פֿור געריירט, האָט זי זיך מער נישט גובר

געוועז, פארצויגן דאָס צעקנייטשטע פּנים אין טיפע פאַלדן און צעכליפּעט זיך אויפן קול:

— געדענק, זאָלסט שרייבן, אַזוי פיל אויסגעשטאַנען, כ׳על קיין מנוחה נישט האָבן, נישט האַ־אַ־בן.

חיים האָט אויך עפּעס אַרויסגעגאָדערט אַ פּאָר ווערטער מיט זיין שטאָלערן קול און גלייך פאַר זיך אונטערשמייכנדיק די פערד אַ זאָג געטאָן:

— זיי געזונט, זיינוול, עסט זיין אַ מענטש, וועט דיר גוט זיין.

זיינוול איז געבליבן שטיין אויפן אָרט, האָט קיינעם נישט אָפּגעענטפערט. די פור, האָט ער דערפילט, וואָס מער זי דערווייטערט זיך, ציט אים עפּעס גאָר שטאַרק ביים האַרץ, גלייך דאָס גאַנצע געשפּאַן וואָלט אַ שטיק פון זיינס אַן אבר געווען און ס׳האָט עס ווער אָפּגעריסן און מען שלעפּט עס ווייט, ווייט פון אים אַוועק.

אַז די פור איז שוין געהאַט פאַרשוווּנדן, געווען שוין נאָך דעם מאַרק־ברונעם, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער הילצערנער באַנק פאַרן פענצטער. באַלד איז אָנגעקומען אַ יונג ווייבל מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ. זי איז אין דער ליידיקער דירה אַריין און האָט אויסגעסדרט אויפן פענצטער: אַ ביסל זאַלץ, ברויט אַ שטיקל און אַ ליכטל און איז אַוועקגעגאַנגען.

ער געדענקט זי גוט, דאָס ווייבל. חיים האָט זיך מיט איר אַ פּאָר טעג אינדערשטיל געדונגען. ס׳איז אים איצט קלאָר געוואָרן: ער וועט שוין נישט קענען מער אין שטוב אַריין, אַנדערע וועלן דאָ וווינען.

אויף דעם פּאַטערס אָרט וועט דעם ווייבלס מאַן, מיט דעם אָרונטערגעקעמטן בערדל, זיך אַרומדרייען און זי, דאָס ווייבל, וועט שטיין ביים קיכל, פּרעגלען, קאָכן, און דאָס פּיזערל וועט זיך אַזוי הימלעך שפּילן אויף איר פּנים. ער האָט האַסטיק זיך אויפגעכאַפּט, אַ ריס־געטאָן די דרענגלעך, אויף וואָס די באַנק איז געווען אונטערגעשפּאַרט און צעשיט זיי אינמיטן גאַס אַריין. דערנאָך איז ער אַריין אין שטוב, געוואָלט עפּעס טאָן, נאָר דערזען מיטאַמאָל פיר ליידיקע ווענט, וואָס האָבן בולט נאָך געוויזן ווו די זאַכן זענען געווען צעשטעלט: דער אַלמער, די בעטן, אפילו דער

האַנטעך־האַלטער מיטן געטאַקטן קעפל האָט זיך אַזוי שאַרף געהאַט איינ־געשניטן אין דער וואַנט, ווי ס'וואָלט אים אַ שאָד געווען צו שיידן זיך מיט דעם אָרט. און עפּעס גאָר מאָדנע איז צעווירענער שימל, שפּינוועבס, אַזוי אָפן פריי געווען באַזעצט אויף די ווענט. איבער דער גאַנצער שטוב איז אַ הוילע פּוסטקייט געלעגן, וואָס האָט נאָר געוואַרט אויף אַ ליאַדע ריר און ס'וועט עפּעס גאָר אויסטערלישעס געשען. צו דער נאָז האָט אַן עיפּושדיקע פייכטקייט געזעצט, וואָס האָט געלאָזט פילן פון חורבה, אונ־טערגאַנג. האָט ער צאַרנדיק אַ געשריי געטאָן:

— נישטאָ קיינער?!

און זיך דערשראָקן פאַרן אייגענעם ווידערקול.

ער איז צו. אַ שטאַרקן זעץ דערלאַנגט אין פענצטער. דער טראַסק פון געפּלאַצן גלאָז האָט אַ געבריל פון קולות אַרויסגערופן, וואָס די ער־שטע מינוט האָט זיך געדאַכט, אַז שטומע כוחות האָבן דאָ ערגעץ־ווו לאַנג שוין געלאָקערט און איצט ענדלעך זיך באַפרייט. איינס־צוויי האָט ער זיך שוין אויפן וועג געפונען. ער איז זיכער געווען, אַז ביי די אויסגעהאַקטע שייבלעך שטייט שוין דאָרט אַ קופּקעלע שכנים און איינער פרעגט ביים אַנדערן:

— ווער האָט דאָס געקאָנט טאָן?

און ער האָט צומאָל זיין קאָפּ נישט אויסגעדרייט. זיין בליק איז איצט פאַרכאַפּט געווען פון ווייס־גלאַטיקן וועג, וואָס פירט אין דער אומבאַקאַנ־טער וועלט אַריין.

קאַפּיטל צוויי

אין שטאָט האָט זיינוול אַ פּאָר טעג אַרומגעבלאָנקעט איבער די ברייטע גרויס־שטאָטישע גאַסן און שטום געקוקט יעדן דורכגייער אין פּנים. אויפן ערשטן בליק האָט ער שטאַרק הנאה געהאַט, וואָס די גאַסן זענען באַקלעפּט מיט אַזוי פיל מענגעס מענטשן. אַזאַ לעבעדיקע היימ־לעכקייט. דער געדאַנק, וואָס האָט אים איבערן וועג געמוטשעט: „וואָס וועט זיין, פּונוואַנעט וועט ער אויף ברויט פאַרדינען?“, האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צערינען. דערצו נאָך אַזאַ שטענדיקער שטאָט־ליאַרעם, וואָס

לאָזט אַפילו נישט אַ טראַכט טאָן. קלימפּערן טראַמווייען און שניידן זיך אַזוי זשומענדיק איבער די גאַסן, אויטאָמאָבילן שרייען מיט משונהדיקע קולות, רעדער וועלגערן דעם אויסגעפּלאַסטערטן ברוק. און פון בײדע זייטן קנוילט זיך אַ באַוועגלעכער מענטשן־געווימל. אַט־אַ־די אַלע קולות הילכן־אָפּ אַזוי קוויקנדיק אין זיין געזונטער ברוסט און פאַרטרייבן אים יעדן געדאַנק.

איז ער אַזוי גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען אין זיין אָפּגעפּליקטן הילוך. פלעגט זיך אָפּשטעלן ביי אַ שפּיגל־פענצטער פון אַן ערשטקלאַסיק געשעפט און דערזען דערין אַ שטיק גאַס, ווו אַן אַ שיעור מענטשן, מאַשינעס, פערד מיט גלימערדיקע געשפּאַנען, פליען אַהין־און־צוריק און ער געפינט זיך אינדערמיט, סאַמע אינדערמיט, איינער פון די אַלע; האָט ער זיך נישט געקענט גובר זיין און זיך אין דער שפּיגל־וועלט צעלאַכט.

איינמאָל, אַ פאַרנאַכט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיינערנער טרעפּ פון אַ זייטיקער הינטער־גאַס און גענומען איבערציילן דאָס רעשט געלט, וואָס ער האָט פון דער היים מיטגעבראַכט. בסך הכל איז אים נאָך געבליבן אויף געציילטע טעג צום לעבן. דער געדאַנק, וואָס איז אַ צייט פאַרטייעט געלעגן, האָט האַסטיק גענומען אים אַזוי שטעכיק פּיקן: „וואָס וועט זיין, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג און דערנאָך? אויסגיין פאַר הונגער? נישט וויסן, אַפילו די מאַמע, ווו ס׳געביין איז אַהינגעקומען”.

דאָס רעשט געלט האָט ער אין האַנט גענומען און פעסט צוגעדריקט, ווי ער וואָלט זיך געראַנגלט מיט אַ נישט־געזעענעם כוח, וואָס וויל עס אים צונעמען.

דערוויל האָט אַ טונקל אָוונטל, אַ ווייכס, גענומען אויסצוואָגן די דורכגעברענטע שטאָט פון גאַנצן טאָג זון־בלענדיקייט. דאָס אָוונטל האָט שוין ביי זיינוולען ביי די ערשטע טונקעלע טריטלעך שטאַרקע מניעות געהאַט: צעפּליקט געוואָרן פון שנורן עלעקטרישע לאָמפּן, וועלכע ער האָט דאָ דאָס ערשטע מאָל געזען, וואָס האָבן מיטאַמאָל ברענענדיק אויפגעפלאַקערט און צעדריוולט דערפון גאַנצע שטיקער. פונדערווייטנס האָבן די שנורן לאָמפּן אויסגעזען ווי אין טיפן אָוונט, וואָס האָט זיך געדיכט אַרום דער ליכטיקייט געוויקלט, וואָלטן זיך פלאַקערס צעברענט פון זיך

אַליין, פון נאַכט־שוואַרצקייט, פון געדיכטער שטאָט־דומפּיקייט. זיינוועלן האָט דאָס אַלץ גאָר חידושדיק אויסגעזען. ער האָט דורכגעמאַכט די הויפּט־גאַסן און פאַרמאָסטן זיך גיין אין הינטערטייל שטאָט, ווו ער האָט גע־נעכטיקט. אַז ער איז צוגעקומען צו שמאָלע, האַלב־פינצטערע געסלעך, האָט זיך נאָך בולט פאַר זיין אויג געצונדן צעשרפּעטע העלקייט פון יענעם רייכן שטאָט־טייל. ווידער האָט זיך אין אים אָנגעהויבן שטאַרקן דער בטחון — „מען דאַרף זען נישט אונטערגיין". איינס איז אים נאָר אויפן זין אַרויף: אין אַזאַ פאַרשייטער צעפלאַקערטער שטאָט מוז מען דרייסט זיין, גאָר שטאַרק דרייסט זיין. אויפשטיין אין דער פרי, אַרויס אין גאַס, פרעגן זיך צו דער בערזע פון אַרבעט און זאָגן: כ׳וויל אַרבעטן, כ׳האָב נישט קיינעם, די לעצטע פרוטות זענען ביי מיר געבליבן. אוי וויל איך אַרבעטן, פונקען וואָלטן געפלויגן".

קאַפּיטל דריי

ס׳איז געווען אַ פייכטער פרימאָרגן. די גאַסן, וואָס זענען נאָך האַלב־ליידיק געווען, האָבן פאַרנעצטערהייט זיך געגראָט אינעם טונקעלן הימל. פון נישט דערזעענע ערטער האָבן פייגל כסדר געצווישטשערט און מיט אַ רוגזה, אַז מ׳האָט געקענט מיינען: אָט, אָט און ס׳וועט זיי געלונ־גען אַוועקצושמייסן דעם גראָ־צעווייקטן אוויר און דער זומער־מאָרגן וועט זיך ווייזן אַ העלער, אַ זוניקער.

דער שיטערער עולם, וואָס איז איבער די גאַסן געגאַנגען, איז צוממערסטן באַשטאַנען פון אַרבעטער מיט קליינע פאַרוויקלטע פעקעלעך עסנוואַרג, מיט אָנגעהאָנגענע בלאָע קריגעלעך, טייל אויך מיט צייטונגען אין די הענט. זיי האָבן בלינד געשטעלט די טריט און געשלונגען די פרי־שע נייעס. טייל אַרבעטער־מיידלעך האָבן אין טאַשן־שפּיגעלעך פאַר־ריכט די אויפדערגיך פאַרקעמטע פריזורעס. אַ קליין יונגל, מיט אַ פעקל צייטונגען אונטערן אָרעם, איז געלאָפן פון איינעם צום אַנדערן און צע־הילכט איבער דער גאַס קוויטשיקע געשרייען. צווישן גאַנצן עולם האָט זיינוול געשפּאַנט און געהאָפט שוין צו קומען צו דעם ברוין־געפאַרבטן הויז מיט דער לאַנגער שילד „דרוקאַרניאַ", ווו ער אַרבעט ביים דרייען

אַ ראָד שוין אַ פּאָר טעג צייט. כאָטש ער וויס שוין פון נעכטן און אייער־נעכטן, אַז ער קומט צו־פרי — ס'קומט אים אויס צו וואַרטן אַ שפּאַרע ווייל ביז עס קומען־אָן די אַנדערע צוויי אַרבעטער און מען עפנט די דרו־קעריי — שטייט ער ווידער אויף באַגינען, פּאַקט איין די צוויי פעניצער ברויט אין אַ קליין פּעקעלע, גלייך ווי אַלע אַרבעטער. ער לאָזט זיך אין דער שטילער גאַס, וואָס ביים סאַמע אַריינקום אין איר שטייט אַ הויך ציגל־הויז מיט אַן אָפּגעבראָכענעם באַלקאָן, אַ גוטער סימן, אַז די גאַס מיינט ער טאַקע. דרייט ער זיך אַזוי אין די פרימאָרגנס און איז פאַרטאָן אין אַ גאַנץ בינטל דאגות, וואָס איז אים די לעצטע וואָך צוגעקומען: „וויפל, אַ שטייגער, וועט ער קענען פאַראיבעריקן פון דעם פינף־טויזנט־מאַרק שטיק אַ וואָך, וואָס שטייט אים פּאָר צו פאַרדינען?"

און ער וויל גרינטלעך אויסרעכענען זיינע הוצאות: „וויפל ברויט איבער דער וואָך, מיטאָגן, נאַכטלעגער".

אָן בשעת מעשה קומען אים אַזעלכע זיסע מחשבות: אַ שטייגער, ער זאָל קענען אָפּשפּאָרן און שיין זיך אויסקליידן. דערנאָך וואָלט ער איינ־געקויפט מתנות און אריינגעפּאָרן צו חיימען אין דאָרף אַריין. אין שטוב וואָלט ער נישט אַריין, ער וויל זיין שוועל נישט באַטרעטן. ער וואָלט זיך אָוועקגעשטעלט פאַרן נידעריקן פענצטערל און ערנסט ווי קיינמאָל גאָר־נישט אַ רוף געטאָן: „מאַמע!". און גלייך וואָלט ער אַ פּאַק־אויף געגעבן די איינגעקויפטע זאַכן, אַ פאַטשיילע אויפן ווינטער, אַ פּאָר נייע שיך:

— נאַ! אָט האָסטו, זיינוול פאַרגעסט נישט אין דיר, אסור צי אַין מינוט, אַז ער שטייט דאָרט ביים ראָד אַ גאַנצן טאָג אין דער דרו־קעריי — — — וואָס? דו וויינסט גאָר? מאַמע, וויין נישט, אַז נישט וועל איך מיך אַזוי צעכליפּען, אַז ס'עט מיר אַ בושה זיין אַריינצוגיין צו דער אַרבעט.

קאַפּיטל פיר

פון די אַלע גרויסשטאָטישע שויפענצטער, ווו עס שפרייטן זיך מיט אַזאַ רייך אַלעריליי טייערע סחורות און עסנוואַרג, איז זיינוולס בליק צום

מײנסטן פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ ווײַסער חלה, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן זײַן הײם.

די ווײַסע חלה איז געשטאַנען אין אַ פינקלדיק פענצטער אויף אַ דיק ברעטעלע גלאָז און האָט אַזוי ברוינלעך געמיניעט. אין דער מיט חלה האָט געשטעקט אַ בלעטעלע מיט אַ פעט־געדרוקטן ציפער : 500 מאַרק.

אַז ער האָט אַ ווײַל זיך אַזוי פאַרקוקט, איז לעבן דער חלה פאַר אים אויסגעוואַקסן אַ קלײן טישל, איבערגעדעקט מיט אַ געקעסטלט טישטעך, מיט פראַנדזן אַרום. אויפן טיש — צוויי מעשענע לײַכטער, דערנעבן אַ גע שטריקט חלה־טישטעכל.

אין שטיבל איז איצט גאָר ליכטיק : דאָס אַכטער לעמפּל ברענט אויף דער וואַנט.

אין דרויסן איז קאַלט.

אַ פוילער ווינט האָט זיך צעבלאָזן אין דער נאַכט־שוואַרצקײט מיט אַזאַ קוויטשיקער אימהדיקײט, ווי עס וואָלט געוואָרן אַ געשלעג צווישן שדים. זײַנוול איז דעמאָלט געבליבן אין שטוב, מחמת די שטיוול זענען ביי אים אָפּן געוועזן און ער האָט נישט געקענט מיטגײן צום דאַווענען. זיצט ער אַזוי מיט די באָרוועסע פיס פאַרלײגט און קוקט אויף דער פינקלדיקער רויקײט, וואָס הילט זיך איבער דער שטוב, איבער דעם ווײס־געשײטן זאַמד. און ער פילט : דאָס וועט לאַנג נישט געדויערן. דער טאַטע איז קראַנק, די מאַמע — אַלט. ער וועט אויסגעוואָרפן ווערן אין אַ פרעמד אָרט אַרײַן. ווי אַזוי, ווו ? א סוד, וואָס האָט אים ס'האַרץ באַשווערט.

אַז ער איז אַוועק פון שויפענצטער, האָט ער זיך ברייט איבער דער גאַס צעקוקט, ווי ער וואָלט זי ס'ערשטע מאָל געזען. קײן שום ענלעכקײט האָט ער נישט אויסגעפונען צו דעם וואָס ער האָט דעמאָלט בלינדערהײט געזאָגט. עפּעס ווי אַ שטײנערנער, גראָער פאַנצער האָט זיך די שטאָט אים געוויזן, און ס'האָט אים געצויגן צוריק צום שטיבל, צו טאַטע־מאַמע, צום גאַנצן סוד, אײדער ער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים. און ווײַל ער האָט געוווסט, אַז דאָס אַלץ איז שוין פאַריבער, ער וועט שוין קײנמאָל נישט קומען דערצו, האָט ער געהאַפּט דאָ אין דער שטײנערנער גרויסער שטאָט צו שאַפן זיך אַזעלכע שעהען וואָס זאָלן כאַטש ענלעך זײַן צום לעבן זײַנעם

פון אַמאָל: ווען קומען אַ פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען ער אין דער שטוב, ווי ער בענטשט, אויסשיטן זאַמד, אַהיימקויפן די ווייסע חלה און זיך אויסן־זעצן און ברומען יענעם פריילעכן נגון וואָס ער האָט אַזויפיל מאָל מיטן טאַטן געזונגען, אַזויפיל מאָל.

סוף כל סוף, אַז ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט 500 מאַרק, בתנאי זיך צו קויפן די חלה, האָט ער, צוקומענדיק צום שויפענצטער, דערזען עפּעס, וואָס די ערשטע מינוט האָט ער זיך עס נישט געגלויבט. די חלה איז גע־ווען די אייגענע, ער וואָלט זיך געשווירן דערויף. דאָס בלעטל איז אויך געווען דאָס אייגענע, נאָר דער ציפער האָט זיך געביטן. אין דער ברייט אַריין איז צעשטעלט געווען 650 מאַרק. און מיט צער האָט ער זיך געמוזט איינקריצן, אַז ער קען די חלה נישט קויפן, עס מוז נאָך דויערן אַ פרישע וואָך.

קאַפּיטל פינף

די אַלע פּלענער, וואָס זיינוול פלעגט שפּינען אין די פרייע שעהען, זענען עפּעס פון אַ כוח, וואָס ער האָט אים נישט געגונט תופס געווען — צו נישט געוואָרן. פון דעם זיסן פּלאַן, אַז ער וועט אַמאָל פאָרן צו דער מוטער אין דאָרף און ברענגען איר מתנות פון דער גרויסער שטאָט, האָט ער זיך שוין אָפּגעזאָגט — אוממעגלעך. אוממעגלעך אים אויך צו קויפן די ווייסע חלה, דעם שיינעם שבת־שפּיגל פון זיין אַמאָליקער היים — אומ־מעגלעך.

אין דעם קוואַרטאַל, ווו ער לעבט, איז אַן איינציק וואָרט צאַרנדיק געשיבט געוואָרן פון אַלעמענס מיילער: — אַזאַ יקרות, אַזאַ פייער.

פאַרשטומט איז געוואָרן דער קלאַנג פון האַמערס, זעגן, העק אין די סוף־שטאָטישע געסלעך; אויסגעהויכט געוואָרן דאָס שטענדיקע קלאַ־פּערײַ פון געצייג. אַ טויטקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט. געוויינען, קינדע־רישע געוויינען, פלעגט מען איצט הערן פון די פענצטער.

אין דער דרוקעריי, ווו זיינוול האָט געאַרבעט, האָבן זיך די אַרבע־טער אַ גאַנצן טאָג געסודעט און ביים אַהיימגיין געזאָגט זיינוולען:

— אַ שטרייק. מאָרגן זאָל ער נישט קומען צו דער אַרבעט, ער דאַרף זיין אין פאַריין. ער וועט איצט פאַרדינען טאָפּלט.

האָט זיינוול ווייטער אָנגעהויבן מאַכן אַ חשבון פון אַ צענער־טויזנט מאַרקשטיק אַ וואָך. און אַז ער איז פאַרביי דאָס שויפענצטער, וווּ די חלה האָט זיך געפינען און דער ציפער אויפן בלעטל האָט זיך ווייטער געענ־דערט: אין אַ גלייכער ריי, ווי די זעלנער, האָבן דריי נולן מיט אַן איינס זיך אויסגעסדרט אין אַ גאַנצן 1000, האָט ער געדולדיק געקוקט און גע־וואַרט. ער האָט אונטערגעהונגערט די שטרייק־טעג, האָפענדיק צו דער חלה זיך צו דערשלאָגן.

און נאָכן שטרייק האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן דער אייגענער גע־ראַנגל פון שפּאָרן און דעריאָגן דעם ציפער אויפן בלעטעלע, ביז — ער האָט זיך אונטערגעגעבן.

אַ צייט דערנאָך, אַז ער איז פאַרביי פאַרן שויפענצטער, האָט דאָס בלעטעלע אים אויסגעוויזן ווי אַ צינגל פון אַ לץ, וואָס לאַכט פון אים און פון זיינע פּלענער און בלעזלט יעדעס מאָל אַרויס אַ נייעם, אַ גרעסערן ציפער.

קנעפּלעך

אין אַ זייט פון אַ גרויסן מאַרק, ווו דער האַנדל שטעלט זיך צוויי מאָל אין וואָך, איז געזעסן אין אַ ווינקל אַן עלטערע פרוי און האָט געהאַלטן אין שויס צום פאַרקויפן אַ פאָר טיץ ווייסע העמדער־קנעפּלעך.

ס׳וואָלט זי אפשר קיינער נישט באַמערקט. דער מאַרק איז געווען אַ גאָר גרויסער און באַלעבטער. פון פיר טומלדיקע גאַסן, וואָס האָבן געפירט פון פאַרשידענע שטאָט־טיילן, האָבן זיך די ראַגעס, ווי צעעפנטע פּיסקעס, דאָ אַריינגעריסן און אין אַ יריד־טאָג אַן אויפהער מענטשן אַהער אויסגעשפּיגן. איבערן גאַנצן רונד פון מאַרק האָבן ביידלעך און שטעלן פון זייערע ווענט, אַלייען געשאַפן. יעדע אַזאַ אַלייע האָט אירע באַזונדערע אַרטיקלען געהאַט און אויף איר שטעג האָבן אַרומגעווימלט די קוניב.

קוים זענען אַלע סחורות פונאַנדערגעפּאַקט געוואָרן האָבן זיי פאַרבלענדט מיט זייער שניידנדיקער פאַרביקייט.

דער מאַרק האָט זיך געפונען אין אַ הינטערשטאָטישן קוואַרטאַל און האָט געדינט פאַר דער אָרעמער און אַרבעטער־באַפעלקערונג פון דער געגנט. איז אַלץ געווען ביליק, שרייענדיק און אָנגעגלאָנצט.

אין דער ערשטער אַלייע — ביידלעך מיט העמדער געקראָכמאַליעטע, אין די גרעלסטע פאַרבן: ברוינע קאַסטנס אויף ווייסן, רויטע פּאַסן אויף בלוי, מיט גלימערדיקע ווייסע קנעפּלעך. די דאָזיקע אָנגעשטייפטקייט האָט איין חגא־טאָג אָנגעהאַלטן, ביז דאָס העמד האָט נישט די וואַרעמקייט פון לייב דערפילט.

אין קויבערס און אויף די הענט איז מען אין אַ צווייטער אַלייע מיט באַגנוולנע שפּאַט־ביליקע שטרימפּ געשטאַנען, מיט שטרייפן ווי קייטן אַרומגעקאָוועטע, וואָס זענען אויפן דריטן טאָג אויפן פוס צעגאַנגען. אַזוי מיט נאָז־טיכלעך בחצי־חינמדיקע, מיט פערד אָדער העלדן אויסגעמאָלע־

נע, וואָס זענען נאָך צוויי מאָל די נאָז דערשפּירן געפּאַלן אין זייער שטייף־קייט, ווי נאָך אַ פֿאַרשפּילטער שלאַכט. שפּיצן, בענדער, וואָס כוואַליענדיק בלויז אין לופֿט, זענען זיי ווי טייגן אַראָפּגעיוירן; שטויסן קנעפּלעך ווײַ־סע, וואָס ביים דערזען די וועש זענען די בעקלעך זייערע אויפגעלאָפן, ווי נאָך אַ געשווילעכץ, און די בײַנדלעך — אויסגעלענקט זיך פון די גלידער; שטעלן מיט מלבושים, מיט מאָדעס פון פּוטיפרס צייטן, וואָס אין רײַכע הײַזער האָט מען זיי שוין צו די שמאַטעס פאַררעכנט און דאָ זיי ערשט אויפגעפרישט און ביים „באַנייען" אַ „תתחדש" זיך געווונטשן. שיכוואַרג, וואָס זענען אויף שטאַנגען געהאָנגען, און דער גלימער זייערער האָט אַ חשד געוואָרפן, ווי ציגיינערישע בליקלעך, צי עס באַהאַלט זיך נישט אונטער דעם פיינעם גלאַנץ אַ לופטיק־ערטל. אַ ריי איז אויך געווען פון אימיטאַציע־בלימלעך. אויפגעצויגן אויף לאַנגע שטעקנס, האָבן זיי מיט דראָטענער שטייפקייט זייער „פריש־צאַפּלדיקייט" דעמאָנסטרירט.

אַרום דעם מאַרק האָט געווימלט פון פאַרשידענע בעלי־חיים: טויבן אין לאַנגע עופות־שטייגן, וואָס האָבן כסדר געוואָרקעט; הינט, וואָס די בעלי־בתים זייערע האָבן זיי פון צייט צו צייט ביי די ווידלעך גע־דריקט, כדי זיי זאָלן בילן און ציען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט. עס זענען אויך אַרומגעשפּרונגען קיניגלעך, אויפגעשטעלט און אַראָפּגעלאָזט די לאַנגע אויערן און געזשאַמזשעט די אויסגעשפּרייטע גרעזער אונטער זיך, ווי אַלטע אַנצייניקע זקנים. דאָ און דאָרט האָט מען אויך געזען אַ ציג האַלטן אויף אַ שטריקל, וואָס האָט מיט אַזאַ פאַרצויגענעם פּיקחותדיקן ציגן־בליק און מיט דער וויסער באָרד אַזוי פילאָזאָפיש באַטראַכט דעם האַנדל־וואַנדל, צוגעשאָקלט מיטן לעקישעוואַטן בערדל און לסוף אַרויס־געלאָזט אַ לאַנגן מע־ע־ע, ווי איינער זאָגט: „אויך מיר אַ מסחר". און אַלץ האָט געשריגן, אַלץ האָט גערופן און געלויבט אין טאָג אַריין זיין סחורה. און די קונים האָבן באַטאַפּט, גענישטערט, עקשנותדיק זיך געדונגען ביי יעדן גראָשן: יעדס מאָל אַוועקגעגאַנגען און געקוקט זייטיק, צי דער סוחר רופט נישט צוריק. און די סוחרים פון זייער זייט האָבן אַזוי־לאַנג זיך געקליגלט ביז זיי האָבן נישט איינגעזען, אַז דער קונה גייט טאַקע אַוועק.

פון דעם גאַנצן געהיים האָבן זיך נאָך געהערט בעטלערישע תחנונים פון ס'רוב בלינדע אָדער אַנדערע קאַליקעס, וואָס האָבן צוגע־שפּילט אויף האַרמאָשקעס.

טאָ ווער האָט געקאָנט באַמערקן אַ פרוי, וועלכע איז געזעסן אין אַ זייט פון מאַרק מיט אַ פּאָר טוץ קנעפּלעך אין שויס?

די פרוי, אין אַ שוואַרץ אַלטמאָדיש סטענדל, מיט אַ ווייסער הויב אויפן קאָפּ, וואָס האָט איר אַפּירגעלאָזט אַן אײדל געצייכנטן שטערן, איז געזעסן אין בכבודיקער זקנישקייט, נישט געשריגן, נישט גערופן קיין קונים.

דאָך זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן גלייך צו איר געצויגן, נישט פּאַרטוישט זי פּאָר די אויפגעבלאָזענע שטעלן מיט גראָסן און שטויסן פאַבריק־קנעפּ, וואָס די סוחרים זייערע האָבן זיך אויף די העלדזער געריסן.

די אַלטיטשקע האָט די קנעפּלעך אירע אין דער האַנט געמאַכט, אויף פּאַרעמקעס זיי באַצויגן, ווי אונדזערע עלטער־עלטער־באָבעס אַמאָל; אַ שטעכעלע און אַ שטעכעלע פּאַרלייגט — געזונטע, קלאָרינקע ציינדלעך אַרום. און זיי האָבן טאַקע איבערגעהאַלטן וועשן, מאַגלס, גליענדיקע פּלעט־אײַזנס, קלעפּ ביים אויסלופּטערן די בעטגעוואַנטער — ביז אין דער אייביקייט פון די ליוונטער.

נו, האָבן טאַקע די דאָזיקע פּאָרן קנעפּלעך אַ באַזונדער וועלטע־לע, אַ פּאַרגאַנגענס, אויף דעם צעשריגענעם מאַרק געשאַפן.

הגם קונהטעס האָט זי געהאַט געציילטע, זענען זיי אָבער געווען געשוווירענע. אַהער איז געקומען אַ בלאָנדע אויסגערונדיקטע פרוי מיט אַ פול פליישיק פּנים, וואָס עס האָבן דערפון ארויסגעקוקט אַ פּאָר העל־בלויע אויגן. געגאַנגען איז זי לויט דער אַלטער מאָדע: אין אַ הויכן קאָקס פּאַרקעמט, מיט גלאַטע האָר פון פּאָרנט; שטרימפּ — שוואַרצע, געפּאַרמל־טע, וואָס עס איז שטאַרק אויפפאַלנד געווען קעגן די גלאַטיקע, לייב־קאָלירענע און העלע, וואָס אַנדערע פרויען האָבן געטראָגן. דאָס אייגענע מיט די קלעצלעך פון די שיך — ביי איר זענען זיי געווען פּלאַטשיקע, ברייטע, געזונט־טראָטיקע, און נישט קיין געהוילטע, אונטערשפּרינגענ־

דיקע, ווי ביי אַלע אַנדערע. דעם סוועטער אויף זיך, אַ גרין־זיידענעם, האָט זי אַליין אויסגעשטריקט. דאָס האַנט־קישל אין האַנט צום איינקויפן, אַ געפלאָכטנס, איז געווען איר אייגענע אַרבעט. זי איז געווען פון מיטעלן וווקס, אַ געזונט־פלײשיקע און אַ הויכבוזעמדיקע.

אַז זי איז צוגעקומען צו דער אַלטיטשקער נאָך קנעפלעך, האָט זי גלייך נישט געקויפט. דאָס ערשטע זי אויסגעפרעגט אויפן געזונט, ווי עס גייט איר אין דער אַרבעט, און גלייך אַריבער אויף איר באַליבטן שמועס מכוח די פאַרגרינטע ווייבעלעך די היינטיקע, די צוגעפודערטע און אַרומ־געבעטע, וואָס פוילן אַוועק מיט דער מאָדע.

— זעסט, — האָט זי דער אַלטיטשקער אָנגעוויזן אויף דער ער־שער בעסטער יפהפיה, וואָס איז פאַרביי, — זאָל מיט אַזאַ איינער אַ מאַן לעבן בשלום? זיי זענען דאָך צעפּרעסן פון לויטער פאַרב און אינגאַנצן איז דאָס בלויז נערוון. גאָט, גאָט, וואָס איך זע זיך צו ביי די שכנים, ביי די דאַמעלעך. אַז דער מאַן גייט אַוועק, נעמט מען אַריין אַן אַנדערן. דער־נאָך קוילעט מען זיך, מען שיסט זיך. ביי מיר — האָט זי געזאָגט און דאָס פּליִש האָט פון איר אָפּגעקוואָלן — צוועלף יאָר נאָך דער חתונה און אַנ־דערש ווי מאַמעלע, האָט דער אַלטער נאָך נישט געהערט. פאַרוואָס טאַקע נישט?, אויפגעהאָדעוועט אים זעקס קינדער ווי די ביקעס, און נישט זיך אָפּגעגעבן מיט דער מאָדע. פאַר דעם קליינעם געהאַלט וואָס ער ברענגט פון דער טראַמוויי־דירעקציע, האָט ער דאָך אַ גן־עדן. זיצט ער טאַקע נאָך דער אַרבעט אין דער היים און שלעפּט זיך נישט אַרום מיט די הולטייעס און שיכורים.

— יאָ, יאָ, — האָט די אַלטיטשקע פרום־קאַטוליש די הענט פאַר־בראָכן, ווי צום צלמען — אַ גרויסע נויט אויף דער וועלט באַשאַפן מיט זייערע נייע אויפטוען. שלעכט, שלעכט — האָט זי געזיפצט, — דאָס איז דעם טייוולס אַרבעט.

אַזוי האָט מען אויסגערעדט אויף דער היינטיקער וועלט, גענומען אַ טוץ קנעפלעך און באַצאָלט לויטן אייגענעם איינזען (די קנעפלעך האָבן קיין פעסטן פּרייז נישט געהאַט און יעדער האָט געצאָלט לויט איינזעעניש) און פרום זיך צוגעווונטשן: „גאָט באַגליק״.

שפעטער איז אַ ברונעט, באַשיידן אָנגעטוענע פריילין צוגעקומען. דאָס איז געווען אַ טאָכטער פון אַ רייכן בעל־הבית, וואָס האָט פאַרמאָגט הייזער און פעלדער. זי האָט זיך געגרייט צו דער חתונה, שוין געהאַט אָן איינגעאָרדנטע וווינונג אין איינעם פון דעם פאָטערס הייזער. האָט זי זיך געזוּאָלט איינפונדעווען עפּעס אַ פעסטע, זיכערע היים נישט ווי די הייג־טיקע, איינגעקויפט פון די טייערסטע שטאָפן, און אויך נאָך די האַנט־קנעפּלעך געקומען.

אין גרויס צעטראַגנקייט איז אַ בלאַסע, לאַנג־פּנימדיקע פרוי אָנ־געקומען. זי האָט געהייסן פאַרפּאַקן אַ פּאָר טוץ קנעפּלעך, צומאָל נישט אָנגעקוקט און באַצאָלט. זי האָט שוין געמאַכט אַ באַוועגונג צום גיין און דאָך זיך פאַרהאַלטן.

— באָבעלע — האָט זי גענומען רעדן צו דער אַלטיטשקער — וואָס וועט דאָס זיין? עק וועלט! דער מאַן מיינער איז דאָך שוין אַנטלאָפן פון מיר, איבערגעלאָזט מיך מיט אַ קינד אונטערן האַרץ. און אינגאַנצן נאָך קיין האַלב יאָר נישט נאָך דער חתונה. פאַרשרפעט זאָל עס ווערן! אַ וועלט — האָט זי צום מאַרק געוויזן — אַלץ אויפן טאָג. די קליידער זע־נען שוין צעלייגט, די שיך צעריסן, די קנעפּלעך ביי דער וועש — אָפּגע־בראָכן, דער מאַן נישטאָ, אָ, יעזוס! ביי מיין מאַמען האָט עס דאָך צו דריי־סיק יאָר נאָך דער חתונה אַזוי נישט אויסגעזען. און דאָ — אַ האַלב יאָר, אַ טרויעריק האַלב יאָר, אויף וועלכן כ׳האָב דאָס גאַנצע לעבן אָנגעהאָרע־וועט — און האָט אַ טיכעלע צו די אויגן גענומען.

אינדעם איז דער דיכטער פּ. אָנגעקומען אויפן מאַרק. ער איז נאָך בערך יונג געווען, אין די פערציקער, און איז באַקאַנט געווען פון זיינע לידער־אויסגאַבן און פּאָעמען. חוץ דעם האָט ער מיט זיין מאָדנעם אויסזען געצויגן אַלעמענס אויפזען: קליינטשיקע שוואַרצע אייגעלעך — פינטע־לעך אומרויקע, וואָס זענען געלאָפן אויף אַלעם, וואָס איז זיי פאַרביי; אַ גראָבן, אויסגערונדיקטן שטערן, ווי אַן אַרבוז, אַ נידעריקער, מיט אַ דאַר ביינערדיק פּנים, מיט אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן, אַ טונקעלער, האָט ער געענדלט צו אַ קאַלמיק. געגאַנגען איז ער אין אַלט טראַדיציאָנעל דיכטערישן טראַכט: לאַנגע האָר, ווי שפּינאָזע, אויך אַ שוואַרצן ברייט־

ראַנדיקן הוט און אויפן האַלדז אַ שוואַרצע שלייף אין דער ברייט און לענג, ווי אַ צלם אָן אויבערשטן שפּיץ. אין דער גאַס, ווער ס׳האָט אים פון פאָלק געזען, האָט אַ טראַכט געטאָן: אַהאַ, דאָס איז איינער פון יענע לייט.

ער פלעגט פון צייט צו צייט מאַכן זיינע שפּאַצירן אין הינטער־שטאָטישע און אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אויף מערק, זען — אויף זיין לשון — ווי דאָס פאָלק לעבט, ליידט און זיך צוריק פאַרשליסן אין זיין „איך״. הגם ער איז זייער אָרעם געווען, האָט ער מיט דער אָרעמקייט קיין שייכות נישט געוואָלט האָבן, זי אויסגעמיטן. פיינט געהאַט, נישט אַזוי מחמת קוועל, ווי צוליב עסטעטישע טעמים. גראַבלען זיך אין פוילעכץ, אומריינ־קייט, אַרומנעמען זיך מיט גרויקייט — ווען הימלען אַזעלכע אומענדלעך צעפּראַלטע, הענגען איבער דיין קאָפּ, פאַרלייגן אַן אומאויפהערלעך פאַרבנ־שפּיל פאַר דיין אויג און צערטלען אַזוי דאָס געמיט; ווען מוזיק קען אַזוי פאַרוויגן דעם מענטש, אריינוועבן אים אין אַזעלכע וווּנדערלעכע טענער, וואָס היילן, היילן און גיבן אַ געגנוגטואונג אַפילו פאַר די ליידן; ווען פאַר אַזאַ גראַשענעם פּרייז זענען בלומען פאַרהאַן, וואָס שפּיזן דאָס אויג מיט שיינקייט. ער פלעגט נאָר נאָך אַזאַ שפּאַציר, נאָך דעם אָפּשיילעכן דלות, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן, באַווייגען אין זיינע לידער דעם „גורל״ פון מענטש. ער האָט אים פאַרגליכן, דעם מענטש, צו אַ בלעטל אין ווינט, וואָס ווערט געוואָרפן נישט מיט זיין כוח, צו אַ כוואַליע אין ים, וואָס ווערט געשליידערט פון אומברחמנותדיקן שטורעם א.א.וו.

האָט ער געזונגען:

„ווער קאָן דעם וועג פון שיקזאַל מיידן?
און ווער פאַרשטיין זיינע צילן?
דו נישט, מיין האַרץ! דו מוזט נאָר ליידן —
ס׳איז שיקזאַלס־ווילן.
לאָז אָפּ; לאָז אָפּ! צו וואָס דאָס פרעגן?

---

* די סטראָפן און די היסטאָרדיקע, זענען פונעם בוך „ליכט און שאָטן״ פון דיכטער ס. ג.

ש. בערלינסקי

נישטאָ קיין הילף דיין ווי צו שטילן!
גיי ווייטער אויף די לידנס־וועגן —
ס'איז שיקזאַלס־ווילן".

היינטיקס מאָל האָט דער דיכטער פ. אויפגעגרוילט אויפן מאַרק מער ווי תמיד. די אַרבעטלאָזיקייט און די אָרעמקייט האָט זיך אַזוי געשטאַרק אין דער געגנט. עס זענען געשטאַנען שמוציק־באַוואָקסענע אַרבעטער און האָבן פאַרקויפט פון זיך דאָס רעקל אַראָפּ, אַן אַלטן קראַוואַט. פרויען זענען געשטאַנען מיט שטוב־מכשירים: ראָנדלעס, טעפּ, אַ בענקל פון הינטערן געזעס אפיר.

אויף איין אָרט איז אַ פאַמיליע, אַ פאַרפּאָלק מיט צוויי קינדער, געזעסן אַרום אַ ביסל שטוב־חפצים און האָבן זיך געבעטן ביי די דורכגייער: „אַן עקסמיסירטע פאַמיליע, קויפט, וואָלוול, וואָלוול". „מיר ווילן פאַר דעם געלט ערגעץ־ווו אַ נאָרע קריגן פאַר די קינדער" — האָט די מוטער געריפן.

מענטשן זענען דאָ אַרומגעשטאַנען, ווי אויף בייז־וווּנדער, באַטראַכט דעם גרינעם קופערטל, אַ בעט, אַ וואַסער־בענקל. קיינער האָט אָבער נישט געקויפט, די זאַכן זענען שוין געניוג אָפּגענוצט געווען.

דער דיכטער פ. האָט באַטראַכט די צוויי קינדער, מיידעלעך זעקסאַכטיעריקע, ווי זיי זיצן אויפן ברוק, איינגעפּעלצטע, הגם דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אין אַלע מלבושימלעך וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט, די הענטלעך — פאַרשטעקט אין די טעשלעך. ס'האָט אים ס'האַרץ פאַרקלעמט —אַזאַ עלנט האָט אַרויסגעשריגן פון דעם בילד. ער האָט איצט איין גרויס הונגער־געזינדל געזען אויפן מאַרק. די סחורות זענען געפּעלשטע, אומעסטעטיש שרייענדיקע, דער האַנדל — אַן אָפּנאַרערישער, נאָר אַריינצוקריגן איינער דעם אַנדערן, אַ שרעק מיט דעם לעבן.

ווי תמיד אין אַזאַ מאָמענט איז אים אַרויף אויפן געדאַנק: „ווען עס ווערט דיר ענג אויף דער ערד, ווענד דיין בליק צו די הימלען". און ווירקלעך — אַזאַ פריער, לויטערער הימל איז איבערן פּלעקיקן מאַרק געהאַנגען. ס'איז שוין געווען שפּעט־זומער, סעפּטעמבער, אָבער דאָך האָבן

אַזעלכע זילבער־שוימען געלייכט איבער בלויע הימל־שטרעקעס. די זון, אַ צעשיינטע, האָט אין זיי אַרומגעשוווּמען. דאָ, ווו זי איז צוגעקומען, האָט זי די שוימען צעטאַפּיעט, זילבערדיק צעלאָזן, ווי אָט־אָט הייבט אָן רינען זילבער־טריף פון הימל. ער האָט אַ ווייל אַזוי געבלאָנדזשעט מיט זיינע בליקלעך איבער די פרייע רוימען, האָט זיך ווי געוואָלט אַריינוועבן אין דעם נאַטור־געוועב. ער האָט זיך דערפילט לויזער, אָפּגעצויגן געוואָרן פון דער אַרומיקערווירקלעכקייט. ס׳האָבן זיך אים אָנגעהויבן שאַפן סטראָפן:

„דו מוזט די לאַסט פון לעבן טראָגן,
באַשטימט איז דיר דער וועג פון פּיין.
וואָס העלפט דער שמערץ? וואָס העלפט דאָס קלאָגן?
אַזוי מוז זיין! אַזוי מוז זיין!

ווער קען זיך קעגן שיקזאַל ווערן?
וואָס קאָן דער מענטש אין זיין באַגער?
ער האָט נאָר טרוימען, האָט נאָר טרערן —
און גאָר נישט מער! און גאָר נישט מער!"

ער האָט שוין מיט די געדאַנקען געוואָלט אַהיים. נאָר דורכלויפנ־דיק דעם מאַרק, האָט ער די אַלטיטשקע מיט די קנעפּלעך אָנגעטראָפן. ער איז גלייך צוגעשמידט געוואָרן צו איר. דאָס פּאַטריאַכאַלישע אויסזען, איר בכבודיק זיצן האָט אים, הגם זי איז אַ קריסטין געווען, אין אַזאַ דערי־נערנדיקער וועלט אַריינגעפירט. ער געדענקט דאָך זיי, די פרומע קריסטן, אויפן עק פון זייער שטעטל, מיט די צעבליטע וואַזאָנעס אויף זייערע פענצטער. מיטן אויפגעשפּיצטן צלמל אויף די געקאַלכטע ווייסע הייזלעך. און אַז ער האָט די ווייסע האַנט־קנעפּלעך ביי איר באַמערקט, איז ער אויפגעשפּרונגען פאַר פרייד, זיי גענומען, ווי טייערע איידל־שטיינער. באַטראַכט אַזוי יעדעס האַנט־שטעכעלע און ס׳האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן שפּינען אַזאַ געוועב: צוריק — אין אַזאַ פאַר אים שלווהדיקער וועלט, ווען מענטשן זענען געזעסן אין זייערע היימען און האָבן דאָס האַנטווערק

אונטער זייער בעליק געפירט: אויפן שפינדל געשפינט, אויף דער האַנט־שטול געוועבט און אויף דער האַנט גענייט. אין זיין דמיון האָט ער געזען גאַנצע שטעטלעך, וואָס פּערדלעך פירן זיי אין דער וועלט אַריק, זיצן ביי זייער פרידלעכער אַרבעט, די נאכט וויגט זיי ווי אַ מאַמע איין און רוט זיי פריש אויס.

די אַלטיטשקע האָט אים אַנגעהויבן פּאַראינטערעסירן. ער פלעגט אָפט קומען צו איר אויפן מאַרק. שעהן געשטאַנען ביז עס האָט זיך ווער פון אירע קונים באַוויזן. ער האָט געוואָלט וויסן, פאַרוואָס זיי קומען צו איר, מיט וואָס זיי טיילן זיך אויס פון אַלע קונים אויפן מאַרק. ער האָט געקויפט די קנעפּלעך, הגם ער, אַ מענטש אַליין, האָט זיי צו גאָרנישט געדאַרפט פאַרווענדן. ער האָט זיי אויסגעסדרט אין זיין איינזאַם צימערל, ווי אַנדערע זעאונגסווירדיקייטן, וואָס האָבן געוועקט ביי אים עמאָציעס.

נאָר די־אַ קערנדלעך, וואָס זענען פאַרזייט געוואָרן אין זיין געמיט, האָט ער אַנגעשריבן אַ פּאָעמע א. ט.:

„די זונען־שטעגן אין גרויען מדבר".

דאָרט האָט ער מיט פּאַטאָס געשריבן:

„יאָ, איר קנעפּלעך! איר פירט מיך צוריק צו דעם ליכטיקן עבר, ווען אויף אַלעם איז געלעגן דער חותם פון מענטש, ווען יעדע טוּאונג האָט אַ צייכן פון אַ פּערזאָן געטראָגן, ווען אין יעדער אַרבעט האָט זיך געשפּיגלט דער אינדיווידיום.

אַזאַ כתב־יד האָט געהאַט פלוני בן פלוני, אַזוי האָט דער געשניצט און אַזוי האָט יענער גענייט.

דער מענטש, וואָס איז אַזוי אייגנאַרטיק פון זיין טריט אויס, אַז יעדער זיין באַוועג, זיין שטים, זיין בליק, זיין אויסזען איז נאָר זיינער, אַ פּערזענלעכער, אַן אינדיווידועלער, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן פון דעם באַשעפער — האָט אַזוי אַרום זיין אויסדרוק באַקומען.

און זיי האָבן, די מענטשן־זין, ווי די איינצלנע פּרוכט־ביימער, געשאַפן דעם גרויסן גן־עדן פון דער וועלט.

איצט ווערט דאָס פאַרטוישט מיט מאַשינעס, וואָס פאַרווישן דעם
מענטש, צעטרעטן אַלע שפּורן פון יחיד, — פאַרטושן די פּערזאָן.
עס הערט אויף דער מענטש! עס הערט אויף דער מענטש!
מיר לעבן אין אַ מענטשלאָזער עפּאָכע.

אינהאלט:

	זייט
כנרת	7
אין די בערג פון יהודה	9
חיפה ביינאַכט	11
שטאַפּלען	13
אַ שטורעם אויפן ים	15
פאַרטאָג אין צפת	17
אַ חיגטל	19
פרילינג	21
ערד	23
אַ ניי הויז	25
רייטער	28
אַפּישן	31
אַ קעצעלע	34
דער מאַטראַז	37
דער טאַנץ־מייסטער	42
דער מאָלער־קוואַרטאַל אין צפת	45
קינדער אין אַ מעברה	47
זאַמד	49
גאַסן־שפּילער	59
אַ האַנט	62
אַ פויגל	64
אַ בוים איז געפאַלן	66
געשריי נאָך פרייקייט	69
אַן אַלטיטשקע	71
אַ קינד	73
די לעצטע לאַמטער	76
אין אַ פרימאָרגן	79
אין דערוואַרטונג	84
שבת אין ירושלים	88
דער ערשטער גאַנג	91

דער ים האָט געברענט 94
אַ זעלנערקע 96
אין גן־חיות 101
אַ ישוב אין נגב 103
אין אַ פאַרנאַכט 105
ביים שפת־הים 109
ציפּרעסן 111
קליידער 115

אין וואָגל

פּליטים 121
אין יענע טעג 135
אין אַ קאָלכאָז 177
אין טאָג פון נצחון 184

היים

דאָס חייסע הויז 191
חעגן 207
חודש ניסן 212
אַ פאַרטאָג 217
רעטעכלעך 223
אין אַ שענק 225
חייסע חלה 236
קנעפּלעך 236

אין פארלאג פרץ-ביבליאטעק זענען ביז איצט דערשינען:

י. זרובבל —

בלעטער פון אַ לעבן — 2 בענדער

(דער ערשטער באַנד איז אויספאַרקויפט)

מענדל מאַן —

נאַכט איבער גלושינאַ

אברהם סוצקעווער —

מדבר סיני

ישראל טאָבאַקמאַן —

מיינע איבערלעבונגען